# סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חֵלֶק ה'

## אִידִישׁ

שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָב עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ, מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,

אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן עֶרֶב חֲנֻכָּה שְׁנַת ה'תשפ"א לפ"ק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

קרן הדפסה
היכל הקודש

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# לזכר עולם יהיה צדיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרַב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מוה"ר **יואל** בן ריצא רעכיל

**ראטה** שליט"א

ראש ישיבת תפארת התורה ברסלב

וזוגתו

**אסתר גיטל**

בת חי' שרה האדיא תחי'

וילדיהם

**שלמה נרו יאיר ומשפ',**

**אלחנן חיים, מרים העניא זיסל,**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל

משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

# אַ וָואָרְט פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן עֵצוֹת. וָואס מִיט זֵיי קֶען יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיז'ן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח): "מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵויס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", ווייל יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִיץ קוּמֶען סַיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה; אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִיץ קוּמֶען פַאר'ן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ וַוייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ט) אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת. אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ט) "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" - "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!"

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עִיקַר צִיל אִין לֶעבְּן. זַיין מִיה אוּן פְּלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, בָּרוּךְ ה', נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵק הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט. דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵק זַיין, אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ שִׂמְחַת הַחַיִים, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקַיֵים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

אִין דֶעם בִּיטֶערְן טָאג י"ז שְׁבָט תשע"ה לפ"ק, הָאבְּן מִיר פַארְלוֹירְן דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵידָה שֶׁאֵין לָהּ תְּמוּרָה, וֶוען כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן לְחַיֵי הָעוֹלָם הַבָּא. מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵידָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁעוּר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע

לְמוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי וֶועגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז נָאךְ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה', אוֹת י"א-י"ב) אוֹיף דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (דְבָרִים ל"א, כ"ט) "כִּי יָדַעְתִּי אַחֲרֵי מוֹתִי כִּי הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אָפְּקֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י אַז מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז דִי אִידְן זֶענֶען יָא גֶעוֶוען וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר פוּן דֶעם לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד לֶעבְּט, אִיז דָאס נָאךְ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶעבְּט. וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט. פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל זָאגְן אַז אַ צַדִיק אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת י"ח.) "צַדִיקִים בְּמִיתָתָן נִקְרְאוּ חַיִים", אֲפִילוּ וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס נָאךְ אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט.

נָאר דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, קע"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ל"ד, ה') "וַיָמָת שָׁם מֹשֶׁה עֶבֶד ה'", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? נָאר בֶּאֱמֶת אִיז עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר בַּיי אוּנְז אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז בֶּאֱמֶת שְׁטַארְבְּט אַ צַדִיק קֵיינְמָאל נִישְׁט, זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן לִמוּדִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; נָאר אוֹיבּ מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט זַיין תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אִין זַיינֶע וֶועגְן, דַאן אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי אוּנְז. וִוי לַאנְג עֶס

לֶעבְּט אָבֶּער אַ תַּלְמִיד וָואס עֶר גֶעבְּט וַוייטֶער אִיבֶּער דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִיק, דַאן לֶעבְּט דֶער צַדִיק וַוייטֶער בַּיי אוּנְז. אוּן דֶערִיבֶּער, וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאכְאַלְץ גֶעלֶעבְּט.

זָאגְט דָארְט וַוייטֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם דוֹר, נָאר דָאס גֵייט וַוייטֶער אָן בִּיז'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִיק אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז ס'אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אֵיינְס אָדֶער מֶערֶערֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, וָואס זֵיי הָאבְּן דֶעם כֹּחַ וַוייטֶער אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִיק. דִי אֶמֶת'עֶ תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, זֶענֶען אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז'), אוּן וֶוען זֵיי גֶעבְּן וַוייטֶער אִיבֶּער דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִיק, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז דָא מִיט אוּנְז, עֶר וֶועט נִתְלַבֵּשׁ אִין דֶעם תַּלְמִיד'ס דִיבּוּרִים, אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ וִוי דֶער צַדִיק לֶעבְּט מִיט אוּנְז אוּן רֶעדְט צוּ אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת צ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"א, ה') "אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים", אַז וֶוען מְ'זָאגְט נָאךְ אַ דְבַר הֲלָכָה פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם, רֶעדְן מִיט זַיינֶע לִיפְּן אִין קֶבֶר.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן דֶעם תַּלְמִיד וָואס קֶען אוּנְז אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס קֶען אוּנְז וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, מִיט דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוּן הֵיילִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִין יָאר תשס"ט לפ"ק אִיז גֶעעֶפֶנְט גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה "יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה הרה"ג מוה"ר יוֹאֵל רָאטְה שְׁלִיטָ"א,

דֶער תַּלְמִיד חָבִיב פוּן כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהַרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיטְ'ן צִיל אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי לִמּוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

כָאטְשׁ וָואס אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִּילֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער צֶעוָואקְסְן אוֹיף גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, נִישְׁט נָאר אִין דִי רַאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה לֶעבְּן דִי בָּחוּרִים מִיט דִי לִמּוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר עֶס הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן אִיבֶּערָאל הֶערְט מֶען דִי דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה, טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גָארֶער וֶועלְט שֶׁעפְּן הִתְחַזְקוּת פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת. בַּיי דִי דְרָשׁוֹת זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלוֹיז אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן לוֹיט וִוי מוֹהַרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נָאר עֶר בְּרֶענְגְט עֶס מֶער אַרָאפּ אַז סְ'זָאל זַיין פַּאסִיג פַארְ'ן הַיינְטִיגְן דוֹר, מִיט דִי הַיינְטִיגֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָב, וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאנוּצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אוּנְזֶער הַיינְטִיגְן לֶעבְּן.

אַזוֹי וִוי דֶער נָאמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען בְּרִיוו פוּן אִיבֶּעראָל אָנְצוּפְרֶעגְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט מַצָבִים, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט הָאט זִיךְ אוֹיךְ גָאר שְׁטַארְק צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן וֶוערְן גֶעלֵיינְט דוּרְךְ טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וֶועלְכֶע גֶענִיסְן דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת אוּן הַדְרָכוֹת.

עֶס אִיז גְרוֹיס אוּנְזֶער פְרֵייד אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן מִיר צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַלֶע בְּרִיוו, אוּן עֶס אָפְּגֶעדְרוּקְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם

פָּארְמַאט, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶ' זַיין דֶערְמִיט. דֶער סֵפֶר וֶועט זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין פִילֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף יֶעדְן בְּרִיוו, כְּדֵי מֶען זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין אוֹיף וָואס דִי תְּשׁוּבוֹת בַּאצִיעֶן זִיךְ. כָאטְשׁ וָואס דִי בְּרִיוְו זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע בְּרִיוְו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן לוֹיט דִי פְרַאגֶע וָואס יֶענֶער הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט, אִיז עֶס אָבֶּער גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא וֶועג אַז יֶעדֶער אִיד וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַן עֶנְלִיכְן מַצָב זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זַיין עֵצָה אוּן הִילְף וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶן אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**הַמוֹצִיאִים לָאוֹר**

# תּוֹכֶן הָעִנְיָנִים


שנו וָוען מֶען מַאכְט אַ סִיוּם פוּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, דַארְף מֶען זָאגְן דֶעם "הַדְרָן עֲלָךְ"? ... טו

שנז זִינְדִיגְן שָׁאדְט פַאר דִי קִינְדֶער? ... יט

שנח זָאל אִיךְ קוֹיפְן אַ דִירָה? ... כב

שנט אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן? ... כד

שס דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנָיוֹת. דַארְף מֶען מַשְׁלִים זַיין דִי גְמָרָא וָואס מֶען הָאט פַארְפַאסְט? ... כח

שסא אִיז אֱמֶת דִי זַאכְן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן, אָבֶּער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין מְקוֹר? ... לא

שסב וָואס טוּט מֶען וָוען מֶען כַאפְּט אַ קִינְד בַּיי אַ גְנֵיבָה? ... לג

שסג ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן זִיכֶער זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּ מַיינֶע קַבָּלוֹת? ... לה

שסד וָואס מֵיינְט דֶער "נְקוּדַת הַחָבֵר"? ... לט

שסה וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ קֶען נִישְׁט אָנְנֶעמֶען אַ קָאמְפְּלִימֶענְט? ... מב

שסו מֶעג מֶען לֶערְנֶען פַאר'חָלוֹמְ'ט? נוּצְן גְרֶעיפּ דְזְשוּס פַאר קִידוּשׁ? זִיךְ צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן? ... מח

שסז אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט אוּן אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף שְׁפֶּעט, הָאט אִיר אַן עֵצָה? ... נג

שסח ווִי אַזוֹי עֶרְקְלֶערְט מֶען פַאר קִינְדֶער דִי גְמָרָא "נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה"? ... נו

שסט קְבִיעַת עִתִּים אוֹיף אַ פוּנְקְטְלִיכֶער מִינוּט? וִויפִיל מוּז מֶען אַרְבֶּעטְן? מֶעג מֶען מְפַרְסֵם זַיין סִיוּמִים? ... סב

שע אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, אוּן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, וָואס טוּט מֶען? ... סח

שעא אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן, מַיין וַוייבּ ווִיל עֶס אָבֶּער נִישְׁט אַוֶועקְוָוארְפְן, וָואס טוּ אִיךְ? ... עא

שעב ווִי אַזוֹי נֶעם אִיךְ אַרָאפּ דִי קְלָלָה אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ? ... עד

שעג אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי אֵייגֶענֶע שְׁוַואכְקֵייטְן פַאר דִי וַוייבּ? ... פ

שעד קֶען מֶען שִׁיקְן אַ שְׁלִיחַ קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? ... פד

שעה לֶערְנֶען וָוען מֶען שְׁטֵייט אִין גֶעשֶׁעפְט, בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין בִּיטּוּל תּוֹרָה? ... פו

שעו קֶען מֶען זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי גְלַייךְ נָאךְ דִי עֲבֵירָה?........................ צ
שעז וָואס זֶענֶען דִי הֲלָכוֹת בַּיים אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער?........................ ק
שעח אִיךְ הָאבּ אַזַא שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?.........קה
שעט דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשָׁנְ'עֶן, אָדֶער זִיךְ פַּארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?............ קי
שפ פַּארְוָואס שְׁפִּירְן זִיךְ דִי פְּרוּוּעֶן ווִי צְוֵוייט קְלַאסִיג?........................ קיג
שפא דֶער מֹחַ פְּלִיט מִיר אַוֶועק בַּיים דַאוְונֶען, ווִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?......קטז
שפב אוּנְזֶער קֶשֶׁר אִיז נִישְׁט גוּט, וָואס טוּט מֶען?........................קכ
שפג אִיךְ הָאבּ גֶע'גַנְבְ'עֶט אַלְס קִינְד, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דָאס בֶּאצָאלְן?.......... קכב
שפד וָואס דַארְף מֶען קוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ?........................ קכה
שפה קֶענְט אִיר מִיר קְלָאר מַאכְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת בְּנוֹגֵעַ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת?......... קכח
שפו ווֶעלְכֶע שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן רֶבִּי נָתָן זֶענֶען דִי רִיכְטִיגֶע?........................ קלה
שפז וָואס טוּט מֶען ווֶען מֶען ווִיל נִישְׁט דַאוְונֶען אוּן נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן?.......קמ
שפח ווִי אַזוֹי דִינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ?........................ קמד
שפט אַ סֵדֶר אִין תּוֹרָה, פְּרוּוּעֶן שֶׁערְן דִי הָאר, ווִי אַזוֹי ווֶערְט מֶען פָּטוּר פוּן אַ מְנֻוָּל? קמח
שצ ווִי אַזוֹי ווֵייסְט מֶען אוֹיבּ מֶען הָאט יוֹצֵא גֶעוֶוען אָדֶער נִישְׁט?............ קנד
שצא מַיין בָּחוּר בְּרֶעכְט אוּנְטֶער פוּן דְרוּק, וָואס אִיז דִי עֵצָה?........................ קנז
שצב זָאל אִיךְ מְחַזֵּק זַיין מַיין מַאן צוּ לֶערְנֶען בַּיינַאכְט?........................ קסב
שצג זָאל מֶען אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה ווֶעלְכֶע פִירְן זִיךְ נִישְׁט ווִי מֶען דַארְף?........................ קסד
שצד ווִי אַזוֹי צִיט מֶען אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער ווֶען זֵיי זֶעעֶן בַּיי דִי אַרוּמִיגֶע מִשְׁפָּחָה פַּארְקֶערְט?........................ קע
שצה שׁוֹלֵד גֶעפִילְן אִיבֶּער חִינוּךְ; אָפְּלָאזְן אַלְטֶע שִׁיעוּרִים אוּן גֵיין צוּם דֶרֶךְ הַלִּימוּד?.. קעו
שצו תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז אוֹיךְ פַאר פְּרוּוּעֶן?........................ קפב
שצז מֶעג מֶען לֶערְנֶען דַף הַיּוֹמִי?........................ קפד
שצח קֶען מֶען זִינְדִיגְן אוּן זִיךְ פַּארְלָאזְן אוֹיף אוּמַאן? אוֹיבּ קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, ווֶעט דָאךְ יֶעדֶער זִינְדִיגְן?........................ קפח
שצט ווֶעלְכֶע סָארְט נִיגוּנִים מֶעג מֶען זִינְגֶען, אוּן ווֶעלְכֶע נִישְׁט?............ קצה
ת מַיין נָאנְטֶער חָבֵר טְשֶׁעפֶּעט מִיר, זָאל אִיךְ אִים אָפְּלָאזְן?............ קצח
תא ווֶעט "מַסֶּכֶת תַּעֲנִית" אוֹיךְ הֶעלְפְן פַאר פַּרְנָסָה?........................רב
תב ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן מַיין ווַייבּ זִי זָאל מִיר לָאזְן פָארְן קַיין אוּמַאן?.....רו

תג פַּארְוָואס שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף דִי מַצֵּבָה פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זַיין טַאטְנְ'ס נָאמֶען?........................................................רי

תד מַיינֶע עֶלְטֶערְן לָאזְן מִיר נִישְׁט הָאבְּן קַיין אִינְטֶערְנֶעט, וָואס טוּ אִיךְ?...... ריד

תה שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן אַלְס בָּחוּר, לוֹיפְן מִיר נָאךְ אַלְס אִינְגֶערְמַאן.............ריז

תו קֶען אִיךְ אֶפְשָׁר הָאבְּן אַ תְּפִלָּה אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צֵייטְלִיךְ?.........רכד

תז ווִי אַזוֹי קֶענְט אִיר זָאגְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן פַאר אַ חָבֵר?...... רכו

תח וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן חוֹבוֹת?...............רלא

תט אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט סְפֵיקוֹת אִין הֲלָכָה שְׁאֵלוֹת, וָואס אִיז דִי עֵצָה?.......רלה

תי ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט, אַז מַיין טַאטֶע הָאט גָארְנִישְׁט מִיר צוּ גֶעבְּן?.. רלט

תיא ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן זִיצְן אִין כּוֹלֵל נָאךְ דִי חֲתוּנָּה?.......רמג

תיב וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גֶעפִיל צוּ הִתְבּוֹדְדוּת?............רמז

תיג ווִי אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ וֶוען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ קִינְדֶער?...רנא

תיד וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף מִיר צוּ סֶעקִירְן?.........רנג

תטו אִיךְ שְׁנַייד נִישְׁט מַיין בָּארְד בָּרוּךְ ה', דִי שְׁנוֹיצְן מֶעג מֶען יָא שְׁנַיידְן?.......רנו

תטז זָאל אִיךְ לָאזְן מַיינֶע קִינְדֶער גֵיין צוּ מַיין גֶעוֶועזֶענֶער מַאן?..............רנט

תיז הָאבּ אִיךְ רִיכְטִיג גֶעטוּן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶע'גֶט?........................... רסב

תיח וֶוען אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת?............................ רסה

תיט נָאכְ'ן זַיין אִין אוּמַאן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע פִילֶע סְפֵיקוֹת?. רסז

תכ פַּארְוָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל הִתְנַגְּדוּת קֶעגְן בְּרֶסְלֶב?...........................ער

תכא דַארְף אַ פְּרוּי אָפְּשֶערְן דִי הָאר, אָדֶער אִיז דָאס נָאר אַ חֻמְרָה?............ רעו

תכב מִיר זֶענֶען אַ קְבוּצָה עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים, אֶפְשָׁר קֶענֶען מִיר הָאבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק?רפ

תכג וֶוען הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "גָאט אִיז תָּמִיד גוּט"?...............רפג

תכד וֶועלְכֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים זָאל אִיךְ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען?........................... רפה

תכה הָאט מוֹהֲרָא"ש ז"ע גֶעשְׁרִיבְּן הַדְרָכוֹת פַאר עִנְיָנִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ?......... רפח

תכו ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ, וֶוען אִיךְ דַארְף שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?.. רצא

תכז וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין בְּרֶסְלֶב וֶועגְן רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען?........................רצד

תכח פַּארְוָואס שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"ש אַזוֹי שַׁארְף וֶועגְן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן?......... רצז

תכט פַּארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי בִּילְדֶער פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן אִין אוּמַאן, נִישְׁט פוּן דִי מְשׁוּגָעִים?............................................... שב

תל אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, זָאל אִיךְ זִיךְ אַרַיינְלָאזְן אִין לַאטֶערִיעֶס און גֶעמְבְּלִינְג?......................................... שז

תלא עֶס אִיז דָא אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, וָואס טוּט מֶען?............ שי

תלב ווי אַזוֹי נֶעם אִיךְ אַרָאפּ דִי קְלָלָה וָואס קוּמְט וָוען דִי פְרוֹי שֶׁערְט נִישְׁט דִי הָאר? שיג

תלג מֶען זֶעט דָאךְ יָא אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אַז מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ צָרָה?......................................... שטז

תלד וָואס טוּט מֶען מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעם אִין דִי אוֹיגְן?........................ שכג

תלה ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבּ, וֶוען זִי אִיז נִישְׁט אַזוֹי אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט?... שכו

תלו ווי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער?........................ שלד

תלז ווי אַזוֹי בַּאקוּם אִיךְ צוּרִיק דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וָואס אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט? . שמא

תלח אַ שָׁכֵן הָאט אָנְגֶערִירְט מַיין קִינְד אוֹיף נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער, וָואס טוּט מֶען?......................................... שדמ

תלט ווי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען מִקְרֶה לַיְלָה פוּן יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט?.............. שמט

תמ ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע בַּאצִיאוּנְג מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן?......... שנג

תמא דַארְף אַ פְרוֹי אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, אָדֶער אִיז גֶענוּג צוּצוּדֶעקְן?........... שנה

תמב אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ בָּרוּךְ ה' אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה............................ שנח

תמג דֶער אַלְבּוֹם "קוּם צוּרִיק" הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן תַּאֲוֹות מָמוֹן.... שסא

תמד וֶועלְכֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים זָאל אִיךְ קוֹדֶם לֶערְנֶען?......................... שסד

תמה ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ גְלֵייבְּן אַז אִיךְ גֵיי הָאבְּן פַּרְנָסָה, וֶוען אִיךְ וֵוייס מַיינֶע עֲבֵירוֹת?שע

תמו פַארְוָואס דַארְף מֶען הִיטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה?.............................. שעב

תמז ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּארוּאִיגְן מַיין וַוייבּ, וָואס וֶוערְט זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן פַאר יֶעדְן יוֹם טוֹב?......................................... שעה

תמח אוֹיבּ וֶועט מֶען שְׁטַארְבְּן אוֹיךְ נָאךְ בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, וֶוען וֶועט זַיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים?. שפ

תמט בְּרֶסְלֶב אִיז דָאךְ אַזוֹי שֵׁיין, פַארְוָואס אִיז אָבֶּער דָא דָארְט אַזוֹיפִיל מַחֲלֹקֶת?שפג

תנ קֶען אֱמוּנָה טַאקֶע אוֹיסְהֵיילְן גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען?......................... שפח

תנא מוּז אַ קִינְד פָאלְגְן בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן?............................ שצב

תנב בִּין אִיךְ שׁוֹין גְרֵייט נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן?........................... שצד

תנג ווי אַזוֹי קֶען אַ מֵיידְל אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אִיר שְׁוֶוערֶע עָבַר?................... שצז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חלק ה

# שנו

## וֶוען מֶען מַאכְט אַ סִיּוּם פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, דַארְף מֶען זָאגְן דֶעם "הַדְרָן עֲלָךְ"?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת, דָאס רַאטֶעוֶועט מִיר מַמָּשׁ דָאס לֶעבְּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער דִי כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ וֶוען מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת דַארְף מֶען אוֹיךְ מַאכְן אַ גֶעהֶערִיגֶע סִיּוּם אוּן זָאגְן דֶעם "הַדְרָן עֲלָךְ", אָדֶער נָאר אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט גֶעהֶערִיג מִשְׁנַיוֹת דַארְף מֶען מַאכְן אַ סִיּוּם. אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף יֶעדֶע סֵדֶר מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער נָאר וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** מֵיינְט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג? וֶוען הֵייסְט גֶעהֶערִיג גֶעלֶערְנְט אוּן וֶוען הֵייסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג גֶעלֶערְנְט?

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן מו): "אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לַלַּמְדָן הַגָּדוֹל שֶׁבַּגְּדוֹלִים שֶׁעֲדַיִן אֵינוֹ יָכוֹל

לִלְמֹד כְּלָל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל", אִיךְ קֶען וַוייזְן פַאר'ן גְרֶעסְטְן לַמְדָן אַז עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, און וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס מֵיינְט לֶערְנֶען, "וְכֵן לְהֶפֶךְ, אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לְהַקְּטַנִּים שֶׁקְּרוֹבִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְהַתּוֹרָה וְכוּ'", און אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, אִיךְ קֶען וַוייזְן פַאר'ן קְלֶענְסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי תּוֹרָה.

**אַז** מֶען אִיז זוֹכֶה און מֶען אִיז מְסַיֵּים אַ סֵדֶר מִשְׁנַיוֹת אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, דָאס בְּלַייבְּט מִיט'ן מֶענְטְשׁ אוֹיף אֵייבִּיג און נָאר דָאס וֶועט מֶען מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אָדֶער מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "וְדַע שֶׁלֶּעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶּׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח", אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען דִי נְשָׁמָה אַלֶעס וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט און פַארְגֶעסְן, "גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ", אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט, "לֶעָתִיד - בָּעוֹלָם הַבָּא - יָבִינוּ", וֶועט מֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת", וַוייל דֶער עִיקָר וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה, "שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה", אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאלְן דִי נְשָׁמוֹת פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט, "אַשְׁרֵי הַמְבַלֶּה יָמָיו בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה הַרְבֵּה", וואויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ

וָואס פַארבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג און יָארְן מִיט תּוֹרָה און מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

**בְּנוֹגֵעַ** צוּ זָאגְן דֶעם "הַדְרָן עֲלָךְ" מִיט דִי תְּפִילוֹת וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י) אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין אַלֶע סְפָרִים וואוּ עֶס אִיז דָא תְּפִילוֹת, בַּקָשׁוֹת און תְּחִנּוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁכָּל הַמִּינֵי בַּקָשׁוֹת שֶׁבָּעוֹלָם שֶׁנִּמְצָאִים בְּאֵיזֶה סֵפֶר שֶׁיִּהְיֶה הַמָּצוּי בֵּינֵינוּ, הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל, לֹא הִנִּיחַ שׁוּם תְּחִנָּה וּבַקָשָׁה שֶׁלֹּא אֲמָרָהּ כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים", יֶעדֶע תְּפִלָּה און בַּקָשָׁה וָואס אִיז דָא אִין סְפָרִים הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, "הֵן תְּהִלִּים, וְסֵפֶר שַׁעֲרֵי צִיּוֹן, וְהַבַּקָשׁוֹת הַנִּדְפָּסִים בְּהַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים וּשְׁאָר מִינֵי בַּקָשׁוֹת וּתְחִנּוֹת", סֵיי דִי תְּהִלִּים, סֵיי דִי תְּפִלּוֹת פוּן סֵפֶר שַׁעֲרֵי צִיּוֹן, און אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, "וַאֲפִילוּ הַתְּחִנּוֹת הַנִּדְפָּסִים בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז", אַזוֹי אוֹיךְ דִי אִידִישֶׁע תְּחִנּוֹת, "כֻּלָּם לֹא הִנִּיחַ מִלְּאָמְרָם", קַיין שׁוּם תְּפִלָּה הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט, אַדְרַבָּה עֶר הָאט גֶעזוּכְט וִוי מֶער צוּ זָאגְן און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, צוּ לֶערְנֶען וְכוּ'. און רֶבִּי נָתָן פִּירְט אוֹיס דִי שִׂיחָה: "וְזֶהוּ הָעִקָּר, מַה שֶּׁהוֹעִיל לוֹ לִזְכּוֹת לְמַה שֶּׁזָּכָה", דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

**דֶעריבֶּער** אַז מֶען אִיז זוֹכֶה און מֶען אִיז מְסַיֵּים אַ סֵדֶר מִשְׁנָיוֹת אָדֶער אַ מַסֶכְתָּא אִין שַׁ"ס, אִיז זִיכֶער גוּט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "לָא נִתְנְשֵׁי

מִינָךְ סֵדֶר ... וְלֹא תִתְנְשֵׁי מִינָן, לָא בְּעָלְמָא הָדֵין וְלֹא בְּעָלְמָא דְאָתֵי", אִיךְ זָאל דִיר נִישְׁט אָפְּלָאזְן אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר נִישְׁט אָפְּלָאזְן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הַעֲרֵב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ, אֶת דִבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ וּבְפִיפִיּוֹת עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל", מַאךְ זִים דִי תּוֹרָה פַּאר מִיר, פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַּאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹקַי, כְּשֵׁם שֶׁעֲזַרְתַּנִי לְסַיֵּם סֵדֶר ... כֵּן תַּעַזְרֵנִי לְהַתְחִיל מַסֶּכְתּוֹת וּסְפָרִים אֲחֵרִים וּלְסַיְּמָם, לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתֶךָ בְּאַהֲבָה, וּזְכוּת כָּל הַתַּנָּאִים וְאֲמוֹרָאִים וְתַלְמִידֵי חֲכָמִים יַעֲמֹד לִי וּלְזַרְעִי שֶׁלֹּא תָמוּשׁ הַתּוֹרָה מִפִּי וּמִפִּי זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען ... אַזוֹי זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אָנְצוּהֵייבְּן נָאךְ שִׁיעוּרִים אוּן זֵיי עֶנְדִיגְן, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען מִיט אַנְדֶערֶע אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אָפְּצוּהִיטְן דִי תּוֹרָה. אוּן אִין זְכוּת פוּן אַלֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים אוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זָאל אִיךְ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שנז

## זינְדיגְן שָׁאדְט פַאר דִי קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיינֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, וָואס אִיךְ פַאל אַזוֹיפִיל דוּרְךְ אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דָאס קֶען שָׁאטְן פַאר קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט - צִי עֶס שָׁאדְט פַאר דִי קִינְדֶער; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט** (הוּבָא בְּבַעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה עַמּוּד הַתְּפִלָּה, אוֹת קנז)**: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּמַחֲשָׁבָה' וֶועט עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּדִבּוּר' וֶועט עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן זַיין וַוייבּ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּמַעֲשֶׂה' וֶועט עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן".**

**וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַלֶע צָרוֹת וָואס מֶען לַיידְט קוּמְט צוּלִיבּ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם**

הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים וָואס זֵיי לָאזְן אִים נִישְׁט אָפּ, זֵיי בַּאגְלֵייטְן אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, בִּיז צוּם קֶבֶר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קמא): "כְּשֶׁנִּפְטָר הָאָדָם, הֵם הוֹלְכִים אַחַר הַמִּטָּה", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַזִּיקִים וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה אוּן זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וּמְקוֹנְנִים עָלָיו, כְּמוֹ בָּנָיו מַמָּשׁ מִמִּין אָדָם", זֵיי קְלָאגְן אוֹיפְ'ן נִפְטָר אַזוֹי וִוי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, "רַחֲמָנָא לִצְלָן מֵעֳנָשִׁים הַלָּלוּ, כַּיָּדוּעַ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע עוֹנְשִׁים, עַיֵּין שָׁם; אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, שְׁלֶעכְטֶע רֵייד אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דֶעמָאלְט וֶועט עֶר שׁוֹין מֶער נִישְׁט לַיידְן קַיין צָרוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים. יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין וִוילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר

טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס דַארְף אִיךְ טוּן אִיךְ זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?' אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וַוייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי צַייט אוּן עֶר אִיז נָאךְ נִישְׁט זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן וואוּ עֶר לִיגְט וְכוּ'; פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס: "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן מֶען בַּאקוּמְט דִי נוֹיטִיגֶע שְׁטַארְקַייט זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶערִיבֶּער** פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים; דוּ וֶועסְט נִישְׁט לַיידְן פוּן דִי קִינֶדער, פוּן דִי וַוייבּ אוּן אוֹיךְ נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# שנח

## זָאל אִיךְ קוֹיפְן אַ דִירָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה גֶעוֶוען מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער קוֹיפְן אַ דִירָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל קוֹיפְן, לְמַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער מַיין פַּרְנָסָה נִישְׁט עֶפֶּעס אַזוֹי גוּט, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אַסַאךְ; זָאל אִיךְ טַאקֶע אַרַיינְטַאנְצְן אִין חוֹבוֹת צוּ קוֹיפְן אַ דִירָה, אֲפִילוּ אִיךְ וֵויים נִישְׁט ווי אַזוֹי אִיךְ וֶועל עֶס קֶענֶען בַּאצָאלְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וִויסְן זָאלְסְטוּ,** אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ רָצוֹן קֶען עֶר זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי ווִילְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. "רָצוֹן בְּרֶעכְט אַייזְן"; וָואס אַ מֶענְטְשׁ וויל מִיט אַ שְׁטַארְקַייט וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען - סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת.

**מִיר זָאגְן דְרֵיי מָאל אַ טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען** (תְּהִלִּים קמה, טז): "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶפֶנְט זַיינֶע הֶענְט אוּן גֶעבְּט פַאר אַלֶעמֶען אַ רָצוֹן; לִכְאוֹרָה, וואוּ קוּמְט דָא אַרַיין רָצוֹן? מִיר דַארְפְן דָאךְ עֶסְן, עֶס וָואלְט

עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ, וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי 'מָזוֹן'"...? עֶנְטְפֶערְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַז דֶערְפַאר שְׁטֵייט "רָצוֹן", ווייל אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ רָצוֹן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מִיט וָואס עֶר דַארְף; עֶר וֶועט הָאבְּן 'מָזוֹן' אוּן אַלֶעם וָואס עֶר ווִיל, ווייל אַלֶעם וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי ווִילְן.

**זֶע** צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶעם דִירָה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז בַּ'בְלִי, יְ'רוּשַׁלְמִי, תּ'וֹסֶפְתָּא אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'בַּיִ"ת'; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי לִימוּדִים בּוֹיט מֶען זִיךְ אַ בַּיִת נִצְחִי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָאס מְסוּגָל צוּ הָאבְּן אַ דִירָה דָא בָּזֶה הָעוֹלָם.

**שְׁטַארְק** דִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין לֶעבְּן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סג.): "כָּל הַמְשַׁתֵּף שֵׁם שָׁמַיִם בְּצַעֲרוֹ", וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל אִין זַיין צָרָה, עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיינֶע צָרוֹת אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, "כּוֹפְלִין לוֹ פַּרְנָסָתוֹ", טָאפְּלְט מֶען אִים זַיין פַּרְנָסָה; דֶערְפַאר, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט פַּרְנָסָה אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיף אִים, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן אַן אֵייגֶענֶעם הוֹיז.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שנט

## אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ יְשִׁיבָה בָּחוּר אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר מִיט מַיין אִידִישְׁקֵייט. אִיךְ פְלֶעג מַמָּשׁ מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין יֶעדֶע וָואךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ הָאבּ פִיל גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, גֶעקוּקְט אַ גַאנְצְן טָאג שְׁמוּץ - אֲפִילוּ אוּם שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

מִיט אַ יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְן, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶועֶן אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן צוּ נֶעמֶען אַ תִּיקוּן אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין פַאר דִי לֶעצְטֶע יָאר צֵייט.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ פַאלְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן ווַייטֶער דוּרְכְצוּפַאלְן אוּן קוּקְן שְׁמוּץ אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ פְּגַם הַבְּרִית. קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט ווֵייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם, נָאר אִיךְ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ ווֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ פַאל דוּרְךְ ווֶער אִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ פִיל זִיךְ זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, אָבֶּער יֶעדְן טָאג גֶעוואוּנְט מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע נָאכְאַמָאל, אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אִים. אוֹיךְ אִין שְׁמִירַת שַׁבָּת בִּין אִיךְ אַבִּיסְל צוּרִיק גֶעפַאלְן אוּן אִיךְ פִיל אַז אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן מַיין בְּלָאטֶע.

אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דָארְט רֶעדְט נָאר אַז מֶען זָאל גֵיין מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל, עֶר רֶעדְט קֶעגְן פְלִיפ-פָאוֹנְס אוּן סֶענְסֶע-קְלִיפְּס, עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר דַארְף פָּשׁוּט רֶעדְן פוּן שְׁמִירַת שַׁבָּת אוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין שְׁוֶוערְן מַצָב.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט): "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!" וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן (רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן אִין אִידִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט): "אוּן אֲפִלּוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, אוּן מֶע שְׁרַייט, אוּן מֶע שְׁרַייט"; דָאס אִיז דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת".

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, דוּ זִינְדִיגְסְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; נָאכְדֶעם אִיז (אָבוֹת ד, ב): "עֲבֵירָה גּוֹרֶרֶת עֲבֵירָה" - אֵיין עֲבֵירָה שְׁלֶעפְּט דָאס צְוֵוייטֶע; דָאס שְׁלֶעפְּט דִיר נֶעבֶּעךְ צוּ נָאךְ עֲבֵירוֹת, הָאסְטוּ נָאר אֵיין עֵצָה:

**פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, שְׁרַיי צוּם אײבֶּערְשְׁטְן: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרַייעֶן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן בִּיז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת.**

**דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קֶען מֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת;**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת חַכִּירוֹת וְקַבְּלָנוּת, הֲלָכָה ב, אוֹת יב): "וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁנָּפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל, וְהוּא רָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו הָרָעִים, אַף עַל פִּי כֵן יָכוֹל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּקַל 'עַל יְדֵי לִמּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה', כִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ לְמִי שֶׁהוּא בְּעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת, בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, וּמְעוֹרֶרֶת אוֹתוֹ וּמְקָרֶבֶת אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית חַס וְשָׁלוֹם אוּן הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, קֶען עֶר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, "וְהַכְּלָל, שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ בְּעִמְקֵי תְּהוֹם לְעוֹרֵר אֲפִלּוּ אֶת הַפְּחוּתִים שֶׁבַּפְּחוּתִים, לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְעַל־יְדֵי עֵסֶק הַתּוֹרָה - יְכוֹלִין לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲפִלּוּ מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כב.): "'אֵין דִּבְרֵי תוֹרָה מְקַבְּלִין טֻמְאָה', וְעַל־כֵּן אֲפִלּוּ הַזָּבִין וְהַמְּצֹרָעִים וְכוּ' עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה וְכוּ'" - דָאס קוּמְט מְרַמֵּז זַיין אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ "בְּסִטְרָא דְמִסָאֲבוּתָא", דַארְפְן אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, "כִּי הַתּוֹרָה תְּקָרֵב גַּם אוֹתָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ",

וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועט זֵיי אוֹיךְ מְקַרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווי דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְבָרִים לא, יז-כא): "וְהִסְתַּרְתִּי פָּנַי וְכוּ' וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו וְכוּ', כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ", אֲפִילוּ וֶוען אִידְן זִינְדִיגְן חַס וְשָׁלוֹם און דוּרְךְ זֵייעֶרע עֲבֵירוֹת וֶוערְן זֵיי דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶוערְט אַן הַסְתָּרַת פָּנִים חַס וְשָׁלוֹם, דָאךְ וֶועלְן זֵיי זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט: "וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת וְכוּ' כִּי לֹא תִשָּׁכַח" וְכוּ'. עַיֵּין שָׁם.

**אִין** אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת אָדֶער גְמָרָא וְכוּ', וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ פוּל מִיט נֶערְוְון, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, אוֹיךְ וֶועט דִיר זַיין שְׁוֶוער צוּ קָאנְצֶעטְרִירְן דַיין מֹחַ צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט - דָאךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**זָאג** דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין; אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין זִיךְ אָפְּצוּוָואשְׁן פוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

**נֶעם** אָן דִי צְוֵויי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און לֶערְן מִשְׁנָיוֹת וְכוּ' - וֶועסְטוּ אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

# שס

**דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנַיוֹת. דַארְף מֶען מַשְׁלִים זַיין דִי גְמָרָא וָואס מֶען הָאט פַארְפַּאסְט?**

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן כִּמְעַט יֶעדְן טָאג זָאג אִיךְ אוֹיךְ דֶעם דַף גְמָרָא.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אִין דִי טֶעג וָואס אִיךְ פַארְפַּאס צוּ זָאגְן דֶעם דַף, זָאל אִיךְ מַשְׁלִים זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג, אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וּוֵאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנַיוֹת וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.**

**וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת** (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפה)**, אוּן אַזוֹי טוּעֶן מִיר**

אַלֶע "תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב"; מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. און מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארִימֶען: "וֶוען מֶען זֶעט אֵיינֶעם מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת'ל אִיז מֶען גְלַייךְ חוֹשֵׁד אַז עֶר דְרֵיידְט זִיךְ בַּיי מִיר".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעמַאכְט אַ נִיגוּן מִיט אִידִישֶׁע גְרַאמֶען אוֹיף דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנַיוֹת:

"כַּךְ וְכַךְ דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ,
דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען שְׁפְּרִינְגֶען בִּיזְ'ן דַאךְ.
ווייל אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת זֵייעֶר אַסַאךְ,
גִיב אִיךְ פוּן אִיהְם אַ גְרוֹיסְן לַאךְ,
אִיךְ קוּק נִישְׁט וָואס יֶעדֶער טִיפֶּשׁ טוּט מִיט דִי הַאנְט אַ מַאךְ,
דָאס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת אַסַאךְ.
וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם,
אִיךְ וַויים אַז נָאר מִשְׁנַיוֹת וֶועל אִיךְ מִיט מִיר מִיטְנֶעמֶען.
און דָאס וֶועט מִיךְ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן בַּאשִׁיצְן,
און אִין קֵבֶר וֶועלְן אַלֶע שְׁרָצִים, און וֶועְרִים, און אַלֶע מַלְאֲכֵי חַבָּלָה, פוּן מִיר זִיךְ אַוֶועקְפִּיצְן.
און כָאטְשׁ זֵיי וֶועלְן מִיט זֵייעֶרֶע בֵּייזֶע צֵיינֶער אוֹיף מִיר טוּעֶן קְרִיצְן,
אָבֶּער עֶס וֶועט זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן.
וָוארוּם דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט,
וֶועלְן מִיר פוּן זֵיי בַּאשִׁיצְן.
און אִיךְ וֶועל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אָפְּגֶעהִיטְן.
און אִין גַן עֵדֶן וֶועל אִיךְ צוּזַאמֶען מִיט דִי צַדִיקִים זִיצְן".

מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר דִי יְשִׁיבָה (אֲשֶׁר בְּנַחַל אִידִישׁ חֵלֶק ב׳, מִכְתָּב קצז) אַז מִיר זָאלְן דָאס זִינְגֶען אַלֶע בָּחוּרִים צוּזַאמֶען, כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ אַיינְ׳חַזֶר׳ן וָואס דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז אוּן וָואס בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידוּת אִיז; מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג.

וְעַל כּוּלָם, וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא; מוֹהֲרָא״ש בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל, דֶער זוּן פוּנֶעם שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין): ״לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג אִיז אַ חִיוּב, אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג״.

וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר זַיין יֵצֶר הָרָע; דֶערְפַאר - זָאגְט מוֹהֲרָא״ש - זֶעט מֶען אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט אַלֶעם לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ טוּן, נָאר נִישְׁט לֶערְנֶען גְמָרָא, פוּן דֶעם הָאט עֶר זַייעֶר מוֹרָא.

קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן; יֶעדְן טָאג אִיז אַ נַייעֶ טָאג. אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן מִיט מַשְׁלִים זַיין פוּן דַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע טֶעג וְכוּ׳ וֶועסְטוּ דַארְפְן מַשְׁלִים זַיין פוּן וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירְן אוּן אוֹיךְ פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּלִים, לֶעב מִיטְ׳ן הַיינְטִיגְן טָאג - אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שסא

## איז אֱמֶת די זַאכְן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן, אָבֶער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין מְקוֹר?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת דִי זַאכְן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן, ווִי לְמָשָׁל אַז אוֹיבּ מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וֶועט עֶר אוֹיפְהֶערְן וַואקְסְן, אוּן דָאס גְלַייכְן אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן.

דַארְף מֶען זִיךְ זָארְגְן אוֹיף דִי סָארְט זַאכְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ה סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס** זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס הָאבְּן אַ מְקוֹר אוּן עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין מְקוֹר, מִיט דֶעם אַלֶעם טָאר מֶען נִישְׁט אָפְּלַאכְן פוּן זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן מְקוּבָּל פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי ווִי דֶער רַשְׁבָּ"א זָאגְט (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת הָרַשְׁבָּ"א, חֵלֶק א', סִימָן ט; שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אֲרִיֵ' דְבֵי עִילָאִי, חֵלֶק יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן יט): "מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דָאס וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע מַאמֶעס אוּן בַּאבֶּעס".

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; דֶערְצֵייל פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אוּן בִּפְרַט ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט דִיר אַזוֹי שְׁוֶוער.

דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט נִישְׁט אָפּ, עֶר קוּמְט יֶעדְן טָאג מִיט אַ נֵייעֶ וֶועג, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל:): "בְּכָל יוֹם יִצְרוֹ שֶׁל אָדָם מִתְגַּבֵּר עָלָיו, וְאִלְמָלֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ אֵינוֹ יָכוֹל לוֹ", דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט יֶעדְן טָאג פוּנְדָאסְנֵיי אוּן ווִיל אוֹיסְרַייסְן דֶעם אִיד, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז אָפּ פוּן אִים; אִיז דָאךְ מִדָּה טוֹבָה מְרוּבָּה, אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ יֶעדְן טָאג בַּאנֵייעֶן פוּן פְרִישׁ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים; אִין תְּהִלִּים לִיגְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שסב

**וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען כַאפְּט אַ קִינְד בַּיי אַ גְנֵיבָה?**

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין קְלֵיין זֶעקְס יֶערִיג אִינְגֶל אִיז אֵיין טָאג אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן גֶעשֶׁעפְט און אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'עט אַ נַאשׁ פוּן גֶעשֶׁעפְט, אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'נֶען און מֶען דַארְף בַּאצָאלְן, מִיר זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְט, בַּאצָאלְט און אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם גֶעשֶׁעפְטְס מַאן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ אַזָא זַאךְ, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אַ קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט טוּן מֶער אַזֶעלְכֶע זַאכְן? דָאס קִינְד בַּאקוּמְט גֶענוּג און נָאךְ אִינְדֶערְהֵיים, עֶס פֶעלְט אִים בָּרוּךְ הַשֵּׁם גָארְנִישְׁט, מֵיינְט דָאס אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְן נָאךְ מֶער?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ פִירְן בְּדַרְכֵי הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "בַּיי מִיר אִיז חָשׁוּב מְחַנֵךְ צוּ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי ווִי תִּיקוּן חֲצוֹת"; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט

גֶעוואָלְט גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, אָבֶער אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, פְלֶעגְט עֶר וַוארְטְן זֵיי זָאלְן אַהֵיים קוּמֶען פוּן חֵדֶר, ווָאס דֶעמָאלְט פְלֶעגְט עֶר זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פוּן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז בַּיי אִים פּוּנְקְט אַזוֹי חָשׁוּב ווִי דִי עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת.

דוּ הָאסְט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען מִיט דַיין קִינְד צוּם גֶעשֶׁעפְט אוּן אִים גֶעהֵייסְן אִיבֶּער בֶּעטְן דֶעם גֶעשֶׁעפְטְס מַאן, אַזוֹי הָאסְטוּ אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'נֶען; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער.

וֶוען מֶען כַאפְּט אַ קִינְד גַנְבְ'נֶען דַארְף מֶען אִים מְחַנֵךְ זַיין עֶר זָאל ווִיסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'נֶען; וֶוען מֶען מוּסָר'ט דֶעם קִינְד טָאר מֶען אִים נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, נָאר מֶען דַארְף דָאס טוּן פְּרִיוַואט - טַאטֶע מַאמֶע מִיטְ'ן קִינְד. מֶען נֶעמְט אִים אַרַיין אִין אַ פְּרִיוַואטֶע צִימֶער אוּן דָארְט רֶעדְט מֶען מִיט אִים, אָבֶער אוֹיב מֶען מוּסָר'ט אִים בְּרַבִּים צְווִישְׁן דִי גֶעשְׁווִיסְטֶער קֶען עֶר וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, דֶעמָאלְט טוּט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף וְכוּ', מֶען מַאכְט נָאר מֶער קַאלְיֶע.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן פַארְגִיסְן טַייכְן טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; הֶער אַ וָוארְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם

סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת.

## שסג

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן זִיכֶער זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּ מַיינֶע קַבָּלוֹת?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי מִיר זֵייעֶר אָפְט אַז אִיךְ נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער אַ גוּטֶע קַבָּלָה, ווִי לְמָשָׁל צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אָדֶער דִי מַחֲשָׁבָה אוּן דָאס גְלַייכְן - פַארְשִׁידֶענֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת. לְמַעֲשֶׂה וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט וֶוער אִיךְ שְׁוַואךְ אִין דֶעם, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן ווַייטֶער צוּ דִי קַבָּלָה.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט אַ גוּטֶע קַבָּלָה אוּן נִישְׁט צוּרִיק פַאלְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי פַארְעֶנְטְפֶערְט דִי קַשְׁיָא וָואס דוּ פְרֶעגְסְט; דֶער הַיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רסא): "כְּשֶׁנּוֹפֵל אָדָם מִמַּדְרֵגָתוֹ יֵדַע שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם הוּא, כִּי הִתְרַחֲקוּת תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּת, עַל כֵּן נָפַל שֶׁיִּתְעוֹרֵר יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר פַאלְט צוּרִיק צוּ זַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע מַעֲשִׂים זָאל עֶר וִויסְן אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, כְּדֵי עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַעֲצָתוֹ שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה' כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל מֵעוֹלָם", דִי עֵצָה פַאר אִים אִיז עֶר זָאל מַאכְן אַ פְרִישֶׁע קַבָּלָה, עֶר זָאל פוּן פְרִישׁ אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּאִילוּ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְט פַארְדֶעם, נָאר דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה', שֶׁצְּרִיכִין מַמָּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", וַוייל דָאס אִיז אַ וִויכְטִיגֶער כְּלַל אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען זָאל זִיךְ אַלְץ בַּאנַייעֶן, מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר זָאל אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אַזוֹי וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר, זַיי נִישְׁט צֶעבְרָאכְן פוּן דֶעם וָואס דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ אוּן דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן וְכוּ׳ וְכוּ׳, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): ״כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם״, אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען וִויל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט ווי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, מֶען הָאט שְׁטַארְקֶע רַאֲיוֹת אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים; זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי: ״וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת״, דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג ווי אַזוֹי מֶען וִויל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּער גֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

**דָאס** אִיז דַיין שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, צוּ זֶען ווי אַ אִיד וָואס עֶס קָאכְט אִין אִים אַלֶע שְׁמוּץ אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳״; דָאס קֶען אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ נִישְׁט בַּאוַוייזְן.

**יֶעדְן** טָאג וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ פְרִישֶׁע קַבָּלָה; זָאג פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הַיינְט גֵיי אִיךְ אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, הַיינְט הֵייבּ אִיךְ אָן דִיר צוּ

דִינֶען, הַיינְט גֵיי אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אוּן גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דַיינֶע קַבָּלוֹת הַאלְטְן נִישְׁט אָן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה, וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי זֵיי פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן פְּלוּצְלִינְג פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ יְרִידָה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי - "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אַז בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַריין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, סְפֵיקוֹת אוּן מְנִיעוֹת וְכוּ', אָבֶער מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שסד

## וָואס מֵיינְט דֶער "נְקוּדַת הֶחָבֵר"?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶסְלֶב, אִיךְ ווִיל זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס דָאס מֵיינְט דֶער "נְקוּדַת הֶחָבֵר" פוּן וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לד; אִיז דֶער רַב וָואס הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּ בְּרֶסְלֶב מַיין "נְקוּדַת הֶחָבֵר", אָדֶער אִיז עֶר מַיין רֶבִּי אוּן אִיךְ דַארְף זִיךְ מְבַטֵּל זַיין פַאר אִים?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיט): "אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּתּוֹת כִּתּוֹת", אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן עֶנְק כִּיתּוֹת כִּיתּוֹת; אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען טֵייעֶרֶע אִידְן, כּוּלָּם אֲהוּבִים כּוּלָּם בְּרוּרִים. מֶען דַארְף נָאר גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סא): "עֶס זֶענֶען דָא מַנְהִיגִים וָואס קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט פִירְן, ווִי אַזוֹי קֶענֶען זֵיי פִירְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן?" אוֹיךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער

רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן.

**דֶערְפַאר** דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְזוּכְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אֵיינֶער וָואס קֶען אִים מְחַזֵק זַיין צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; סַיי דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן סַיי דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וַוייל נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; 'אָט אִיז מֶען אַ קִינְד, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן אָט פִּירְט מֶען שׁוֹין צוּם אֵייבִּיגְן אָרְט[א]', אִינֶעם אֵייבִּיגְן אָרְט נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט קַיין גֶעלְט, דָארְט נֶעמְט מֶען מִיט נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ט): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לָאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד".

**הִתְחַזְּקוּת** קֶען מֶען נֶעמֶען פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "שָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר, שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, 'יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה' בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ 'אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ', הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ. כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל, וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם", עֶר

א. עַיֵּין אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כט, עָמוּד נה (מִכְתָּב ד' תריט); אִילָן הַחַיִּים אוֹת פט.

הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִיק אַז אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעהַאט אֵיינֶער וָואס זָאל אִים זָאגְן: "בְּרוּדֶער שְׁטַארְק דִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ" - וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן אַסַאךְ מֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; וַוייל אוֹיף אִים אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם חִיזוּק וֶוערְטֶער; דָאס מֵיינְט נְקוּדַת הַחָבֵר, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, אָבֶּער מְבַטֵל זַיין דַארְף מֶען זִיךְ נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן אוּן מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן; מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה, וָואס אִיז דֶער סִימָן פוּן אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג אָדֶער אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג (צַוָּאַת מוֹהֲרַא"שׁ, אוֹת טו): "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק דַאן פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַאֲוָה אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ פַאלְשְׁן מַנְהִיג אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.

**נָאךְ** אַ סִימָן אִיז דָא, אַז אַן אֱמֶת'ער צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בַּיי אַן אֱמֶתְ'ן צַדִיק", עַיֵין שָׁם.

**אַז** דוּ טְרֶעפְסְט אֵיינֶער וָואס אִיז דִיר מְחַזֵק אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אוֹיף לִימוּד הַתּוֹרָה זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט אָפְּלָאזְן, נָאר גֶעבּ אַכְטוּנְג מֶען זָאל דִיר נִישְׁט אָפְּנַארְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## ששה

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ קֶען נִישְׁט אָנְנֶעמֶען אַ קָאמְפְּלִימֶענְט?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת, דָאס הָאט מִיר מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן; אִיךְ רֶעד מֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ קוּק אַנְדֶערְשׁ אוֹיף מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט מִיר דָאס גָאר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן בָּרוּךְ ה'.

איר זָאגְט אַסַאךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אַז מֶען זָאל גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר דִי ווייבּ, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז מַיין ווייבּ נֶעמְט עֶס נִישְׁט אָן? זִי זָאגְט אַז זִי פִּילְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז אֱמֶת'דִיג, זִי פִּילְט נִישְׁט קַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין דֶעם.

אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע זַאכְן אִינְדֶערְהֵיים הָאט זִי נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, זִי טוּט מִיר אַ גַאנְצֶע טוֹבָה וְכוּ', עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִיר נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק וְכוּ' אוּן דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ דַארְף אַרוֹיסְגֵיין אַרְבֶּעטְן אוֹיפְ'ן גַאס אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט נִישְׁט זַאט אִינְדֶערְהֵיים הָאט מֶען פִילְפַאכִיג מֶער נִסְיוֹנוֹת אוֹיפְ'ן גַאס.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, אִיךְ זֶע אָבֶּער נָאכְנִישְׁט קַיין שִׁינּוּי לְטוֹבָה, אִיךְ וֶוער זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן מְיוּאָשׁ פוּן דֶעם. אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נָאךְ הִילְף, אֶפְשָׁר אוֹיף אַ שְׁטִיקְל צַייט אִיז עֶס בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, אָבֶּער נָאכְדֶעם אִיז עֶס צוּרִיק גֶעפַאלְן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה אוּן חִיזּוּק אוֹיף דֶעם.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה' וּמְחַזֵּק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; אַז מֶען נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַ נֵייעֶ וֶועלְט, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן נָאךְ בָּזֶה הָעוֹלָם אַ לֶעבְּן פוּן 'גַן עֵדֶן', מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף;

וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן וֶוערְט מְקוּיָם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, טז): "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ", דֶער אִיד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף פוּן זַיין שְׁלָאף, "וַיֹּאמֶר", אוּן עֶר זָאגְט, "אָכֵן", עֶס אִיז אֶמֶת "יֵשׁ ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, "בַּמָּקוֹם הַזֶּה", אוֹיף דֶעם אָרְט, "וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי", אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט; פַאר מֶען הֶערְט פוּן רֶבִּי'ן וֵוייסְט נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען שְׁלָאפְט אַ טִיפֶער שְׁלָאף.

**אַ** אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט (עַיֵּין סֵפֶר פַּרְנָסָה טוֹבָה שִׂיחוֹת וְהִתְחַזְּקוּת, סִימָן מא)

אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַמָאל אַ טוֹבָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען חוּמָשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיי דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, טז): "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ". דֶער אִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, עֶר הָאט אַרַיין גֶעקוּקְט אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט פָאר דֶעם פָּסוּק פַאר דִי קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט פָאר: "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב", יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, "מִשְּׁנָתוֹ", פוּן זַיין שְׁלָאף, "וַיֹּאמֶר", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "אָכֵן", עֶס אִיז אֶמֶת, "יֵשׁ ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעווִיזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִי כִּתָּה - "בַּמָּקוֹם הַזֶּה", אוֹיף דֶעם אָרְט, "וְאָנֹכִי", אוּן אִיךְ - אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט

גֶעווייזְן אוֹיף זִיךְ - "לֹא יָדַעְתִּי", הָאב נִישְׁט גֶעוואוּסְט. מוֹהֲרַ"ש הָאט דָאס אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט עֶטְלִיכֶע מָאל; הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין גַן עֵדֶן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא הִתְעוֹרְרוּת פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי דֶער פָּסוּק מֵיינְט אִים אַלֵיין, ווִי עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, נֶעבְּן מִיר, אִיךְ קֶען דָאךְ רֶעדְן צוּ אִים'.

**בְּנוֹגֵעַ** גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי ווַייבּ; קוֹדֶם כָּל, נִישְׁט אִיךְ זָאג אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, נָאר דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר דִי ווַייבּ (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד), ווַייל זֵיי לַיידְן פוּן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר אַסַאךְ צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵידָה, וְהַגִידוּל וְכוּ' וְכוּ'; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט) אַז דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי ווַייבּ; אוּן בִּכְלַל אִיז שָׁלוֹם בַּיִת גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיים רֶבִּי'ן.

**עֶס** זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס ווֵייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען נֶעמְט לִיבְּשַׁאפְט; צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ גוּט וָוארְט ווַארְפְן זֵיי דָאס אַוֶועק וְכוּ' וְכוּ', וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער - דָאס קֶענֶען זֵיי זִיכֶער נִישְׁט. דָאס קוּמְט עַל פִּי רוֹב ווַייל זֵיי הָאבּ דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער וְכוּ'; דָאס מַאכְט זִיךְ אַמָאל בַּיי דִי פְרוֹי אוּן אַמָאל בַּיי דֶעם מַאן, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט אַ שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעם.

**אַנְשְׁטָאט** וֶוערְן בְּכַּעַס אוֹיפְ'ן צְווייטְן, אַז יֶענֶער וויל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין לִיבְּשַׁאפְט אוּן זִיכֶער נִישְׁט גֶעבְּן וְכוּ',
דַארְף מֶען דָאס אָנְקוּקְן מִיט אַ רַחֲמָנוּת'דִיגֶע בְּלִיק, אַז זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען פוּן קִינְדְוַוייז אָן; זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער יָארְן, דֶערִיבֶּער קֶענֶען זֵיי נִישְׁט נֶעמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן זִיכֶער נִישְׁט גֶעבְּן.

**וָואס** אִיז דִי עֵצָה? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): "אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֵּלִי"; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, אַז אַ פְּרוֹי וֶוערְט אֵיינְס מִיט אִיר מַאן נָאר אוֹיבּ דֶער מַאן מַאכְט אִיר פַאר אַ כֵּלִי, עֶר בּוֹיט אִיר אוֹיף, עֶר דֶערְהֵייבְּט אִיר אוּן עֶר שְׁטַארְקְט אִיר, דֶעמָאלְט וֶוערְט זִי אֵיינְס מִיט אִיר מַאן. אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מַאן הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר דֶערְנִידֶערְט אִיר אוּן עֶר צֶעבְּרֶעכְט אִיר בִּיז זִי וֶוערְט אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי, דֶעמָאלְט וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צְווִישְׁן זֵיי קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, זִי וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן אֵיינְס מִיט אִיר מַאן.

**זֵייעֶר** אַסַאךְ מָאל הָאט מֶען חֲתוּנָה מִיט אַ פְּרוֹי אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי; אַלְס מֵיידְל הָאט מֶען אִיר אַלְץ נָאר צֶעבְּרָאכְן אוּן אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, אוּן דָאס קְלַאפְּט אוֹיס שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, דֶערִיבֶּער דַארְף דֶער מַאן מַאכְן פוּן דִי 'שִׁבְרֵי כֵּלִי' אַ 'כֵּלִי'; כְּסֵדֶר אִיר אוֹיסְרִימֶען אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן. אַוַדַאי וֶועט זִי זִיךְ וַוייטֶער אַרָאפּ קְלַאפְּן: "אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט"; "אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוּטֶע וַוייבּ"; "אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת

אויף דיר אַז דו הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט מִיר"; "מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער זֶענֶען אַלֶע מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן מִיר", וְכַדוֹמֶה לָזֶה; מִיט דֶעם אַלֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, נָאר מֶען דַארְף וַוייטֶער רֶעדְן שֵׁיין אוּן הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן: "בַּיי מִיר בִּיסְטוּ זֵייעֶר גוּט"; "בַּיי מִיר בִּיסְטוּ מַיין קְרוֹין"; "בַּיי מִיר בִּיסְטוּ דָאס חָשׁוּב'סְטֶע"; בִּיז מֶען מַאכְט אִיר פַּאר אַ גַאנְצֶע כֵּלִי.

מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט וְכוּ' וֶוען מֶען גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ' אוּן דִי וַוייבּ וַוארְפְט עֶס צוּרִיק, אוּן זִיכֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז זִי דַארְף נִישְׁט וְכוּ'; עֶס אִיז אִיר פָּשׁוּט שְׁוֶוער דָאס צוּ נֶעמֶען, זִי וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען נֶעמְט אַ קָאמְפְּלִימֶענְט. פְּרוּבִיר צוּ גֵיין שְׁטַייטֶערְהֵייט, הָאבּ סַבְלָנוּת צוּ אִיר, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען גָאר וַוייט, אַזוֹי וִוי דֶער מַאֲמָר הֶחָכָם לוֹיטֶעט: "הַסֵבֶל - תַּחְבּוּלָה, לְמִי שֶׁאֵין לוֹ תַחְבֻּלָה", גֶעדוּלְד אִיז דִי וֶועג פַאר וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג; מִיט סַבְלָנוּת קוּמְט מֶען אָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# שסו

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען פַארְ'חָלוֹמְ'ט? נוּצְן גְרֶעיפּ דְזְשוּס פַאר קִידוּשׁ? זִיךְ צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יַיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוְון וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַיֶּ'.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן.

אֵיינְס, אִיךְ הָאב גֶעזֶען אַז דֶער שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט (תּוֹרָה אוֹר, מַסֶּכֶת שְׁבוּעוֹת אוֹת קעז) אַז עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער עִנְיָן צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט, עֶר לֵייגְט אָבֶער צוּ אַז מֶען דַארְף אָבֶער יָא הַאלְטְן קָאפּ אוּן אִינְזִין הָאבְן אַז מֶען לֶערְנְט יֶעצְט תּוֹרָה, וַוייל אוֹיב מֶען אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְ'חָלוֹמְ'ט אוּן מֶען כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז מֶען לֶערְנְט יֶעצְט, אִיז עֶס גָארְנִישְׁט וֶוערְד. מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַז וֶוען אִיךְ זָאג תּוֹרָה אִיז יָא דָא אַמָאל וָואס אִיךְ וֶוער אִינְגַאנְצְן פַארְ'חָלוֹמְ'ט, אִיז דָאס עֶפֶּעס וֶוערְד? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶס אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער ווי פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, דִי שְׁאֵלָה אִיז אָבֶער אוֹיב מֶען זָאל אַנְשְׁטָאט דֶעם עֶנְדֶערְשׁ טוּן עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע מִצְוָה.

צְווייטְנְס, דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת לִימּוּד, סִימָן סג): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִלְמוֹד מֵחֲמַת מְנִיעוֹת יִפְרֹשׁ מִמַּשְׁקֶה הַמְּשַׁכֵּר"; אוֹיךְ גֶעדֶענְק אִיךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן טְרוּנְקֶען וַויין - נָאר צוּ קִידוּשׁ אוּן הַבְדָּלָה, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיב הַיינְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין דָא גְרֶעיפּ דְזְשוּס זָאל מֶען אוֹיךְ בַּיי קִידוּשׁ אוּן הַבְדָּלָה נוּצְן נָאר גְרֶעיפּ דְזְשוּס, אָדֶער זָאל מֶען דֶעמָאלְט דַוְקָא יָא נוּצְן וַויין?

דְרִיטְנְס, עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן קז, סְעִיף ד) אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן דַאוֶוענְט מֶען נִישְׁט קַיין תְּפִלַּת נְדָבָה וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין.

איז מיין שְׁאֵלָה צי דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף פְּרוּבִירְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן דַאוֶועגֶען וֶוען מֶען קֶען, וַוייל מֶען וֶועט דָאךְ נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן; דָאס קֶען אוֹיסְקוּמֶען בַּיים בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, אוֹיב מֶען זָאל זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט וַואשְׁן צוּ בְּרוֹיט בַּיי פַּת שַׁחֲרִית, אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט דַארְפְן בֶּענְטְשְׁן, אוּן אוֹיךְ לְגַבֵּי מְלַוֶּה מַלְכָּה אוּן סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, צִי מֶען זָאל עֶס פְּרוּבִירְן יוֹצֵא צוּ זַיין מִיט עֶפֶּעס וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מְחוּיָב צוּ בֶּענְטְשְׁן נָאכְדֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זֶע צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן לֵייג אַוֶועק אַלֶע דַיינֶע סְפֵיקוֹת אוּן קַשְׁיוֹת; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן** (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) **דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן. מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן מֶען קוּמְט אָן צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוֹיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען יִשׁוּב הַדַעַת.**

**בְּנוֹגֵעַ טְרִינְקֶען וַויין; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר, בְּלוֹיז פַאר קִידוּשׁ אוּן הַבְדָלָה מֶעג מֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט**

(לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כו): "צָרִיךְ לְהַרְחִיק מִשְׁכְּרוּת, וּלְדַקְדֵּק שֶׁלֹּא לִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִיכָלְתּוֹ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי שִׁכְרוּת"; וַוייל אַז מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען וֶוערְט שִׁיכּוֹר - זָאגְט דֶער רֶבִּי: "יוּכַל לָבוֹא לִידֵי רָעוֹת וְכוּ׳ חַס וְשָׁלוֹם", קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלֶעכְטְס.

**אִין** סֵפֶר הַמִּדּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי אַ גַאנְצֶע עֵרֶךְ פוּן דִי הַארְבְּקֵייט אוּן עֶקְלְדִיגְקֵייט פוּן אַ שִׁיכּוֹר; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט (אוֹת שִׁכְרוּת, סִימָן ד): "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב מִי שֶׁאֵינוֹ מִשְׁתַּכֵּר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוער עֶס טְרִינְקְט נִישְׁט; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ג): "אִי אֶפְשָׁר לְשִׁכְרוּת שֶׁלֹּא יָבִיא לְאֵיזֶה תַּקָּלָה", עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֵיס קוּמֶען שְׁלֶעכְטְס וֶוען מֶען שִׁיכּוֹר׳ט זִיךְ אָן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען אַ גַאנְץ יָאר קַיין מַשְׁקֶה הַמְּשַׁכֵּר.

**בְּנוֹגֵעַ** עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית וְכוּ׳; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת כַּעַס, סִימָן יז): "סְגֻלָּה לְכַעַס - שֶׁיֹּאכַל פַּת שַׁחֲרִית", פַּת שַׁחֲרִית אִיז מְסוּגָל מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ כַּעַס; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת לִימּוּד, סִימָן מח): "עַל יְדֵי פַּת שַׁחֲרִית תַּלְמוּדוֹ מִתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְזוֹכֶה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד", פַּת שַׁחֲרִית אִיז מְסוּגָל מֶען זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען, גֶעדֶענְקֶען דָאס לֶערְנֶען אוּן אוֹיךְ צוּ הָאבְּן הַצְלָחָה מִיטְ׳ן פָּארְלֶערְנֶען פַאר תַּלְמִידִים.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז מֶען מְקַיֵּים יֶעדֶעס וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אָן קַיין חָכְמוֹת; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מֶען מַקְפִּיד אוֹיף יֶעדְן סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. מֶען וַואשְׁט זִיךְ צוּ מְלַוֶּה מַלְכָּה, אַזוֹי וִוי דֶער מְחַבֵּר פַּסְקְ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים, סִימָן ש): "לְעוֹלָם יְסַדֵּר אָדָם שֻׁלְחָנוֹ בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת, כְּדֵי לְלַוּוֹת אֶת הַשַּׁבָּת, אֲפִלּוּ אֵינוֹ צָרִיךְ אֶלָּא לִכְזַיִת", אַזוֹי אוֹיךְ אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וַואשְׁט מֶען זִיךְ צוּ אַ סְעוּדָה, אַזוֹי וִוי דֶער מְחַבֵּר פַּסְקְ'נְט (שָׁם, סִימָן תיט): "מִצְוָה לְהַרְבּוֹת בִּסְעֻדַּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ"; מֶען בֶּענְטְשְׁט אִין אַ סִידוּר דַוְקָא, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן קַיין וֶוערְטֶער, אוּן מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר אִיז אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת.

לֵייג אַוֶועק אַלֶע דַיינֶע חָכְמוֹת, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן חָכְמוֹת נָאר קָאפּ וֵוייטָאג, אוּן פַאר אִידִישְׁקֵייט קוּמְט דָאס בִּכְלַל נִישְׁט צוּנִיץ; קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ וִוי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד, מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קד): "הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי פָּשׁוּט'עֶ עֲבוֹדוֹת, "שֶׁל סְתָם בְּנֵי אָדָם הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים", פוּן פָּשׁוּטְ'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן. "וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים כְּדֶרֶךְ הֲהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וָואס

זָאגְן אַלֶע תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, אַזוֹי וִוי דִי פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן פִּירְן זִיךְ. "וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת", דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אָנְזָאגְן אוּן אָנְוָוארֶענֶען אַז מִיר זָאלְן זִינְגֶען זְמִירוֹת אוּם שַׁבָּת, "וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת", אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ פַאר חֲכָמִים אוּן זִינְגֶען נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה אוּן אַנְדֶערֶע פָּשׁוּטְ'עֶ עֲבוֹדוֹת. "כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת - ווִי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד.

שְׁרַייבְּט וַוייטֶער רֶבִּי נָתָן: "וְגַם הוּא בְּעַצְמוֹ קֹדֶם שֶׁהִגִּיעַ לוֹ הַחוֹלַאַת הַכָּבֵד שֶׁנִּסְתַּלֵּק עַל יָדוֹ, קֹדֶם לָזֶה, כָּל יָמָיו הָיָה מְזַמֵּר זְמִירוֹת הַרְבֵּה בְּכָל שַׁבָּת וְשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת", דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִינְגֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ זְמִירוֹת יֶעדְן שַׁבָּת אוּן יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (מִשְׁלֵי י, ט): "הוֹלֵךְ בַּתֹּם יֵלֶךְ בֶּטַח", וֶוער עֶס גֵייט בִּתְמִימוּת, דֶער גֵייט אוֹיף אַ זִיכֶערֶע וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# שסז

## אִיךְ בִּין זַייעֶר דֶעפְּרֶעסְט אוּן אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף שְׁפֶּעט, הָאט אִיר אַן עֵצָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זַייעֶר מִיטְ'ן אוֹיפְשְׁטֵיין צוּפְרִי אִין צַייט, דָאס שְׁטֶערְט מִיר זַייעֶר שְׁטַארְק אִין לֶעבְּן. אוֹיךְ לַייד אִיךְ שְׁטַארְק אוֹיף דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן עֶס קֶען זַיין אַז דִי צְוֵויי פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען פַארְבִּינְדְן אֵיינְס מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוֹיף דֶעם אוּן אִיךְ וֶועל וַוייטֶער מַאכְן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַסַאךְ פְּחָדִים פוּן דֶעם, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז דָאס וֶועט מִיר שָׁאטְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ מוּזְן גֶטְ'ן צוּלִיבּ דֶעם חַס וְשָׁלוֹם.

אִיךְ וֵויים אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט נִישְׁט פוּן טֶערָאפִּי, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט פַאר מִיר אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם -

כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ, אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט. ווייל אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען ווייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט ווייטֶער: "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר, שְׁטַארְק דִיר אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר אוּן וֶועט נָאךְ טוּן מִיט דִיר.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל בַּיי אִים אִין שְׁטוּב. זַיין ווייבּ פְלֶעגְט אִים כְּסֵדֶר פְרֶעגְן: "אַהֲרֹן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ, מִיר הָאבְּן דָאךְ גָארְנִישְׁט?!" פְלֶעגְט עֶר אִיר שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן: "דוּ גְלֵייבְּסְט אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט אַמָאל? נוּ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט; יֶעצְט טַאקֶע הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער עֶס וֶועט נָאךְ גוּט זַיין, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, דֶערְפַאר בָּארְג אִיךְ שׁוֹין אוֹיס אַבִּיסְל פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט".

**עֶס** אִיז פַארְהַאן זֵייעֶר אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר אַלֶע וָואס קֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ; מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט דָאס כְּסֵדֶר אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס קֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ אוּן זֵיי שְׁלָאפְן אַרַיין בִּיז טִיף אִין טָאג אַרַיין; דִי עֵצָה אִיז: 'גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ'. דִי עֵצָה קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוּן עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה - אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ שְׁטֵייט מֶען אוֹיף צַייטְלִיךְ, ווִידֶערְאוּם אַז מֶען אִיז אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט אוֹיף דֶער נַאכְט שְׁטֵייט מֶען אוֹיף שְׁפֶּעט.

**גֶעוֶוענְלִיךְ** הָאבְּן בָּחוּרִים זֵייעֶר לִיבּ צוּ זַיין אוֹיף שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט; מֶען פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט, מֶען זִיצְט אוּן מֶען פְּלוֹישְׁט שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת דְבָרִים שֶׁל מָה בְּכַךְ. נָאכְדֶעם גֵייט מֶען שְׁלָאפְן מִידֶערְהֵייט אָן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָן קַיין נֶעגְל וַואסֶער, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין בֶּעט אָן יִרְאַת שָׁמַיִם. דָאס אִיז אַלֶעס מַעֲשֵׂה שָׂטָן, עֶר אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ פַארְדְרֵייטֶע סֵדֶר - שְׁלָאפְן בַּייטָאג אוּן אוֹיף זַיין בַּיינַאכְט, אַזוֹי הָאט עֶר שׁוֹין נָאכְדֶעם צוּגְרֵינְט גֶעלֵייגְט דֶעם גַאנְצְן טָאג. אַ וואוּילֶער בָּחוּר מַאכְט זִיךְ אַ סֵדֶר, עֶר גֵייט שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

**נָאךְ** אַן עֵצָה אִיז דָא פַאר דֶעפְּרֶעשְׁן: "לִימּוּד הַתּוֹרָה"; וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן

עו), אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק. אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דִיפְּרֶעסְט הָאט עֶר נִישְׁט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וְכוּ', וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי נֶעץ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט אִינְגַאנְצְן זַיין מֹחַ. מִיט דֶעם אַלֶעם זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שסח

**ווִי אַזוֹי עֶרְקְלֶערְט מֶען פַאר קִינְדֶער דִי גְמָרָא "נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה"?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד מוֹרִי וְרַבִּי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ רוּף אַייךְ מוֹרִי וְרַבִּי, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט בַּיי אַייךְ אוּן אִיר קֶענְט מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט, זָאלְט אִיר אָבֶער וויסְן אַז אִיר רֶעדְט טַאקֶע צוּ דִי בָּחוּרִים אִין נְיוּ יָארְק, אָבֶער אַייעֶר הַשְׁפָּעָה קוּמְט אָן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דִי דְרָשׁוֹת, בְּרִיוְון, חִיזּוּק יוֹמִי,

הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין גַאנְצֶע וֶועלְט, מַיין גַאנְצֶע שְׁטוּב אִיז גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה אִין אַייעֶר זְכוּת. אוֹיסֶער דִי שָׁלוֹם בַּיִת, לִימּוּד הַתּוֹרָה אוּן נָאךְ פִילֶע עֵצוֹת וָואס הָאט מִיר אַזוֹיפִיל גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי קִינְדֶער דִי גְמָרָא אִין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת (לב.), אַז פוּן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן אִיז פַארְשְׁפַּארְט גֶעוָוארְן דִי טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִלָּה, אָבֶּער דִי טוֹיעֶרְן פוּן טְרֶערְן זֶענֶען יָא גֶעבְּלִיבְּן אָפְן. דִי גְמָרָא אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז וֶוען אַ אִיד דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען דִי טוֹיעֶרְן צוּגֶעשְׁפַּארְט פַאר אִים? אוֹיבּ בֶּעט עֶר נִישְׁט מִיט טְרֶערְן וֶועלְן זַיינֶע תְּפִלּוֹת נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אִיךְ וֶועל אַייךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיבּ אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען קְלָאר שְׁטֶעלְן.

אַגַב, דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט מִיר גֶעווִיזְן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל אַ דְּרָשָׁה פוּן אַייךְ, אִיז אַ מִתְנַגֵּד פוּן בְּרֶסְלֶב. עֶר הָאט מִיר דָאס גֶעווִיזְן אוֹיף צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים בִּקְבִיעוּת, אוּן דָאס וֶועט מִיר אַזוֹיפִיל הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן...

בְּהוֹקָרָה וּבִבְרָכָה

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַמְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

## וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד;

עֶס נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַ מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס וָואס בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס זַייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, אַז פּוּנְקְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד. אַ מְלַמֵּד פְלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אוּן טוּעֶן גוּטֶע זַאכְן גֵייט אַלֶעס אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם מְלַמֵּד.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב.): "וְאָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי תְפִלָּה", פוּן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן זֶענֶען פַארְמַאכְט דִי טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִלָּה; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ שִׁיטוֹת אִין חֲזַ"ל, אִין דִי מֶדְרָשִׁים זֶענֶען דָא כַּמָּה דְּרָכִים - אֵיינֶער זָאגְט אַזוֹי אוּן דֶער אַנְדֶערֶער זָאגְט אַזוֹי, אָבֶּער אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אִיז דָא אַ פְּשַׁט. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (פְּסָחִים פה:): "אֲפִילוּ מְחִיצָה שֶׁל בַּרְזֶל אֵינָהּ מַפְסֶקֶת בֵּין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", אֲפִילוּ אַן אַייזֶערְנֶע וַואנְט אִיז נִישְׁט מַפְסִיק צְווִישְׁן אוּנְז אִידְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְפִלָּה זוֹ בִּלְבָד", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וֶוען מִיר וֶועלְן זַיין אִין גָלוּת, אָן קַיין קֶענִיג, אָן קַיין נָבִיא, אָן קַיין כֹּהֵן גָדוֹל אוּן אָן קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "אָמַר דָוִד לִפְנֵי הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת.

**מִיר** ווייסְן נָאר וָואס צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט - בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה; ק) אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ צַדִיקִים, אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדְן נָאמֶען וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן אִים בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**עֶס** אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שְׁמוּעֶס בַּיים רֶבִּי'ן וָואס דֶער רֶבִּי זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ אוּנְז פוּן תְּפִלָּה, אוּנְז מְחַזֵק זַיין אַז מִיט תְּפִלָּה וֶועט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא, א): "הֱווּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה, שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה וְהִיא גְדוֹלָה מִכָּל הַקָרְבָּנוֹת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר

די אידן, זייט נזהר אין תְּפִלָּה ווייל דָאס איז די שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, און דָאס איז בַּיי מיר חָשׁוּב'ער פון אַלֶע קָרְבָּנוֹת, "וַאֲפִלּוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לַעֲנוֹת בִּתְפִלָּתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ, כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים, אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ", און אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס איז נִישְׁט רָאוּי מֶען זָאל אים הֶעלְפְן און טון מיט אים חֲסָדִים, אויב ער דַאוֶוענְט און בֶּעט מיר - וֶועל איך אים הֶעלְפְן.

**דֶערְצֵייל** פַאר די קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון תְּפִלָּה, דֶערְצֵייל זֵיי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מִדְרָשׁ דְּבָרִים רַבָּה ב, טז): עֶס איז גֶעוֶוען אַמָאל אַ שְׁטוּרֶם ווינְט אויפ'ן וַואסֶער און אַ שִׁיף איז פַארְבְּלָאנְדְזֶשֶׁעט גֶעוָוארְן און איז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ ווייטֶע שְׁטָאט, אויפ'ן שִׁיף הָאבְן זִיךְ גֶעפוּנֶען אֵיין איד מיט אַסַאךְ גוֹיִם, וֶוען די שִׁיף איז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ די פְרֶעמְדֶע מְדִינָה זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם צוּגֶעקוּמֶען בֶּעטְן פון דֶעם איד ער זָאל זֵיי גֵיין קוֹיפְן עֶסְן, הָאט דֶער איד זֵיי צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט מיט ווָאונְדֶער: "איך בִּין דֶען בַּאקַאנְט דָא, אַז איר אַלֶע קוּמְט מיר בֶּעטְן איך זָאל קוֹיפְן עֶסְן?" הָאבְן די גוֹיִם גֶעשְׁרִיגְן אויף דֶעם איד און גֶעזָאגְט: "אַ איד איז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, אַ איד הָאט אֵייבִּיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מיט זִיךְ", פִירְט דֶער מִדְרָשׁ אוֹיס: "הֲוֵי, אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרוֹבִים אֵלָיו (דְּבָרִים ד, ז)".

**פַאר** די קִינְדֶער זָאלְסְטוּ מַסְבִּיר זַיין וָואס די רִאשׁוֹנִים זָאגְן פְּשַׁט אין דֶעם (עַיֵּין מְאִירִי בָּבָא מְצִיעָא נט.), אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס די

תְּפִילוֹת פוּן אוּנְז אִידְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ תְּפִלָּה זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען, עֶס אִיז נָאר אַנְדֶערְשׁ הַיינְט וִוי אִין דִי צַייטְן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען; אַז הַיינְט דַארְף מֶען קְלַאפְּן אוֹיפְ'ן טִיר אַז דִי תְּפִילוֹת זָאלְן אַרוֹיפְגֵיין, מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען וַויינְט דֶעמָאלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ רַחְמָנוּת אוּן נֶעמְט אָן דִי תְּפִלָּה אֲפִילוּ הַיינְט אוֹיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת יב:): "אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, כָּל מִלִּין דְעָלְמָא תַּלְיָין בִּתְשׁוּבָה וּבִצְלוֹתָא דְצַלֵּי בַּר נָשׁ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וְכָל שֶׁכֵּן, מַאן דְאוֹשִׁיד דִּמְעִין בִּצְלוֹתֵיהּ, דְלֵית לָךְ תַּרְעָא דְלָא עָאלִין אִינוּן דִּמְעִין", עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ זַאךְ וָואס עֶס נוּצְט נִישְׁט דֶערוֹיף תְּשׁוּבָה, בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וַויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קַיין שׁוּם טִיר אִיז נִישְׁט פַארְמַאכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הַארְץ צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי וֶועלְן מְקַנֵּא זַיין דִי צַדִּיקִים אוּן זֵיי וֶועלְן נָאכְטוּן דִי צַדִּיקִים. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי, הָאט דֶער מְלַמֵּד אִים גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבַת הַלְּבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ מוּסָר, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר',

צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶ׳ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ״; וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים דָאס פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין נָאר אִין תְּפִלָּה.

## שסט

### קְבִיעַת עִתִּים אוֹיף אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער מִינוּט? וְויפִּיל מוּז מֶען אַרְבֶּעטְן? מֶעג מֶען מְפַרְסֵם זַיין סִיוּמִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דֶעם וָואס אִיר גֶעבְּט דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אַייךְ צוּ קֶענֶען פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת, אוּן פַאר דִי הֶערְלִיכֶע קְלָארֶע תְּשׁוּבוֹת בְּטוּב טַעַם וָדַעַת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן. אֵיינְס לְגַבֵּי קְבִיעַת עִתִּים לַתּוֹרָה, אוֹיבּ דָאס דַארְף זַיין מַמָּשׁ אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע צַייט יֶעדְן טָאג אַ גַאנְץ יָאר, וָואס דָאס אִיז שְׁוֶוער צוּ מְקַיֵּים זַיין וַוייל עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס עֶס וֶוערְט פְרִיעֶר נַאכְט, אוּן אַנְדֶערֶע צַייטְן וֶוערְט שְׁפֶּעטֶער נַאכְט, אוּן אוֹיךְ אִיז דָא שַׁבָּתִים וְיָמִים טוֹבִים וָואס מֶען קֶען אִין דִי צַייט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט סְעוּדוֹת אָדֶער דַאוֶונֶען וְכַדוֹמֶה.

צְוֵוייטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט שׁוֹין פוּפְצִיג שָׁעָה אַ וָואךְ, אָבֶּער עֶר מַאכְט נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט צוּ דֶעקְן אַלֶע הוֹצָאוֹת, צִי עֶר אִיז מְחוּיָב מִצַּד דִי כְּתוּבָּה אוּן מִצַּד דִי חִיוּב צוּ שְׁפַּייזְן דִי קִינְדֶער אוּן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד - צוּ אַרְבֶּעטְן מֶער שָׁעוֹת.

אויך הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקסה, סָעִיף ו; יוֹרֶה דֵּעָה סִימָן רמט, סָעִיף יג) אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְפַרְסֵם זַיין אַז מֶען הָאט גֶעפַאסְט אָדֶער אַז מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה, אוֹיבּ אַזוֹי צִי מֶעג מֶען מְפַרְסֵם זַיין אַז מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא, אָדֶער אַז מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל מָאל מִשְׁנַיוֹת?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן עַל רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן וְעַל אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן.

בְּעִנְיַן קְבִיעוּת עִתִּים לַתּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ אִיד צִי עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, וַוייל עֶר אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר זַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ דוּ אַרְבֶּעטְסְט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קוֹבֵעַ זַיין אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען, דָאךְ זָאלְסְטוּ זֶען אַרוֹיס צוּ כַאפְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה". דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען אִים: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה"? בִּפְשָׁטוּת זֶעט אוֹיס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען, אָבֶער דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אַנְדֶערְשׁ, אַז מֶען פְרֶעגְט אִים צִי עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'עט צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג טְרָאץ זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן אִיבֶּערְגֵייעֶכְטְס, וַוייל קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵלָה, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג) "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ", זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גַנְבְ'נֶען; דָאס מֵיינְט מֶען צוּ פְרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", צִי עֶר הָאט אַרוֹיס גֶעכַאפְּט פוּן זַיין פַּארְנוּמֶענֶעם טָאג אַפָּאר מִינוּט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפד).

**אַז** מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - לֶערְנְט מֶען אַ גַאנְצְן טָאג; וֶוען מֶען הָאט אַ לֵיידִיגֶע מִינוּט כַאפְּט מֶען אַרַיין אַבִּיסְל תּוֹרָה. אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער הַאלְט מֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ אַ זֶעקְל סְפָרִים וָואס עֶנְטְהַאלְט אַ חוּמָשׁ'ל, אַ מִשְׁנַיוֹת'ל, אַ תְּהִלִים'ל וְכוּ' אוּן וֶוען מֶען הָאט אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט כַאפְּט מֶען אַרַיין אַבִּיסְל גוּטְס, מֶען אִיז מְקַיֵים דֶעם "קָבַע"תָּ עִתִּים לַתּוֹרָה" - מֶען גַנְבְ'עט צַייט צוּ לֶערְנֶען, דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאווַייזְן.

**אַז** דוּ וֶועסְט נָאכְקוּקְן ווי אַזוֹי דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים פִירְן זִיךְ וֶועסְטוּ זֶען ווִי מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד גֵייט

שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, אַזוֹי אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא בַּיי אִים קַיין בִּיטוּל הַזְמַן - אָדֶער לֶערְנְט מֶען, אָדֶער רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אִיז מֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה - מֶען אִיז מְקַרֵב נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַ** בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אִיז אַמָאל גֶעפָארְן מִיט אַ וָואגְן פוּל מִיט סְחוֹרָה צוּ אַ יְרִיד; אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אַרָאפּ גֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער פָארְן, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַ דֶעקְל אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים. אִינְמִיטְן אִיז רֶבִּי נָתָן דוּרְךְ גֶעפָארְן אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער אִיד זִיצְט דָארְט אוּן לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים מִיט אַ חַיוּת אוּן אַ גֶעשְׁמַאק, אוּן עֶר הָאט זַייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט. שְׁפֶּעטֶער הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאב גֶעזֶען אוֹיף דֶעם אִיד ווִי עֶר הָאט זַייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט אַז עֶס רֶעגְנְט, ווַייל אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקֶענְט לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן".

**בְּעִנְיַן** פַּרְנָסָה וְכוּ'; דֶער מַאן דַארְף ווִיסְן אַז עֶר הָאט אוּנְטֶער גֶעשְׁרִיבְּן בַּיי דִי חוּפָּה אִין דִי כְּתוּבָּה: "אֲנָא אֵיזַן, וְאוֹקִיר, וְאֶפְלַח לֵכִי", אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפַּייזְן וְכוּ', דֶערִיבֶּער דַארְף עֶר טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ שְׁפַּייזְן זַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער אַז עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַריין פַאלְן אִין חוֹבוֹת; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען צָאלְן דִירָה גֶעלְט, ווַייל אוֹיבּ מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין רֶענְט וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין דַאךְ אִיבֶּערְן קָאפּ. דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהֲרָא"ש אוּנְז גֶעזָאגְט אַז דָאס עֶרְשְׁטֶע פְּלַאץ וואוּ דִי גֶעלְט דַארְף גֵיין אִיז פַאר רֶענְט;

רֶענְט קוּמְט פַאר עֶסְן אוּן פַאר אַלֶעמֶען. נָאכְדֶעם דַארְף מֶען צָאלְן לֶעקְטֶער, גֶעז, גְרָאסֶערִי וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַז מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט פַאלְט מֶען אַרַיין אִין חוֹבוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ וְיַצִּילֵנוּ, אוּן אֵיינְמָאל מֶען הָאט חוֹבוֹת אִיז מֶען שׁוֹין נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס מֶען אִיז בֶּאֱמֶת, מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין מֹחַ, מֶען אִיז אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת, נָאכְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן דֶער לֶעבְּן וֶוערְט אוּיס.

**פָּאלְג** דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקַר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דֶער עִיקַר עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי ווייבּ; אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין ווייבּ אוּן דוּ וֶועסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח. אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, אוּן מֶען זוּכְט אַלְץ תֵּירוּצִים צוּ בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן מִיט חֲבֵרִים וְכַדּוֹמֶה - דֶעמָאלְט פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט.

**בְּעִנְיַן** צִי מֶען זָאל מְפַרְסֵם זַיין וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ פַארְוֶועם מֶען אִיז דָאס מְפַרְסֵם, אַז אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וִויל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַ חֵשֶׁק אִין אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים אִיז זִיכֶער גוּט דָאס צוּ מְפַרְסֵם זַיין, יֶעדֶע סִיּוּם פוּן דִי תַּלְמִידִים; אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קיח:): אַבַּיֵי הָאט גֶעזָאגְט: "תֵּיתֵי לִי, דְּכִי חֲזֵינָא צוּרְבָא מֵרַבָּנָן דְּשָׁלִים מַסֶכְתֵּיהּ, עֲבִידְנָא יוֹמָא טָבָא לְרַבָּנָן", זָאגְט רַשִׁ"י אוֹיפְ'ן פְּלַאץ: אַבַּיֵי אִיז גֶעוֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן יֶעדֶעם

מָאל אַ תַּלְמִיד הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען אַ מַסֶּכְתָּא, הָאט אַבַּיֵי גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה אוּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייְדט. עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "תֵּיתֵי לִי", זָאל מִיר קוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ פְּלֶעג זִיךְ מִיט פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע סִיּוּם פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים כְּדֵי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אַ חֶשְׁקַת הַתּוֹרָה.

אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען אִיז מְסַיֵּים אַ מַסֶּכְתָּא אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה דָאס צוּ מוֹדִיעַ זַיין פַאר דִי עֶלְטֶערְן; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם - וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי זֵייעֶר קִינְד לֶערְנְט פְּלַייסִיג. אוּן זִיכֶער דַארְף מֶען דָאס מוֹדִיעַ זַיין פַאר דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, וַוייל קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ ווָאוּ דֶער טַאטֶע לֶערְנְט, זֵיי הַאלְטְן מִיט יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער טַאטֶע מַאכְט אַ סִיּוּם - וֶועלְן זֵיי דָאס נָאכְמַאכְן. עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ גְרֶעסֶערֶע זַאךְ אִין חִינוּךְ וִוי וַוייזְן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל; קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ טַאטֶע וָואס לֶערְנְט אוּן מַאכְט סִיּוּמִים וֶועלְן זֵיי דָאס נָאכְטוּן.

אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען הָאט אַ חַבֵר וְכוּ' אוּן מֶען זֶעט וִוי יֶענֶער דְרֵייְדט זִיךְ בַּיי אַ רֶבִּי אַ יָאר צְוֵויי דְרֵיי וְכוּ' וְכוּ' אוּן עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, פוּן יָאר צוּ יָאר עֶפְּנְט עֶר נִישְׁט קַיין אִידִישׁ סֵפֶר, מֶעג מֶען אִים אוֹיךְ זָאגְן: "דוּ וֵוייסְט, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּים זַיין כַּךְ וְכַךְ מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה"; "אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כַּךְ וְכַךְ מָאל גַאנְץ שַׁ"ס", דָאס קֶען יֶענֶעם אוֹיפְוֶועקְן פוּן זַיין שְׁלָאף עֶר זָאל טְרַאכְטְן: 'ווָאוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט?'

'וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט?' 'וָואס בַּאקוּם אִיךְ פוּן מַיין רֶבִּי?' 'פַארְוָואס לוֹיף אִיךְ נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען מִיר נִישְׁט נָאנְט בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?'

**אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם בְּרִיוו שֵׂכֶל צוּם לֶעבְּן.**

## שע

### אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, אוּן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, וָואס טוּט מֶען?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס הָאבְּן מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אִיךְ אַרְבֶּעט אַסַאךְ שָׁעוֹת, אוּן אִין דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט פַארְבְּרֶענְג אִיךְ מִיט מַיין פַאמִילְיֶע, אוּן עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, וֶוען אִיךְ בִּין אָבֶּער גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַייךְ פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), הָאב אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אוּן אִיךְ הָאב שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

לְמַעֲשֶׂה אָבֶּער קוּמְט מִיר אֲפִילוּ דָאס אוֹיךְ אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף מִיר אוּן נֶעמְט מִיר מַמָּשׁ צוּ דִי גַאנְצֶע צַייט, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

מַיין פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט דִי בֶּעסְטֶע, סַיי מִיט דֶעם וָואס אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף אַ פְּלַאץ מִיט פְרֵייעֶ אִידְן אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט פַאר מִיר,

אויך מַאךְ אִיךְ נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט, קוים וָואס אִיךְ קֶען עֶנְדִיגְן דֶעם חוֹדֶשׁ, און פוּן קויפְן אַ דִירָה אִיז שׁוין אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט אַזוֹיפִיל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה אוֹיף אַ בֶּעסֶערֶע פְּלַאץ, דֶערְוַוייל זֶע אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אַז דִי תְּפִלּוֹת זָאלְן בְּרֶענְגֶען פֵּירוֹת.

און אֲפִילוּ דָאס בִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת קוּמְט מִיר אויךְ אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נָאר שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, און וֶוען אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט שְׁטֵיי אִיךְ נָאכְדֶעם אוֹיף שְׁפֶּעט, און דָאס שְׁטֶערְט מִיר דֶעם גַאנְצְן טָאג.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן און מְחַזֵק זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ דַארְפְסְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין אִין דַיין לֶעבְן אֵיינְמָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וִויפִיל עֶלְטֶערֶע אִידְן הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט אֲפִילוּ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; וואוּיל אִיז דִיר און וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.**

**מִשְׁנָה בַּאטְרֶעפְט דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף אִין נַיינְצִיג, און פַּרְנָסָה בַּאטְרֶעפְט אויךְ דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף אִין נַיינְצִיג; בִּזְכוּת לִימּוּד מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה און הַצְלָחָה.**

יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאל זִיךְ נִישְׁט פְּלָאגְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם, כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנּוֹם כִּי כֻלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד". אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', וַוייל דָא אִיז נִישְׁט דָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה, נָאר דָא אִיז דֶער גֵיהִנּוֹם אַלֵיין, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז פוּל מִיט יִסּוּרִים. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם) אַז יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יִסּוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִסּוּרִים וְכוּ', אוּן אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יִסּוּרִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוֹלָד קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, עֶר לֶעבְּט וֵוייניג אוּן דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט וֵוייטָאג, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): "כָל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים: "וָואס מַאכְסְטוּ?" "וָואס הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "קוּק אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין

לֶעבְּן, און עֶר איז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ און אַזוֹי דַאנְקְבַּאר; אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט, און מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּט לֶעבְּן".

דַאנְק און לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער; דַאנְק אִים אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק. וִויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין שְׁפִּיטָאל מִיט בִּיטֶערֶע יְסוּרִים; דַאנְק אִים און לוֹיבּ אִים וֶועט עֶר דִיר עֶפֶענֶען דִי הִימְל און דוּ וֶועסְט זֶען דִי נִיסִים וָואס עֶר וֶועט דִיר מַאכְן.

## שעא

**אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן, מַיין וַוייבּ וִויל עֶס אָבֶּער נִישְׁט אַוֶועקְוַוארְפְן, וָואס טוּ אִיךְ?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים און דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעטְרָאפְן און אִיר דֶערְנֶענְטֶערְט מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט צֶען מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אַזוֹי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא און אִין רַמְבַּ"ם.

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט שָׁלוֹם בַּיִת און מִיט חוֹבוֹת, כָאטְשׁ אִיךְ פַארְדִין שֵׁיין פַּרְנָסָה, און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף מֶער מִתְפַּלֵל זַיין.

אִיךְ בִּין פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ הָאבּ עֶס אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין וַוייבּ וִויל עֶס נָאכְנִישְׁט

אוֹיפְגֶעבְן, דַארְף אִיךְ אִיר מְעוֹרֵר זַיין אוֹיף דֶעם? אָדֶער זָאל אִיךְ וַוארְטְן בִּיז וֶוען זִי וֶועט אַלֵיינְס אָפְּמַאכְן אַז זִי דַארְף עֶס נִישְׁט הָאבְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וֶוען** זָאל זִי אַוֶועק וַוארְפְן אִיר סְמַארְטְפָאוֹן? פּוּנְקְטְלִיךְ אִין דִי מִינוּט וֶוען דוּ הָאסְט אָפְּגֶעמַאכְט אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דַיין סְמַארְטְפָאוֹן?!

**וואוּ** אִיז דַיין שֵׂכֶל? וויפִיל הָאט מֶען גֶעדַארְפְט רֶעדְן צוּ דִיר בִּיז דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער צוּ תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם וֶוען דֶער טַאטֶע זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ פִּיר אוּן צְוַואנְצִיג שָׁעָה מִיטְ'ן סְמַארְטְפָאוֹן? אוּן יֶעצְט ווילְסְטוּ אַז זִי זָאל דָאס גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין פוּן זִיךְ אַלֵיין?! וויפִיל מָאל הָאסְטוּ גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען כּוֹחוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה צוּ הָאבְן דִי שְׁטַארְקֵייט אַוֶועק צוּ לֵייגְן דַיין סְמַארְטְפָאוֹן? וָואס ווילְסְטוּ, אַז זִי זָאל עֶס אִין אֵיין מִינוּט פַארְשְׁטֵיין?!

**דֶער** אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע גֵייסְט אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מֶען זָאל ווִיסְן ווִי שֶׁעדְלִיךְ עֶס אִיז

וֶוען עֶלְטֶערְן שְׁפִּילְן זִיךְ מִיטְ'ן סְמַארְטְפְאוֹן; עֶס רַייסְט אַרוֹיס יֶעדֶעם פִּינְטֶעלֶע יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּן דִי קִינְדֶער. אַז מֶען דַארְף דָאס פַאר דִי אַרְבֶּעט אִיז אֵיין צָרָה, אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ אִיז מֶען נִישְׁט בַּארֶעכְטִיגְט דָאס אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען בְּשׁוּם אֵין פָּנִים וְאוֹפֶן. דִי אַלֶע וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלוּגֶער פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְן דַארְפְן צָאלְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז שְׁפֶּעטֶער, וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ כַאפְּן וואוּ דִי קִינְדֶער הַאלְטְן וְכוּ' - וֶועט שׁוֹין זַיין אַבִּיסֶעלֶע שְׁפֶּעט.

וֶזער רֶעדְט נָאךְ וִוי שֶׁעדְלִיךְ עֶס אִיז אַז אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן; דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, עֶס נֶעמְט אִיר אַוֶועק פוּן אִירֶע קִינְדֶער, עֶס נֶעמְט אִיר אַוֶועק פוּן טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט אוּן עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַ שְׁטוּבּ אָן אַ מַאמֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ מַאמֶע וָואס הֶערְט נִישְׁט, זֶעט נִישְׁט אוּן שְׁמֶעקְט נִישְׁט נָאר אֵיין זַאךְ - אִיר סֶעל; קִינְדֶער דַארְפְן אַ מַאמֶע וָואס וֶוען זֵיי רֶעדְן צוּ אִיר אִיז אִיר קָאפּ מִיט זֵיי, נִישְׁט אִינֶעם טֶעלֶעפָאן, אוּן הֶערְט זֵיי אוֹיס בְּלוֹיז מִיט אַ פֶערְטְל אוֹיעֶר. דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל וִוי זֵיי זֶענֶען נִישְׁט וֶוערְד, מֶען דַארְף זֵיי פָּשׁוּט נָאר פַאר דִי פָּאר מִינוּט וָואס מֶען דַארְף כַאפְּן בִּילְדֶער פוּן זֵיי אוּן שִׁיקְן וַוייטֶער אוֹיף סָאוֹשֶׁעל מִידְיֶע; אַזַא שְׁטוּבּ וֶוערְט חָרוּב רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דוּ קֶענְסְט רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער; וַוייז אִיר דֶעם בְּרִיוו אוּן זָאג אִיר אַז פַאר דִיר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען דָאס אַוֶועק צוּ לֵייגְן וְכוּ' אוּן דוּ הָאסְט עֶס

גֶעטוּן נָאר וַוייל דוּ ווילְסְט אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער וֶועט זִי פַארְשְׁטֵיין, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם צוּ רֶעדְן שַׁארְפֶע וֶוערְטֶער.

**אַז** דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקָר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

## שעב

### ווִי אַזוֹי נֶעם אִיךְ אַרָאפּ דִי קְלָלָה אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַלְס אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה וויל אִיךְ אָנְוואוּנְטְשְׁן אַ מַזָל טוֹב פַּאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז נָאךְ אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה אִיז גֶעוָוארְן אַ חָתָן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת בַּיי מִיר אוּן בַּיי אַלֶע תַּלְמִידִים.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אַ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים וֶועט אִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען אַ בָּחוּר וָואס אִיז יוּנְגֶער פוּן מִיר וֶוערְט אַ חָתָן, וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאֲר'ט שְׁטֶענְדִיג אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין זִיווּג אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען מַיין בַּאשֶׁערְטֶע זִיווּג.

וָואס בְּרֶענְגְט מִיךְ יֶעצְט צוּ שְׁרַייבְּן דֶעם בְּרִיוו אִיז, אַז אִיךְ בִּין בַּאזָארְגְט וֶועגְן מַיין שִׁידּוּךְ צוּלִיב אַ צְוֵוייטֶע סִיבָּה, אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ שׁוֹין יָא צֶעבְּרָאכְן.

דָאס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען פַארְיָאר וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר אֵיינְמָאל אָנְגֶעשְׁרִיגְן אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן בֶּעפָאר נָאךְ עֶטְלִיכֶע יָאר! דֶער זַאץ קְלִינְגְט מִיר שְׁטֶענְדִיג אִין דִי אוֹיעֶרְן, אוּן אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ מְשׁוּגָע פוּן דֶעם.

דֶערְפַאר קוּם אִיךְ מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ פְּרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ אִיז דָא עֶפֶּעס אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר דִי קְלָלָה, אָדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה נָאר אוֹיסְוַוארְטְן נָאךְ אַפָּאר יָאר בִּיז דִי קְלָלָה וֶועט אַוֶועקְגֵיין, אוּן דֶעמָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן, אַ גוּט שַׁבָּת

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

## אִיךְ שֶׁעלְט נִישְׁט קֵיינֶעם; אִיךְ פַארְגִין דִיר דוּ זָאלְסְט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אִיךְ דַאוֶונֶען פַאר דִיר יֶעדְן טָאג דוּ זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידּוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

**דָאס** וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט פַארְיָאר אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ דַארְפְן לַאנְג וַוארְטְן אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ; וַוייל דוּ הָאסְט פַארְגָאסְן אִידִישׁ בְּלוּט אִין יְשִׁיבָה. דוּ הָאסְט אַרוֹיס גֶעלָאזְט אַ שְׁמוּעָה אוֹיף אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער בָּחוּר אַז עֶר וֶוערְט אַ חָתָן צוּ מִשְׁפַּחַת ...., דֶער בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶען אַז עֶר אִיז אַ חוּזֶק פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶוער עֶס הָאט גֶעמַאכְט דִי לֵיצָנוּת, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַז דֶער וָואס הָאט דָאס גֶעמַאכְט וֶועט נָאךְ דַארְפְן וַוארְטְן אוֹיף זַיין שִׁידוּךְ. וַוייל אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵייטְן, מֶען מַאכְט וֵויינֶען אַ צְוֵייטְן - בַּאצָאלְט מֶען נָאכְדֶעם אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז.

**מִיר** גֶעפוּנֶען בַּיי אֶלְקָנָה אַז עֶר הָאט גֶעהַאט צְוֵויי וַוייבֶּער - פְּנִינָה אוּן חַנָּה, פְּנִינָה הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער אוּן חַנָּה אִיז גֶעוֶוען אַן עֲקָרָה, זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוּאֵל-א א, ו) פְּנִינָה הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט חַנָּה: "וְכִעֲסַתָּה צָרָתָהּ גַּם כַּעַס בַּעֲבוּר הַרְעִמָהּ", זָאגְט רַשִׁ"י אַז זִי הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: "כְּלוּם קָנִיתָ הַיּוֹם מַעֲפוֹרֶת לְבִנְךָ הַגָּדוֹל", הָאסְט גֶעקוֹיפְט אַ וַוארֶעמֶע קְלֵייד פַאר דַיין קִינְד? "אוֹ חָלוּק לְבִנְךָ הַקָּטָן", הָאסְט גֶעקוֹיפְט אַ הֶעמְד פַאר דַיין בֶּעבִּי? זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא בַּתְרָא טז.): "פְּנִינָה לְשֵׁם שָׁמַיִם נִתְכַּוְּנָה", פְּנִינָה הָאט אִינְזִין גֶעהַאט לְשֵׁם שָׁמַיִם, זִי הָאט גֶעווּאוּסְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט וֶוערְן זַיינֶע תְּפִילוֹת גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר פְלֶעגְט זִי טְשֶׁעפֶּען חַנָּה כְּדֵי זִי זָאל וֵויינֶען אוּן זִי זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט

קִינְדֶער; לְמַעֲשֶׂה אִיז חַנָּה טַאקֶע גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא, אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט פְּנִינָּה פַארְלוֹירְן אַלֶע אִירֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל-א ב, ה): "עַד עֲקָרָה יָלְדָה שִׁבְעָה וְרַבַּת בָּנִים אֻמְלָלָה"; זֶעט מֶען וִוי הַארְב עֶס אִיז צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן.

לְמַעֲשֶׂה אִיז ... נֵרוֹ יָאִיר שׁוֹין אַ חָתָן גֶעוָוארְן, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאךְ אַבִּיסְל אִיז עֶר שׁוֹין אַ טַאטֶע קַיין עַיִן הָרָע; יֶעצְט דַארְפְסְטוּ אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, פַּאל אִים צוּ דִי פִּיס עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן זָאג צוּ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין גֶעלֶעכְטֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן.

אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל: "אִיךְ שֶׁעלְט נִישְׁט!" דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת קְלָלָה, חֵלֶק ב', סִימָן א): "הָרָגִיל בִּקְלָלוֹת הוּא מֵעוֹלָם הַתֹּהוּ", דֶער וָואס שֶׁעלְט אִיז פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ; אָבֶער אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן, מֶען מַאכְט אַ שְׁפִּיל וִוי אֵיינֶער וֶוערְט אַ חָתָן, מֶען פַארְגִיסְט יֶענֶעמְס בְּלוּט - אוֹיף דֶעם בַּאצָאלְט מֶען אַ פְּרַייז.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יד:): "כָּל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא שְׁנֵי מִקְרָאוֹת אֶחָד מְקַיֵּים עַצְמוֹ וּמְקַיֵּם דִּבְרֵי חֲבֵירוֹ וְאֶחָד מְקַיֵּים עַצְמוֹ וּמְבַטֵּל דִּבְרֵי חֲבֵירוֹ, מַנִּיחִין אֶת שֶׁמְּקַיֵּם עַצְמוֹ וּמְבַטֵּל חֲבֵירוֹ, וְתוֹפְסִין אֶת שֶׁמְּקַיֵּם עַצְמוֹ וּמְקַיֵּם חֲבֵירוֹ"; אַז אֵיינֶער זוּכְט זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן אוֹיךְ

דֶערְהאלְטְן זַיינֶע חֲבֵרִים - אַזַא אֵיינֶער הָאט הַצְלָחָה, אָבֶּער אַז אֵיינֶער בּוֹיט זִיךְ אוֹיף אוּן עֶר אִיז מְבַטֵּל זַיין חָבֵר - אִיז מֶען אִים אוֹיךְ מְבַטֵּל.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ אַרַיין בְּרֶענְגֶען צְווִישְׁן דַיינֶע חֲבֵרִים אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גְרוֹיס וֶוען מֶען לַאכְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט חָשׁוּב וֶוען מֶען שְׁפֶּעט פוּן אַ צְוֵוייטְן; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, יח): "כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיֹּרֶה זִקִּים חִצִּים וָמָוֶת", אַזוֹי וִוי אֵיינֶער שִׁיסְט פַייְלְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן יֶענֶעם צוּ הַרְגֶ'ענֶען, "כֵּן אִישׁ רִמָּה אֶת רֵעֵהוּ וְאָמַר הֲלֹא מְשַׂחֵק אָנִי", אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער וָואס שְׁפֶּעט פוּן זַיין חַבֵר אוּן וֶוען דֶער חַבֵר כַאפְּט אַז עֶר מַאכְט חוֹזֶק פוּן אִים זָאגְט עֶר: "הֲלֹא מְשַׂחֵק אָנִי", אִיךְ מֵיין עֶס נִישְׁט עֶרְנְסְט; לְמַעֲשֶׂה אִיז יֶענֶעמְס בְּלוּט פַארְגָאסְן גֶעוָוארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן לֶעבְן מִיט אַלֶעמֶען בְּשָׁלוֹם; מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעט אִין זַיין תְּפִלָּה (תְּפִלָּה קוֹדֶם הַתְּפִלָּה): "תֵּן בְּלִבֵּנוּ שֶׁנִּרְאֶה כָּל אֶחָד מַעֲלַת חֲבֵרֵינוּ וְלֹא חֶסְרוֹנָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט זֶען יֶענֶעמְס פֶעלֶערְן, "וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ", אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ צְוֵוייטְן, "וְאַל יַעֲלֶה שׁוּם שִׂנְאָה מֵאֶחָד עַל חֲבֵרוֹ חָלִילָה", אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט פֵיינְט הָאבְן אַ צְוֵוייטְן.

**דָאס** דַארְפְן מִיר בֶּעטְן שְׁטֶענְדִיג - מִיר זָאלְן נִישְׁט פַּיינְט הָאבְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, מִיר זָאלְן נָאר זוּכְן ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען טוּן אַ טוֹבָה פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אַזוֹי וֶועלְן מִיר אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת אוּן מִיר וֶועלְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן לֶעבְט דָא אָפּ זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר - נָאר כְּדֵי אַ טוֹבָה טוּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד"; הֶער וֶוערְטֶער וָואס הֵייסְט אַ טוֹבָה טוּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, "עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְן זִיבֶּעצִיג יָאר אַבִּי אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן!"

**זֶע** צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין בְּלַאט גְמָרָא.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

# שעג

## איז כְּדַאי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי אֵייגֶענֶע שְׁוַואכְקֵייטְן פַאר דִי וַוייבּ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי אָפְּן מֶעג מֶען זַיין מִיט דִי וַוייבּ? מֶעג מֶען הָאבְּן פוּן צַייט צוּ צַייט אַזֶעלְכֶע סָארְט אָפֶענֶע שְׁמוּעֶסְן, דֶערְצֵיילְן אֵיינֶער פַאר'ן צְוֵוייטְן אֵייגֶענֶע חֶסְרוֹנוֹת, שְׁוַואכְקֵייטְן אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן מֶען זָאל אָפְּמַאכְן פַאר דִי שְׁמוּעֶס, אַז מֶען גֵייט אַרוֹיסְלֵייגְן אַלֶעס וָואס מֶען טְרַאכְט, אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן דֶעם צְוֵוייטְן צוּלִיבּ דֶעם שְׁמוּעֶס?

אִיךְ מֵיין אַז דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע נָאנְטְשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, עֶס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַ בַּאקְוֶועמֶע אָפֶענֶע קֶשֶׁר עַד הַסּוֹף. אִיז דָאס אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אַ צְוֵוייטְן עֲבֵירוֹת, "שְׁוַואכְקֵייטְן אִין אִידִישְׁקֵייט" - ווִי דוּ רוּפְסְט עֶס, אוּן זִיכֶער נִישְׁט פַאר דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ. עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶען וֶועט וֶוערְן בַּאקְוֶועם אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן דוּרְכְדֶעם, אָבֶער בֶּאֱמֶת וֶועט דָאס נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.**

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, ה): "אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה וְכוּ'", מֶען זָאל נִישְׁט פַארְמֶערְן צוּ רֶעדְן מִיט דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, מִיט וֶועם דֶען זָאל מֶען רֶעדְן אוֹיבּ נִישְׁט מִיט דִי וַוייבּ? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ (עַיֵּין בַּרְטְנוּרָא שָׁם), אַז דִי פְּשַׁט אִיז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי וַוייבּ קַיין שְׁוַואכְקֵייטְן אוּן קַיין שׁוּם נֶעגֶעטִיוֶוע זַאכְן פוּן זִיךְ, וַוייל וֶוען דִי וַוייבּ הֶערְט אַז דֶער מַאן אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר אִין אִידִישְׁקֵייט, אָדֶער זִי הֶערְט סְתָם זַיינֶע שְׁוַואכְקֵייטְן, הֵייבְּט זִי אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין אִים אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם מַחֲלֹקֶת.

**מִיט** דִי וַוייבּ דַארְף מֶען רֶעדְן נָאר גוּטֶע וֶוערְטֶער; אִיר מְחַזֵּק זַיין אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן. דֶערְצֵיילְן פוּן זִיךְ פָּאזֶעטִיוֶוע זַאכְן ווִי מֶען אִיז מַצְלִיחַ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, גוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף דִיר וְכַדוֹמֶה, אַזוֹי וֶועט זִי דִיר אוֹיךְ אַרוֹיף קוּקְן. חַס וְשָׁלוֹם צוּ דֶערְצֵיילְן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט אוּן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, וַוייל דָאס וֶועט נָאר בְּרֶענְגֶען פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**אַלֶע** דַיינֶע שְׁוַואכְקֵייטְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר מֶענְטְשְׁן טָאר מֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן עֲבֵירוֹת, "שְׁוַואכְקֵייטְן אִין אִידִישְׁקֵייט" - ווִי דוּ רוּפְסְט עֶס, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "חָצִיף עָלַי מַאן דִמְפָרֵשׁ חֶטְאֵיהּ", מֶען טָאר נִישְׁט דֶערְצֵיילְן עֲבֵירוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן, נָאר טוּן אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לב, א): "אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע, כְּסוּי חֲטָאָה", וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶעקְט צוּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת; אָבֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה צוּ פַארְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - בְּמַחְשָׁבָה, דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען זָאל מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה. אוֹיב מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת, סַיי בְּשׁוֹגֵג סַיי בְּמֵזִיד, וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ".

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל זָאגְן אַזוֹי: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וְכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִידוּי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", אוּן וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַדֶה צוּ זַיין פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

**אַז** דוּ זוּכְסְט אַ וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט מִיט דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ דָאס עֶרְרֵייכְן דוּרְכ'ן אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, דָאס וֶועט מַאכְן אַז זִי וֶועט דִיר לִיבּ הָאבְּן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין וַואסֶער מִיט אַ

שְׁמֵייכְלְ'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ שְׁמֵייכְל, אוּן וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין מִיט אַ בְּרוֹגֶזְ'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ בְּרוֹגֶזְ'דִיגֶע פָּנִים; אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט דִי וַוייבּ, וֶוען דוּ וֶועסְט שֵׁיין רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶועט זִי צוּרִיק רֶעדְן צוּ דִיר שֵׁיין אוּן זִי וֶועט דִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. אַזוֹי אוֹיךְ אַז דוּ וֶועסְט אִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, וֶועט זִי זֶען אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל פַאר אִיר, אוּן דָאס וֶועט עֶנְק מַאכְן נָאנְט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

**זֶע** אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג; וֶוען דִי וַוייבּ זֶעט ווִי אִיר מַאן לֶערְנְט אִין שְׁטוּבּ קוּקְט זִי אִים זֵייעֶר אַרוֹיף. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; הֵייבּ אָן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא.

**אַז** דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען ווִי דוּ לֶערְנְסְט, אוּן דוּ וֶועסְט מַקְפִּיד זַיין צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל יֶעדְן טָאג, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, וֶועט זִי דִיר אַרוֹיף קוּקְן, זִי וֶועט זִיךְ בַּארִימֶען מִיט דִיר אוּן דִיר מְכַבֵּד זַיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## שעד

### קֶען מֶען שִׁיקְן אַ שְׁלִיחַ קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס זֶעט אָבֶּער נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ זָאל דָאס קֶענֶען בַּאוַוייזְן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען קֶען שִׁיקְן אַ שְׁלִיחַ קַיין אוּמַאן, וֶועט דָאס זַיין פַאר מִיר אַ תִּיקוּן?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאג** נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין אִין אוּמַאן אוֹיפְ'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; בִּיז אוּמַאן הָאבְּן מִיר נָאךְ אַסַאךְ צַייט. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ ווִילְסְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, קֶענְסְטוּ נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין דָאס יָאר אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אַז** דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים וֶועסְטוּ הֶערְן ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי עֶר אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען זַיינֶע מְנִיעוֹת. דִי אַלֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער פוּן זֵיי הָאט זַיינֶע

מְנִיעוֹת וָואס עֶר דַארְף דוּרְכְגֵיין בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין אוּמַאן; קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט צוּם רֶבִּי'ן בַּאקְוֶועם, נָאר אַלֶע וָואס קוּמֶען גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

**אַז** מֶען מַאכְט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אַ גַאנְץ יָאר אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ, אַזוֹי וִוי דִי בַּת מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַּאר'ן שֵׁנִי לְמַלְכוּת (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א מְאַבֵידַת בַּת מֶלֶךְ) וֶוען עֶר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִי פְּלַאץ פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע?" הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "דוּ קֶענְסְט מִיר נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דָא נָאר אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ דוּ וֶועסְט דָארְט זִיצְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן אוּן וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דָא"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת. אַז מֶען בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵן זַיין, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ! מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס הֶערְט צוּ דִי תְּפִילּוֹת וָואס מֶען בֶּעט אִים, בֶּעט יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר מְתַקֵן זַיין; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תח): 'אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וֶועם אִיךְ קֶען נִישְׁט מְתַקֵן זַיין דוּרְכְן יָאר, אָבֶּער אַז זַיי וֶועלְן קוּמֶען רֹאשׁ

הַשָּׁנָה דֶעמָאלְט קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם בְּרֶענְגֶען צוּ זַיין תִּיקוּן'. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שֵׂכֶל רַחְמָנוּת צוּ הָאבְּן אוֹיף מִיר אַלֵיינְס; אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ב, יט): 'כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים', אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס זָאגְט צוּ אַז עֶר קֶען יָא מְתַקֵּן זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ, תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ, אָמֵן.

## שעה

**לֶערְנֶען וֶוען מֶען שְׁטֵייט אִין גֶעשֶׁעפְט, בְּרֶענְגְט נִישְׁט קֵיין בִּיטוּל תּוֹרָה?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה אוּן וַוייזְן מִיר דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי שִׁיעוּרִים אַז וֶוען מֶען שְׁטֵייט אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן מֶען וַוארְט אַז קָאסְטוּמֶערְס זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען, זָאל מֶען

אִין דִי צַייט הָאבְּן אַ קְלֵיינֶע גְמָרָא אָדֶער מִשְׁנָיוֹת וְכַדוֹמֶה, אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי לֵיידִיגֶע צַייט מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין בִּיטּוּל תּוֹרָה, אַז מֶען דַארְף מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן לֶערְנֶען וֶוען אַ קָאסְטוּמֶער קוּמְט אַרַיין אוּן מֶען דַארְף אִים סֶערְוִוירְן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען נוּצְט אוֹיס דִי צַייט אוּן מֶען לֶערְנְט אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט אִיז דָאס נִישְׁט קַיין בִּיטּוּל תּוֹרָה, דָאס אִיז קִיּוּם הַתּוֹרָה אוּן דָאס אִיז דֶער וֶועג צוּ מַצְלִיחַ זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ד): "אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה", זָאג נִישְׁט 'וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן צַייט אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען', וַוייל "שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה", עֶס קֶען זַיין אַז דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט; עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען, מִמֵּילָא קֶען זַיין אַז יֶעדֶעס מָאל וֶועט זַיין אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים פַארְוָואס מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַרַיין כַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶוען מֶען הָאט נָאר צַייט.

אַזוֹי פִירְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים עַד הַיּוֹם הַזֶּה; זֵיי נֶעמֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ אַ זֶעקְל סְפָרִים - אַ חוּמָשׁ'ל, אַ

מִשְׁנַיוֹת'ל און אַ תְּהִלִים וְכַדוֹמֶה, און וֶוען מֶען הָאט נָאר אַן
אִיבְּרִיגֶע מִינוּט כַאפְּט מֶען אַרַיין אַבִּיסְל גוּטְס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט
און קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְּרֶעגְט מֶען אִים:
"קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער פְּשַׁט דֶערְפוּן
אִיז אַז מֶען פְּרֶעגְט דִי נְשָׁמָה: "דוּ הָאסְט אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'עֶט
צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, מִיט אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן און
אִיבֶּערְגֶייאַכְטְס?" וַוייל 'קֶבַע' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'גְזֵלָה', אַזוֹי
וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ" (לִיקּוּטֵי
מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפד).

בִּיטוּל תּוֹרָה הֵייסְט, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ
טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ
- אָן דֶעם וָואס מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ אִידִישׁ סֵפֶר; מֶען קֶען
אוֹיסְקוּקְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִינְגֶערְמַאן, אָבֶּער
פוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז מֶען אַ פּוּסְטֶער יוּנְג. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער
דֶעם יָאר אָן דֶעם וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ,
אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אֲפִילוּ הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען אֵיין מָאל
'שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה', אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן
טָאג אַ דַף גְמָרָא - דָאס אִיז בִּיטוּל תּוֹרָה.

דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט; מֶען
טְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין אַן אַרְבֶּעטֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט
לֶערְנֶען. אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין כּוֹלֵל אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ בִּין נִישְׁט
פוּן דִי רַבָּנִים וְכוּ'; אַזוֹי לֶעבְּט מֶען אָפּ דֶעם לֶעבְּן נֶעבֶּעךְ
אָן תּוֹרָה. אָבֶּער וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעווּאוּסְט פוּן רֶבִּינְ'ס

"סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" וָואלְט יֶעדֶער איד גֶעלֶערְנְט און מְסַיֵים גֶעוֶוען צֶענְדְלִיגֶער מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה און שַׁ"ס וְכוּ' וְכוּ'; מֶען וָואלְט גֶעהַאט צַייט פַאר אַלֶעס.

**אַ** פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ לֶערְנֶען, עֶס נֶעמְט אִין דוּרְכְשְׁנִיט צְוַויי מִינוּט גוֹרֵס צוּ זַיין אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת. וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן גוֹרֵס זַיין מִשְׁנָיוֹת, מֶען זָאגְט אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - דֶעמָאלְט הִיט מֶען דִי צַייט. וֶוען מֶען הָאט אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט, צִי אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט, צִי מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, צִי מֶען וַוארְט בַּיי אַ דָאקְטֶער וְכוּ' וְכוּ', - כַאפְּט מֶען אַריין פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַזוֹי אִיז יֶעדֶע מִינוּט אָפְּגֶעהִיטְן.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (הַקְדָמָה, ה.) אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן זְ'רָעִים מ'וֹעֵד נָ'שִׁים נְ'זִיקִין קָ'דָשִׁים טָ'הֳרוֹת אִיז "זְמַן נָקַט"; הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אַ הֶערְלִיכֶע פְּשַׁט, אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת הַאלְט דִי צַייט אִין דִי הַאנְט - "זְמַן נָקַט". וואוּ עֶר גֵייט נֶעמְט עֶר מִיט זִיךְ אַ מִשְׁנָיוֹת, אַזוֹי הָאט עֶר אַסַאךְ צַייט.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, מֶען קֶען וִויסְן אוֹיף אֵיינֶעם צִי עֶר דְרֵייִדְט זִיךְ אִין "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ", אוֹיבּ זֶעט מֶען אִים שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת אִין דִי הַאנְט, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דְרֵייִדְט זִיךְ אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# שעו

## קֶען מֶען זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי גְּלַייךְ נָאךְ דִי עֲבֵירָה?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן[ב] אַז תִּיקוּן הַכְּלָלִי הֶעלְפְט אוֹיךְ אוֹיפְ'ן עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית בְּמֵזִיד רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי גְלַייךְ נָאכְ'ן עוֹבֵר זַיין רַחֲמָנָא לִיצְלָן דִי עֲבֵירָה, אָדֶער אִיז דָאס שׁוֹין חוּצְפָּה קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְבֶּעטְן בִּשְׁעַת כַּעֲסוֹ נָאר וַוארְטְן אַבִּיסְל.

אוֹיךְ אוֹיבּ קֶענְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל מֶער אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תִּיקוּן הַכְּלָלִי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן מֵזִיד וְכוּ'; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ אִיד זָאל זִינְדִיגְן בְּמֵזִיד, ווייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פט) אוֹיף דֶעם

ב. דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, ב): עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה - "כְּשֶׁאָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם, אֲזַי הָעֲבֵרָה גוֹרֶרֶת אוֹתוֹ לַעֲבֹר עֲבֵירוֹת אֲחֵרוֹת וְכוּ'", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט חַס וְשָׁלוֹם, שְׁלֶעפְּט אִים דִי עֲבֵירָה צוּ זִינְדִיגְן אִין נָאךְ אַן עֲבֵירָה וְכוּ'; קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיבּ מֶען הָאט אֵיינְמָאל גֶעזִינְדִיגְט בְּשׁוֹגֵג וֶועט דָאס אִים שׁוֹין שְׁלֶעפְּן צוּ נָאךְ עֲבֵירוֹת - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן דֶערְפוּן, דֶערִיבֶּער - זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ - אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז אַ אִיד וָואס זַיין נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַי מִמַּעַל זָאל זִינְדִיגְן בְּמֵזִיד, נָאר עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן בְּשׁוֹגֵג אִין אַן עֲבֵירָה, אוּן דָאס שְׁלֶעפְּט אִים נֶעבֶּעךְ וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער צוּ טוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

**דֶערְפַאר** דַארְפְן מִיר אַוֶועק לֵייגְן אוּנְזֶער שֵׂכֶל אוּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זִיךְ צוּ גֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - דֶער "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", אָן קַיין קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ אוּן אָן קַיין סְפֵיקוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צב) דֶער וָואס וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ - דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", וֶועט פַארְרֶעכְטְן אַלֶעם וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועןְ; דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלֶע סָארְט עֲבֵירוֹת וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט פְּגַם הַבְּרִית.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם; וּבְשִׂיחוֹת שֶׁאַחַר הַסִּיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): נָאכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים פוּן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן. דֶער עִיקָר תִּיקּוּן הַבְּרִית - הָאט דֶער רֶבִּי

גֶעזָאגְט - אִיז "נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן"; אֵיינְמָאל מֶען הָאט גֶעזָאגְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי זָאל מֶען מֶער נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר אָנְהֵייבְּן מִיט אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען אוּן טוּן מִצְוֹת.

**וֶוער** רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן דָארְט זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", וֶועט מֶען זִיכֶער פַארֶרעכְטְן אַלֶעם וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן דָארְט זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט, אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"; דֶערְפַאר אַז דוּ ווִילְסְט פַארֶרעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין אוּמַאן, אוּן זָאלְסְט זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי; זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַלֶעם צוּ פַארֶרעכְטְן.

**דער בְּרִיוו צוּ וועלכֶע די אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ**
**עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ב׳, מִכְתָּב קגּ:**

## ״תִּיקּוּן הַכְּלָלִי״ הֶעלְפְט נָאר פַאר שׁוֹגֵג?
## ווי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען אַ מֵזִיד?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, זֶעכְצְן יָאר אַלְט, אִיךְ הֵיים ...., אִיךְ וואוֹין אִין ... און אִיךְ לֶערְן דָארְט אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אֵייבִּיג זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָׁה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לֵיידֶער זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל מוֹצִיא גֶעוֶוען זֶרַע לְבַטָלָה, עֶס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג גֶעווּאוּסְט אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן, הָאבּ אִיךְ דֶעם ״תִּיקּוּן הַכְּלָלִי״ און אִיךְ קֶען מְתַקֵּן זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט דִי ״תִּיקּוּן הַכְּלָלִי״ נָאר פַאר מִקְרֶה לַיְלָה, נִישְׁט וֶוען מֶען צִיט אַלֵיינְס אַרוֹיס דִי זֶרַע; אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי הַארְבְּקֵייט פוּן טוּן דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹי סַאךְ, עֶס עֶסְט מִיר אוֹיף דָאס גֶעזוּנְט וַוייל אִיךְ וֵויים נִישְׁט ווִי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

נָארְמַאל וֵויים אִיךְ אַז מֶען קֶען פָּשׁוּט בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: ״זַיי מִיר מוֹחֵל״, אָבֶּער בַּיי דִי עֲבֵירָה וֵויים אִיךְ נִישְׁט אוֹיבּ מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, בִּיטֶע זָאגְט מִיר ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַזוֹי סַאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ ווִיל זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אַייךְ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ טַייפְּן אַזוֹי לַאנְג. בִּיטֶע זָאגְט מִיר וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (וַיְחִי ריט:): "אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה אִיז עֶר אַ רוֹצֵחַ, עֶס אִיז מַמָשׁ אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ הַרְגֶ'עט אוֹיס זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָה יג:): וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז חַיָיב מִיתָה; "רֶבִּי יִצְחָק וְרֶבִּי אַמִי אָמְרֵי, כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָמִים", רֶבִּי יִצְחָק אוּן רֶבִּי אַמִי זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכַת דָמִים. "רַב אַסִי אָמַר כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", רַב אַסִי זָאגְט, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**אָבֶער** זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הוֹיבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה, מִיט זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשָׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ; אִיךְ זָאג - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית". דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר דִי עֲבֵירָה - דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי": דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא) אַז אַסַאךְ צַדִיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט מַשִׂיג זַיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, אָבֶער מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי נָאךְ תְּפִילַת שַׁחֲרִית, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמַאר הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אַרֵיין לֵייגְן אִין אָנְהוֹיבּ פוּן דִי תְּהִילִים וָואס עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט (דֶער תְּהִלִים מִיטְ'ן פֵּירוּשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ) דִי מִזְמוֹרִים פוּן תִּיקוּן הַכְּלָלִי

און שְׁרַייבְּן אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה און אַ תִּיקוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית, כְּדֵי אַז אַלֶע זָאלְן וויסְן דִי עֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים פוּנֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי. וַוייל אַז מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעך אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז מֶען הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

**דֶער** תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז אַ תִּיקוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית - סֵיי בְּשׁוֹגֵג און סֵיי בְּמֵזִיד, סֵיי בְּאוֹנֶס און סֵיי בְּרָצוֹן, סֵיי בְּדִיבּוּר און סֵיי בְּמַעֲשֶׂה, סֵיי בְּהִרְהוּר, סֵיי בְּמַחֲשָׁבָה און סֵיי בִּרְאִיָה; דֶער רֶבִּי הָאט בְּרֵייטֶע פְּלֵייצֶעס, און וֶוער עֶס זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי וֶועט זִיכֶער אַלֶעס מְתַקֵן זַיין. מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, גְלֵייבְּן אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט און אִין אַלֶע זֵייעֶרֶע תִּקוּנִים.

**דו** שְׁרַייבְּסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין שְׁטַארְק, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר נְקוּדוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים:

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; עֶר זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט און זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַלְץ אַרָאפּ, און וִויפִּיל מָאל עֶר וִויל זַיין גוּט פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק.

**דֶערְפַאר** אָחִי הַיָקָר, טַייעֶרער בְּרוּדֶער, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, זוּךְ דִיר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ אַהִינְגֵיין זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, אוּן וִוי עֶר וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיס צוּ רַייסְן דֶערְפוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן. גֶעבּ מִיר רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוי"ם, שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפּ͏ִס. וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוָה נָאוּף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר! אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ. דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען, אִיךְ רֶעד זִיךְ אַיין אַז דוּ דַארְפְסְט מִיר נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אַז אִיךְ קֶען

שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן". אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער וואוּ דוּ לִיגְסְט.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן זַיין אֱמוּנָה, עֶר הֵייבְּט אָן הָאבְּן סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר גֵייט אַרוּם זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לא): בְּרִית מִיט אֱמוּנָה גֵייט צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר הִיט זִיךְ אָפּ פוּן פְּגַם הַבְּרִית; עֶר הִיט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אָבֶער וֶוען מֶען קוּקְט וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, מֶען נִישְׁטֶערְט אִין שְׁמוּץ, מֶען קוּקְט עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוּוי"ס רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט דִי אֱמוּנָה אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אוּן מֶען וֶוערְט אַ דֶעפְּרֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ פוּן יֶעצְט זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּ אִים אוּן עֶר הָאט דִיר לִיבּ.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ, דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית,

אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן יט) אַז שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית; אוֹיב זֶעסְטוּ אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אַפָּאר מִינוּט לֵייג אוֹיךְ צוּ רַשִׁ"י.

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, וַוייל מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ. "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה"; ווי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן אוּן עֶר וֶוערְט רֵיין. מִשְׁנָיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי ווי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִילִים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרֵיינְגֶעפַאלְן.

אוֹיב דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן לוֹיטֶער, עֶס גֶעבְּט צוּרִיק דֶעם מֹחַ פַאר'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶעְרִיסְן זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, וַוייל דִי זֶרַע קוּמְט פוּנֶעם מֹחַ, אוּן אַז מֶען זִינְדִיגְט וֶוערְט דֶער מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרוּקְנְט וְכוּ', אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַ קְלָארֶע מֹחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# שעז

## וָואס זֶענֶען דִי הֲלָכוֹת בַּיים אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, דָאס גֶעבְּט מִיר פִילֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק אִין לֶעבְּן. אִיךְ בִּין נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי שִׁיעוּרִים אָפְּצוּגִיסְן נֶעגֶל וַואסֶער יֶעדְן טָאג, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת וֶועגְן נֶעגְל וַואסֶער.

א. אוֹיבּ מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער?

ב. אוּן אוֹיבּ יָא, אִיז דָאס שׁוֹין גֶענוּג אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט נָאכְאַמָאל וַואשְׁן אִינְדֶערְפְרִי?

ג. אוּן אוֹיבּ וַואשְׁט מֶען זִיךְ אָפּ אִינְדֶערְפְרִי אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּרִיק נָאכְדֶעם בַּייטָאג, דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל וַואשְׁן וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף? דָאס אִיז מִיר נוֹגֵעַ וַוייל אִיךְ גֶעבּ צוּ עֶסְן פַאר מַיין בֶּעבִּי, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט ווִיסְן וֶוען אִיךְ גֵיי דַארְפְן אוֹיפְשְׁטֵיין זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים.

ד. ווִי אַזוֹי גִיסְט מֶען זִיךְ אָפּ? אֵיינֶער זָאגְט אַכְט מָאל, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט זֶעקְס מָאל, אוּן פוּן אֵיינֶעם הָאבּ אִיךְ אַמָאל גֶעהֶערְט אַז קוֹדֶם גִיסְט מֶען אָפּ זֶעקְס מָאל גֶעהֶערִיג, אוּן דֶערְנָאךְ נָאכְאַמָאל דְרֵיי מָאל אוֹיף דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן נָאכְדֶעם דְרֵיי מָאל אוֹיף דִי לִינְקֶע הַאנְט. וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג?

ה. מֶעג מֶען נֶעמֶען וַואסֶער פַאר נֶעגְל וַואסֶער פוּן אַ סִינְק אִין בֵּית הַכִּסֵא אָדֶער פוּן דִי וַואנֶע?

ו. אוֹיךְ דַארְף מֶען אָפְּוַואשְׁן דִי הֶענְט פַאר דִי בֶּעבִּי, ווִי אַלְט דַארְף מֶען זַיין אַז מֶען זָאל דַארְפְן אָפְּוַואשְׁן דִי בֶּעבִּי'ס הֶענְט?

ז. וֶוען מֶען גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר דִי בֶּעבִּי, דַארְף מֶען נָאכְדֶעם וַואשְׁן דִי הֶענְט יֶעדֶעס מָאל? אִיךְ זִיץ אוֹיפְ'ן קָאוּטְשׁ אוּן אִיךְ גֶעבּ עֶסְן פַאר דִי בֶּעבִּי, אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט דֶערְמָאלְט זָאגְן תְּהִלִּים, מֶעג אִיךְ דָאס טוּן? אָדֶער דַארְף אִיךְ וַוארְטְן בִּיז אִיךְ עֶנְדִיג אוּן זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט?

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע פְּלֶעי פוּן דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ, דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען אַזַא פְּלֶעי אִין מַיין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**נֶעגְל** וַואסֶער אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ;

גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט. עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי טְעָמִים פַארְוָואס מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, אֵיין טַעַם וַוייל בִּשְׁעַת מֶען שְׁלָאפְט כַאפְּט מֶען זִיךְ אָן וואוּ מֶען אִיז צוּגֶעדֶעקְט אוּן מֶען וֶוערְט **טָמֵא** (רא"ש בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט, סִימָן כג), **נָאךְ אַ טַעַם** (תְּשׁוּבוֹת הָרַשְׁבָּ"א, חֵלֶק א', סִימָן קצא): וַוייל וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף וֶוערְט מֶען אַ בְּרִיָּה חֲדָשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, כג): "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ", אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פַאר מִיר הֵייבְּן אָן צוּ טוּן אוּנְזֶער עֲבוֹדָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְפְן מִיר זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, אַזוֹי וִוי

דִי כֹּהֲנִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְט וַואשְׁן דִי הֶענְט בַּיים כִּיוֹר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן פַאר זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָשׁ.

**דֶער** זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב, קפד:) בִּשְׁעַת אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט גֵייט אַרוֹיף זַיין נְשָׁמָה אוּן עֶס קוּמְט אַ רוּחַ טוּמְאָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף קוּמְט זַיין נְשָׁמָה צוּרִיק, דֶעמָאלְט גֵייט אַוֶועק דִי רוּחַ טוּמְאָה פוּן אִים אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט אוֹיף זַיין הֶענְט אוּן טוּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ נָאר דוּרְךְ נֶעגְל וַואסֶער.

**א** - דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף זִיךְ אָפְּצוּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט; אֲפִילוּ מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אוּן מֶען ווִיל גֶעבְּן עֶסְן פַארְ'ן קִינְד וְכַדוֹמֶה - זָאל מֶען זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער (מִשְׁנָה בְּרוּרָה, אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף קָטָן ב).

**ב** - אוֹיבּ מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּרִיק שְׁלָאפְן וֶוען עֶס אִיז נָאךְ נַאכְט דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל אָפְּגִיסְן וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי (מִשְׁנָה בְּרוּרָה אוֹרַח חַיִּים סִימָן ד', סְעִיף קָטָן כז).

**ג** - אוֹיבּ מֶען שְׁלָאפְט בַּייטָאג - זָאגְט דֶער מְחַבֵּר (שָׁם, סְעִיף טו) - אִיז אַ סָפֵק צִי מֶען דַארְף זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, דֶערִיבֶּער זָאל מֶען זִיךְ וַואשְׁן אָן אַ בְּרָכָה (רְמָ"א, שָׁם). אוּן דָאס דַארְף נִישְׁט זַיין בַּיים בֶּעט, נָאר מֶען קֶען אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט, אוּן פַאר מֶען ווִיל עֶפֶּעס טוּן זָאל מֶען זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט בַּיים סִינְק (אֵשֶׁל אַבְרָהָם; מִשְׁמֶרֶת שָׁלוֹם סִימָן א, סְעִיף קָטָן ג).

ד - מֶען גִיסְט אָפּ דְרַיי מָאל יֶעדֶע הַאנְט; אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם, סְעִיף ב): "יְדַקְדֵק לְעָרוֹת עֲלֵיהֶן מַיִם שָׁלֹשׁ פְּעָמִים, לְהַעֲבִיר רוּחַ רָעָה שֶׁשּׁוֹרָה עֲלֵיהֶן". מֶען הֵייבְּט אָן מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט; מֶען הֵייבְּט אוֹיף דֶעם טֶעפְּל מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן מֶען גֶעבְּט דָאס אִיבֶּער אִין דִי לִינְקֶע הַאנְט אוּן מֶען גִיסְט אָפּ אֵיין מָאל דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן נָאכְדֶעם דִי לִינְקֶע הַאנְט, נָאכְדֶעם גִיסְט מֶען אָפּ דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - סַךְ הַכֹּל דְרַיי מָאל דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן דְרַיי מָאל דִי לִינְקֶע הַאנְט (שָׁם, סְעִיף י). עֶס זֶענֶען דָא וָואס גִיסְן אַ פֶערְטֶע מָאל (מִשְׁנָה בְּרוּרָה שָׁם, סְעִיף קָטָן יא, בְּשֵׁם סֵפֶר מַעֲשֶׂה רַב שֶׁכֵּן נָהַג הַגְּרָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ), אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען דָא וָואס גִיסְן נָאכְדֶעם דְרַיי מָאל אוֹיף יֶעדֶע הַאנְט (דַּרְכֵי חַיִּים, שֶׁכֵּן נָהַג הרה"ק מִצַּאנְז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ), דָאס אִיז אַלֶעס מִנְהָגִים אָבֶּער דִי הֲלָכָה אִיז זִיךְ אָפְּצוּוַואשְׁן יֶעדֶע הַאנְט דְרַיי מָאל.

ה - אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע וַואסֶער, נָאר פוּן אַ קְרַאן וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין בֵּית הַכִּסֵּא קֶען מֶען נֶעמֶען דִי וַואסֶער, וַוייל דִי פּוֹסְקִים זֶענֶען דַן אוֹיף אוּנְזֶערֶע בָּתֵּי כִּסְאוֹת צִי זֵיי הָאבְּן אַ דִין פוּן אַ בֵּית הַכִּסֵּא (עַיֵּין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת מִנְחַת יִצְחָק חֵלֶק א, סִימָן ס).

ו - מֶען פִירְט זִיךְ אָפְּצוּגִיסְן אֲפִילוּ גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער (מִשְׁנָה בְּרוּרָה שָׁם, סְעִיף קָטָן י'; בֶּן אִישׁ חַי פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת סִימָן י) כְּדֵי זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי'ס מַאמֶע פֵיגָא דִי נְבִיאָה הָאט גֶעטוּן, גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן הָאט זִי אִים אָפְּגֶעוָואשְׁן דִי הֶענְט, אוּן אַזוֹי יֶעדֶעס

מָאל װען דער רֶבִּי איז נָאךְ געװען אַ קְלֵיינֶע בֶּעבִּי און דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעװעקְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, הָאט זִי אִים אָפְּגֶעגָאסְן נֶעגְל וַואסֶער.

ז - אַז מֶען כַאפְּט זִיךְ אָן בִּמְקוֹמוֹת הַמְכֻסִים און מֶען װיל דַאוֶוענֶען אָדֶער זָאגְן תְּהִלִּים דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט (שָׁם, סִימָן כא), אָבֶּער אַז מֶען װיל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען רֶעדְן צוּ אִים; אֲפִילוּ מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן זַייגְן דָאס קִינְד און מֶען הָאט נִישְׁט רֵיינֶע הֶענְט - קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן בְּשַׁעַת'ן גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר'ן קִינְד צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָאס װעט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל וַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. אַזוֹי װי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת בָּנִים, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "הֶחָלָב שֶׁל צְדָקָה הוּא טוֹב לַתִּינוֹק לְיִרְאַת שָׁמַיִם, וְגַם נוֹתְנוֹת לוֹ מֶמְשָׁלָה בָּעוֹלָם הַזֶּה", מִילְךְ פוּן אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם פַאר'ן קִינְד; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן מז): "יִזָּהֵר מְאֹד שֶׁלֹּא יִינַק הַוָּלָד מֵאִשָּׁה רָעָה", מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט זַייגְן פוּן אַן אִשָּׁה רָעָה, "כִּי חָלָב מְטַמֵּא וְחָלָב מְטַהֵר"; זָאלְט אִיר אַוַדאי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן װען אִיר גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר'ן קִינְד, אַזוֹי אַרוּם װעט דָאס קִינְד אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן בִּצְנִיעוּת, אַזוֹי װי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת

שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִּירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכָה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; אִיר זָאלְט זֶען צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן נָאר מִיט צְנִיעוּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער, אוּן בֶּעטְס שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכָה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ פִּירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם בִּזְכוּת דֶעם וָואס אִיךְ גֶעבּ אַזוֹי שְׁטַארְק אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת. אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרַע אוּן אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט צוּ פַארְלִירְן מַיינֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרע וֶועגְן.

## שעה

### אִיךְ הָאבּ אַזַא שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל חִיזוּק אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ הָאבְּן אַן אֱמֶת'ן קֶשֶׁר מִיט'ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם.

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, מַיין מַאן אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט, עֶר לַיידְט אוֹיף אוֹטִיזְם,

עֶר לֶעבְּט אִין זַיין וֶועלְט אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אוּן קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, דִי גַאנְצֶע עוֹל אוּן אַחֲרָיוּת פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ לִיגְט נָאר אוֹיף מִיר.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם לֶעצְטְנְס חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אַ טָאכְטֶער, בְּקָרוֹב גֵיי אִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן אַ זוּן אוּן דָאס קָאסְט אָפּ שְׁוֶוערֶע כּוֹחוֹת. ווִידֶער הָאבּ אִיךְ אַ בָּחוּר וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה פַאר סְפֶּעצִיעֶלֶע בָּחוּרִים, אוּן יֶעצְט ווִיל אִים קַיין אֵיין יְשִׁיבָה גְּדוֹלָה נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען.

בְּקִיצוּר, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ הָאבּ עֶלְף קִינְדֶער מִיט צְוֶועלְף נִסְיוֹנוֹת אוּן אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַרָאפּ פוּן זִינֶען פוּן דִי פִילֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן. כָאטְשׁ וָואס אִיךְ רֶעד אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶּער אַז אִיךְ מוּז אוֹיךְ הָאבְּן אַ מֶענְטְשׁ, אַ רֶבִּי, וָואס זָאל מִיר מְחַזֵּק זַיין צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין לֶעבְּן. מַיין מַאן קוּמְט פוּן אַ לִיטְווִישֶׁע מִשְׁפָּחָה אוּן עֶר הַאלְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן קַיין רֶבִּי, נָאר מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֵיין.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה וָואס צוּ טוּן ווַייטֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט צְוֶועלְף נִסְיוֹנוֹת; וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט**

וָואס הָאט נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת, יֶעדֶע מֶענְטְשׁ פְּרוּאוְוט מֶען אוֹיס מִיט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "דִּבֵּר עִמָּנוּ כַּמָּה פְּעָמִים מֵעִנְיַן יִסּוּרֵי עוֹלָם הַזֶּה, שֶׁכָּל בְּנֵי הָעוֹלָם כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים, אֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַזֶּה", עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל הָאבְּן עוֹלָם הַזֶּה, "וַאֲפִלּוּ הָעֲשִׁירִים הַגְּדוֹלִים וַאֲפִלּוּ הַשָּׂרִים, אֵין לָהֶם שׁוּם עוֹלָם הַזֶּה כְּלָל", אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים אוּן גְרוֹיסֶע הַארְן הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עוֹלָם הַזֶּה, "כִּי כָל יְמֵיהֶם כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט ווֵייטָאג אוּן כַּעַס, "וְכֻלָּם מְלֵאִים טְרָדוֹת וּדְאָגוֹת וְעַצְבוּת וְיָגוֹן וַאֲנָחָה תָּמִיד", אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען אוּן פַארְ'דַאֲגָה'ט, דֶעפְּרֶעסְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

**עֶס** אִיז כְּדַאי אִיר זָאלְט אַרַיין קוּקְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שָׁם) וֶועט אִיר זֶען אַז נִישְׁט נָאר אִיר הָאט אַייעֶרֶע צְוֶועלְף נִסְיוֹנוֹת, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט הָאט שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְזֶה כּוֹלֵל כָּל בְּנֵי אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל, כִּי כֻלָּם נוֹלְדוּ לְעָמָל וּמְלֵאִים רֹגֶז וְיִסּוּרִין", אִין דֶעם אִיז אַרַיינְגֶערֶעכְנְט יֶעדֶער אֵיינֶער - פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, אַלֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְאֵין שׁוּם עֵצָה וְתַחְבּוּלָה לְהִנָּצֵל מֵעָמָל וְיָגוֹן הַזֶּה כִּי אִם לִבְרֹחַ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלַעֲסֹק בַּתּוֹרָה", אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וֶועג ווִי מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועןְ פוּן דִי יְסוּרִים נָאר אַז מֶען אַנְטְלוֹיפְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶערְשְׁטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן.

**דֶערְפַאר** זָאלְט אִיר אָנְנֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן - אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְן פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אַייךְ אַרִיבֶּער; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה פוּן עֶלְף קִינְדֶער קַיין עַיִן הָרָע. אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אוּנְזֶער טָאכְטֶער אוּן מִיר גֵייעֶן שׁוֹין חֲתוּנָה מַאכְן אוּנְזֶער בָּחוּר. אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בֶּעט דִיר! גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט מַיין אַרְבֶּעט אוֹיפְצוּצוּיעֶן מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבְטִיגֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֶען נַחַת פוּן זֵיי אוּן פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

**הֵיילִיגֶער** בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער 'נוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ', הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן; עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַלֶעם אַלֵיינְס צוּ טוּן. הֶעלְף מַיין טֵייעֶרֶע מַאן עֶר זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶר זָאל מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט", אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס וֶוערְט אַייךְ שְׁוֶוער אוֹיפְ'ן הַארְץ אוּן לֵייגְט צוּ אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת; וֶועט אִיר זֶען דִי ווּאוּנְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ מַאכְן, ווִי עֶס וֶועט אַייךְ גְלַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אִיר זָאלְט קֶענֶען אוֹיפְצוּעֶן אוּן חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן זֶען נָאר נַחַת פוּן זֵיי.

אַיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ, וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַּארְלוּירְן וֶוען עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת פַּחַד, סִימָן ד): "סְגֻלָּה לְבַטֵּל אֶת הַפַּחַד, לִזְכֹּר אַבְרָהָם אָבִינוּ", אַ סְגוּלָה נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַּארְלוּירְן, אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; לִכְאוֹרָה, וָואס הֶעלְפְט גֶעדֶענְקֶען פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן? נָאר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, ג): "עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם", צֶען נִסְיוֹנוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִּיקִים (מְאוֹר עֵינַיִם פָּרָשַׁת וָאֵרָא, וְעַיֵּין סֵפֶר הַשְּׁלָ"ה פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, דֶּרֶךְ חַיִּים תּוֹכַחַת מוּסָר, אוֹת מב) אַז דִי צֶען בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען פְּרוּאוְוט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט דִי צֶען נִסְיוֹנוֹת, אוּן וואויל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן גְלֵייבְּט וַוייטֶער אִינֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; מִיט דֶעם מֶעסְט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, וִויפִיל עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער, צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר מַאן זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

# שעט

## דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשָׁנְ'עֶן, אָדֶער זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ כְּמַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען מוּטְשֶׁען אוּן פֶּגַע'ן, אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיין קִינְד קָאפֶּעט אוּן פַארְפִירְט בִּיז עֶר בַּאקוּמְט וָואס עֶר דַארְף. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זִינְגְט אִיר דֶעם נִיגוּן: "זָאל זַיין אַזוֹי, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל", אַז מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶועלְן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל; ווִי אַזוֹי אַרְבֶּעטְן דִי צְוֵויי אִינְאֵיינֶעם, דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן, אָדֶער זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז דֶער עִנְיָן פוּן שִׁידוּכִים לִיגְט אִינְגַאנְצְן נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֵיינְט דָאס צוּ זָאגְן אַז מֶען דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר שִׁידוּכִים, נָאר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיטְ'ן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט**

א צָרָה דַארְף עֶר בֶּעטְן, וֵוייבֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים שִׁיקְן אַ יְשׁוּעָה. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אַ דוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה - הַשָּׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ", וֶוער עֶס עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ - עֶר זָאגְט 'עֶס מוּז יֶעצְט גֶעשֶׁען דָאס אוּן דָאס' - דֶער וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן צֶעבְּרָאכְן.

חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן עֶר הָאט עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה'"; ווַייל אַז מֶען עַקְשְׁ'נְט זִיךְ אַיין מִיט תְּפִלָּה, מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דַאן זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְף מֶען ווִיסְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "כָּל הַמַּאֲרִיךְ בִּתְפִלָּתוֹ וּמְעַיֵּין בָּהּ - סוֹף בָּא לִידֵי כְּאֵב לֵב", וֶוער עֶס זָאגְט: 'אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ זֶע נָאךְ נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה', דֶער בַּאקוּמְט הַארְץ וֵוייטָאג, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יג, יב): "תּוֹחֶלֶת מְמוּשָׁכָה מַחֲלָה לֵב", אוּן רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "וּמְעַיֵּן בָּהּ"): "מְצַפֶּה שֶׁתֵּעָשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ עַל יְדֵי הַאֲרָכָתוֹ, סוֹף שֶׁאֵינָהּ נַעֲשֵׂית, וְנִמְצֵאת תּוֹחֶלֶת מְמֻשֶּׁכֶת חִינָם, וְהִיא כְּאֵב לֵב כְּשֶׁאָדָם מְצַפֶּה וְאֵין תַּאֲוָתוֹ בָּאָה", עַיֵּין שָׁם.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לְאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִלָּתוֹ - שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁ'עֶנֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן אִיז נִישְׁט. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְּזֵלָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ' - הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִלָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער, אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁ'עֶנֶען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִלַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

**וֶוען** מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן מְיוּאָשׁ וֶוען מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט וָואס מֶען בֶּעט; מֶען

דַארְף הָאבְּן אַסאךְ סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוואַוואַרְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה.

**וזאוֹיל** אִיז דֶעם וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן; עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס דְרוּקְט אִים אוּן עֶר וַוייסְט אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין אַדְרֶעס פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער - דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# שפ

## פַארְוָואס שְׁפִּירְן זִיךְ דִי פְּרוֹיעֶן וִוי צְוֵוייט קְלַאסִיג?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן פַארְוָואס בַּיי אִידְן שְׁפִּירְן זִיךְ דִי פְּרוֹיעֶן וִוי צְוֵוייט קְלַאסִיג, אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען דָא בְּלוֹיז צוּ בַּאדִינֶען דִי מֶענֶער אוּן צוּשְׁטֶעלְן קִינְדֶער?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ אִיר וֶועט מִיר דָאס עֶרְקְלֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לְפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דָאס** וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז בַּיי אִידְן זֶענֶען דִי פְרוֹיעֶן צְוֶוייט-קְלַאסִיג וְכוּ' - אִיז נִישְׁט אֱמֶת, נָאר עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט; בַּיי אִידְן זֶענֶען דִי פְרוֹיעֶן עֶרְשְׁט קְלַאסִיג, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן אִין דִי תּוֹרָה, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי נֶעמֶען דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל קוֹדֶם גֵיין צוּ דִי פְרוֹיעֶן אוּן נָאכְדֶעם צוּ דִי מֶענֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יט, ג): "כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב, וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל", 'בֵּית יַעֲקֹב' דָאס זֶענֶען דִי פְרוֹיעֶן, 'בְּנֵי יִשְׂרָאֵל' דָאס זֶענֶען דִי מֶענֶער; פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל קוֹדֶם רֶעדְן צוּ דִי פְרוֹיעֶן אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם צוּ דִי מֶענֶער? וַוייל אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי פְרוֹי; אַז דִי פְרוֹי פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ וֶועלְן אִיר מַאן אוּן קִינְדֶער אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן אַז דִי פְרוֹי פִירְט זִיךְ נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וֶועלְן אִירֶע קִינְדֶער נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**בַּיי** עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז דִי פְרוֹי דִי קְרוֹין פוּן דִי מִשְׁפָּחָה; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יב, ד): "אֵשֶׁת חַיִל עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ", אַ וואוּילֶע פְרוֹי אִיז וִוי אַ קְרוֹין פַארְ'ן מַאן, זִי אִיז אַ כָּבוֹד פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, "וּכְרָקָב בְּעַצְמוֹתָיו מְבִישָׁה", אוּן אַ פְרוֹי וָואס פִירְט

זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אִיז וִוי אַ פַּארְפוּילְטֶע בֵּיין, אַלֶע שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט אִיר; וַוייל דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דִי מַאן אוּן דִי קִינְדֶער, אַלֶע זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי פְּרוֹי.

אִיךְ וֵויים נִישְׁט וואוּ אִיר הָאט בַּאקוּמֶען דִי הַרְגָּשָׁה אַז פְּרוֹיעֶן זֶענֶען צְוֵוייט-קְלַאסִיג, אָבֶער אִין בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מֶען פּוּנְקְט דָאס פַּארְקֶערְטֶע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן דִי תְּמִימוּת וָואס פְּרוֹיעֶן הָאבְּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהַהֲמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקַייט, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי פְּרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן; פְּרוֹיעֶן הָאבְּן אִין זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּמִימוּת, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וִוי מֶער מֶען פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אַלְץ מֶער רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַזַא דִיבּוּר: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מְבַטֵּל זַיין אַלֶע וַוייבֶּער שׁוּלְ'ן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט; פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְּרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶועֶנֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי תְּפִילוֹת פוּן פְּרוֹיעֶן.

**אִיךְ** ווייס נִישְׁט וָואס מַאכְט אַייךְ טְרַאכְטְן אַז פְרוֹיעֶן זֶענֶען צְווייט-קְלַאסִיג; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "גְּדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַנָּשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט מֶער שְׂכַר פַאר פְרוֹיעֶן ווי פַאר דִי מֶענֶער, ווַייל אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז דָא תּוֹרָה בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל; דִי פְרוֹיעֶן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן ווַארְטְן אָפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

## שפא

**דֶער מֹחַ פְּלִיט מִיר אַוֶועק בַּיים דַאוֶונֶען, ווי אַזוֹי גֶעב אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?**

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם עֶרְשְׁט אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער אוּן חִיזוּק וֶועגְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ אַ קַבָּלָה, דֶער בְּרִיוו[ג] הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

יֶעצְט הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס לָאזְן נִישְׁט צוּרוּה, בְּעִיקָר בַּיים לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. וֶוען אִיךְ הֵייבּ אָן דַאוֶונֶען הֵייבְּט מִיר דֶער קָאפּ אָן גְלַייךְ צוּ פְלִיעֶן אִין אַלֶע

---

ג. אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב שסג.

עֶקְן וֶועלְט, און אַזוי אויךְ בַּיים לֶערְנֶען קֶען איךְ זיךְ נִישְׁט צֵאמְנֶעמֶען דִי מַחֲשָׁבָה.

הַיינְט הָאבּ איךְ אָנְגֶעהויבְּן דַאוֶועֶנען מִיט אַ פֶעסְטֶע הַחְלָטָה אַז אִיךְ גֵיי אִינְזִין הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער, און אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער טְרֶעף אִיךְ זיךְ אִין דִי אַנְדֶערֶע עֶק וֶועלְט... וּבִפְרַט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרוֹיף פוּן יָארְן צוּרִיק, ווִי אַזוי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**דוּ קֶענְסְט זיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס דַיינֶע תְּפִילּוֹת טוּעֶן אוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל - אֲפִילוּ עֶס אִיז פוּל מִיט מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת און בִּלְבּוּלִים וְכוּ'.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קכב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט און עֶס קוּמְט אִים אַרַיין פְרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיז דִי עֵצָה 'זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג מַאכְן דֶערְפוּן', נָאר וַוייטֶער דַאוֶוענֶען בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זֵיי, "כִּי אֵין צְרִיכִין לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל, רַק לֵילֵךְ כְּסֵדֶר בִּתְפִלָּתוֹ וְלִבְלִי לְהַבִּיט לַאֲחוֹרָיו כְּלָל, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יִסְתַּלְּקוּ מִמֶּנּוּ", מֶען זָאל נִישְׁט צוּרִיק טְרַאכְטְן פוּן וָואס מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט וְכוּ' נָאר מֶען זָאל וַוייטֶער דַאוֶוענֶען כְּסֵדֶר, און זֵיי וֶועלְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק גֵיין.

פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי בַּיי אַ מִלְחָמָה וֶוען מֶען הָאט צוּטוּן מִיט רוֹצְחִים, וֶוען עֶס קוּמְט אַ גִיבּוֹר אוּן גֵייט אַרַיין צְווִישְׁן זֵיי, אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג צְווִישְׁן דִי רוֹצְחִים הַאקְט עֶר אָפּ - דֶעם אַ הַאנְט אוּן דֶעם אַ פוּס וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כֵּן הוּא מַמָּשׁ בְּעִנְיַן הַתְּפִלָּה, שֶׁכְּשֶׁמִּתְפַּלְלִין כְּסֵדֶר וְאֵין מַשְׁגִּיחִין עַל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וְדוֹחִין אוֹתָם וּמַפִּילָם אֲזַי בְּדֶרֶךְ הִלּוּכוֹ בִּתְפִלָּתוֹ הוּא חוֹתֵךְ לָזֶה יָד וְלָזֶה רֶגֶל וְכוּ', כִּי כָּל מַחֲשָׁבָה זָרָה הוּא קְלִפָּה, וְהִיא קוֹמָה שְׁלֵמָה, כַּמּוּבָא, וּכְשֶׁמִּתְגַּבֵּר לְהִתְפַּלֵּל כְּסֵדֶר וְלִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם אֲזַי הוֹרֵג אוֹתָם אוֹ חוֹתֵךְ מֵהֶם אֵיבָרִים אֵיבָרִים", אַזוֹי אוֹיךְ אִיז וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין בִּשְׁעַת'ן דַאוֶנֶען שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וָואס יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָךְ וָואס וֶוערְט בַּאשַׁאפְן פוּן עֲבֵירוֹת, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דַאוֶונְט וַוייטֶער אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, דוּרְכְדֶעם הַאקְט עֶר אָפּ פוּן דִי קְלִיפּוֹת זֵייעֶרֶע אֵבָרִים, בִּיז עֶר אִיז זֵיי אִינְגַאנְצְן מְנַצֵּחַ.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצ): "פַּעַם אַחַת הָיָה קוֹבֵל אִישׁ אֶחָד לְפָנָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֵיךְ שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לְהִתְפַּלֵּל, כִּי הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת מְבַלְבְּלִין אוֹתוֹ מְאֹד", אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ בַּאקְלָאגְן אַז עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער דָאס דַאוֶועֶנען, וַוייל דִי מַחֲשָׁבוֹת לָאזְן אִים נִישְׁט צוּרוּהּ, "הֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְקַבְּלִין זֹאת לְכַפָּרַת עָוֹן, וְחִיֵּךְ קְצָת", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "נֶעמְט מֶען דָאס אָן פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת"; רֶבִּי נָתָן

אִיז דָאס מַסְבִּיר (שָׁם) אַז אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וָואס קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען, דָאס זֶענֶען זַיינֶע אֵייגֶענֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ אוּן ווִיל אִים מְקָרֵב זַיין אוּן נֶעמְט אָן זַיינֶע תְּפִילוֹת; עֶר הָאט צַעַר פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת, אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶס קוּמֶען אִים אַרַיין דִי מַחֲשָׁבוֹת בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, וֶועט דָאס זַיין פַאר אִים כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְהֶערְן דַאוֶוענֶען וֶוען דוּ זֶעסְט ווִי דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת

זֶענֶען זִיךְ אוֹיף דִיר מִתְגַּבֵּר אוּן זֵיי לוֹיפְן דִיר נָאךְ; מַמָּשׁ בַּיי יֶעדֶע תְּפִלָּה קוּמֶען זֵיי אָן, אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב קוּמֶען זֵיי אוּן לָאזְן דִיר נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען טוּט אַ מִצְוָה קוּמֶען זֵיי אוּן נֶעמֶען אַוֶועק דֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס דַאוֶוענֶען אוּן קִיּוּם הַמִּצְוֹת, נָאר זָאלְסְט וַוייטֶער דַאוֶוענֶען מִיט אַ שִׂמְחָה. דוּ פְּרוּבִּיר אִינְזִין צוּ הָאבְּן וָואס דוּ דַאוֶוענְסְט, אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט אִינְזִין קַיין אֵיין וָוארְט אוּן דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת פְלִיעֶן אַוֶועק וַוייט ווייט, דָאךְ זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער צוּ דַאוֶוענֶען אוּן אִינְזִין הָאבְּן וָואס דוּ זָאגְסְט אַרוֹיס מִיט דַיין מוֹיל, אוּן דוּ קֶענְסְט זַיין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דוּ דַאוֶוענְסְט.

בֶּעט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן פַאר דו גייסְט אין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָונָה. הֶעלְף מִיר אַז מַיין מֹחַ זָאל מִיר נִישְׁט אַוֶועק פְלִיעֶן בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען צִי בִּשְׁעַת אִיךְ טוּ אַנְדֶערֶע זַאכְן; יֶעדֶעס מָאל מַאךְ אִיךְ אָפּ מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַז 'הַיינְט גֵיי אִיךְ דַאוֶוענֶען בְּכַוָונָה' און אִיךְ טְרֶעף זִיךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען אָן אִינְזִין הָאבְּן קַיין אֵיין וָוארְט. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאב אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת; אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אַבִּיסֶעלֶע נָאנְטְקֵייט צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל דִיר שְׁפִּירְן, אִיךְ ווִיל לֶעבְן מִיט דִיר און נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִיר".

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## שפב

### אוּנְזֶער קֶשֶׁר אִיז נִישְׁט גוּט, וָואס טוּט מֶען?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶעבּ גוּט מִיט מַיין מַאן, עֶר אִיז זֵייעֶר וואויל צוּ מִיר, עֶר אִיז אַ גוּטֶער מַאן, אִיךְ הָאבּ אָבֶער אַ פְּרָאבְּלֶעם בִּדְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ, דָאס שְׁטֶערְט אוּנְזֶער קֶשֶׁר און עֶס וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייֶער בְּרִיוו.

**רוֹב** פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מַאכְן זִיךְ צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ קוּמְט ווייל מֶען לֶערְנְט מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת פַאלְשֶׁע לִימוּדִים. דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת פְּרִישׁוּת אוּן חוּמְרוֹת - זֶענֶען עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין; דִי אַלֶע חוּמְרוֹת הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם מְקוֹר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וְכוּ' בִּיז עֶס וֶוערְט חַס וְשָׁלוֹם אַ גֶט.

**עֶס** אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אִין דִי עִנְיָנִים, אָבֶער עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דֶעם מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואלְט גֶעוֶוען אַז אִיר זָאלְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי וָואס וֶועט אַייךְ לֶערְנֶען ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְן מִיט אַ מַאן אָן קַיין חוּמְרוֹת. זִי וֶועט אַייךְ וַוייזְן ווִי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער בְּאַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, נִישְׁט ווִי מֶען פַארְקוֹיפְט פַאר אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אוּנְז שִׁיקְן אֱמֶת'ע מַנְהִיגִים וָואס זָאלְן אוּנְז מַדְרִיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּיז מִיר וֶועלְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת בִּכְלָלִיּוּת, אוּן בִּפְרָטִיּוּת - יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת.

# שפג

**איך האב גע'גנב'עט אלס קינד, ווי אזוי קען איך דאס באצאלן?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ לֶעבּ מַמָּשׁ אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן מִיט אַייעֶרֶע עֵצוֹת, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דְרֵיי מָאל מִשְׁנָיוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי אַלְס קִינְד פְלֶעג אִיךְ אַסַאךְ גַנְבְ'עֶנֶען פוּן גֶעשֶׁעפְטְן אוּן לְמַעֲשֶׂה וֵויים אִיךְ נִישְׁט יֶעצְט וויפִיל אִיךְ הָאבּ גֶע'גַנְבְ'עֶט, אוֹיךְ הָאט שׁוֹין דֶער גֶעשֶׁעפְט אַן אַנְדֶערֶער בַּאלֶעבָּאס, אִיךְ וויל נִישְׁט דַארְפְן מְגוּלְגָל וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ וֵויים אָבֶּער נִישְׁט פוּן וֶועמֶען אוּן וויפִיל אִיךְ הָאבּ גֶע'גַנְבְ'עֶט.

אוֹיךְ דַארְף אִיךְ אַן עֵצָה אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוען אִיךְ מַאךְ שׁוֹין אָפּ אַז אִיךְ גֵיי גֵיין אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוער אִיךְ זֵייעֶר אוּמְגֶעדוּלְדִיג, וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ שְׁפִּירְן אַ גֶעשְׁמַאק אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווָאוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ 'שִׁשָּׁה סִדְרֵי**

מִשְׁנָה' און דו הָאלְסְט שוין בַּיים דְרִיטְן סִיוּם; דָאס וַואשְׁט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, און מֶען בַּאקוּמְט אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה.

**אוֹיבּ** דו גֶעדֶענְקְסְט פוּן וֶועם דו הָאסְט גֶע'גַנְבְ'עֶט זָאלְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין (וַיִּקְרָא ה, כג): "וְהֵשִׁיב אֶת הַגְּזֵלָה אֲשֶׁר גָּזָל", אַז דו וֵוייסְט נִישְׁט וויפִיל, זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ וויפִיל דו זָאלְסְט אִים גֶעבְן. אוֹיבּ דו וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וֶועם דו הָאסְט גֶע'גַנְבְ'עֶט, אוֹיף דֶעם זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בֵּיצָה כט.): "גָּזַל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ לְמִי גָּזַל, יַעֲשֶׂה מֵהֶן צָרְכֵי רַבִּים", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט פוּן מֶענְטְשְׁן און וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וֶועם עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט זָאל עֶר טוּן צָרְכֵי רַבִּים; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה, אוֹת לו): עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ גְרֶעסֶערֶע צָרְכֵי רַבִּים ווי דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און עֶס בְּרֶענְגְט צוּרִיק צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶערִיבֶּער**, אַז דו ווילְסְט מְתַקֵּן זַיין דָאס וָואס דו הָאסְט גֶע'גַנְבְ'עֶט וְכוּ', זָאלְסְטוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרַט דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, וָואס דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אַ וֶועג אַז יֶעדֶער זָאל דָאס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין און אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם חִיזּוּק און עֵצוֹת אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אַז דו וֶועסְט דָאס דְרוּקְן וֶועט דָאס זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף וָואס דו הָאסְט אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּנֶעם רַבִּים, וַוייל דָאס הָאט שוין

אָפְּגֶעראַטֶעוֶועט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָאָה בְּזֶה הַלָּשׁוֹן (צַוָאַת מוֹהֲרָא"ש, אות יז): "אִיךְ זָאג צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ בַּאנְד פוּן 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' וֶועט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה פוּן הִימְל. דִי בְּרִיוְון הָאבְּן שׁוֹין גֶעראַטֶעוֶועט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, וואוּיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דָאס אָפְּדְרוּקְן".

בְּנוֹגֵעַ אַן עֵצָה אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת, אַז יֶעדֶעס מָאל דוּ גֵייסְט אַרוֹיס אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְסְטוּ אוּמְגֶעדוּלְדִיג; קוֹדֶם כָּל דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אַלֵיינְס, אַז מֶען גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט - אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ערה), דָאס אַלֵיינְס אַז מֶען ווִיל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַאךְ פוּן דֶעם אַלֵיינְס אַ תְּפִלָּה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה צוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּ דִיר. יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר וֶוער אִיךְ אוּמְגֶעדוּלְדִיג, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ רֶעדְן צוּ דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## שפד

### וָואס דַארְף מֶען קוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי נוֹשֵׂא פוּן שִׁידוּכִים. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמוּזְט גֶטְ'ן פוּן מַיין עֶרְשְׁטֶע ווַייבּ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ צוּ לֶעבְּן מִיט אִיר; יֶעצְט זוּךְ אִיךְ אַ שִׁידוּךְ צוּם צְווֵייטְן מָאל אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ, וָואס דַארְף מֶען זֶען צוּ ווִיסְן אוֹיבּ זִי אִיז גוּט פַאר מִיר?

אַ גְרוֹיסְן יַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וּנְסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; בְּדֶרֶךְ כְּלָל אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַ בַּעַל גַּאֲוָה וְכוּ', עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ נֶעמֶען שִׁידוּכִים וָואס מֶען טְרָאגְט אִים אָן אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעם אַוֶועק: 'אִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם וֶועל נֶעמֶען דָאס?!' 'אִיךְ דֶער שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ, דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַזוֹינְס?!' אַזוֹי דְרֵיידְט מֶען זִיךְ אַרוּם וְכוּ'

זוּכְנְדִיג אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן; מֶען זוּכְט אוּן מֶען זוּכְט, מֶען גֵייט אַרוֹיס זִיךְ טְרֶעפְן וְכוּ' אַלְץ מִיט דִי כַּוָונָה אַז אֶפְשָׁר וֶועט מֶען טְרֶעפְן אַ כַּלָה וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ פָארְן אוֹיף אַ וַוייסֶע פֶערְד מִיט אָנְגֶעפִּילְטֶע זֶעק מִיט גֶעלְט וְכוּ', מֶען וַוארְט עֶס זָאל גֶעבּוֹירְן וֶוערְן אַזַא זִיווּג אוּן מֶען כַּאפְּט נִישְׁט אַז בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט, אוּן פְּלוּצְלִינְג דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ פַארְעֶלְטֶערְט...

**וָואס** אִיז דִי עֵצָה? דִי עֵצָה אִיז טוּן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַרְגָא וְנְסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, נִישְׁט זַיין קְלוֹיבֶּערִישׁ. מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דֶעם פּוּנְט וָואס רוּפְט זִיךְ: "צַייט", אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט דֶער מַאֲמַר הֶחָכָם: "הִזָהֵר מִן הַזְמַן כִּי הוּא אוֹיֵב רָע מְאֹד", אַז מֶען ווִיל נִישְׁט אַוֶועק לֵייגְן דִי גַאֲוָה, נָאר מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ אוּן מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ, אִיז בִּיז מֶען כַּאפְּט זִיךְ אִיז מֶען שׁוֹין פַארְעֶלְטֶערְט וְכוּ'.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְסְטוּ זֶען וִוי שְׁנֶעלֶער חֲתוּנָה הָאבְּן; חַס וְשָׁלוֹם בְּלַייבְּן אַלֵיין, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז אַלֵיין קֶען עֶר נִישְׁט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים, הֲלָכָה א, אוֹת א): "מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי - הוּא פָּגוּם בִּבְרִית", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז פָּגוּם בִּבְרִית; דֶערְפַאר דַארְף מֶען וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתוּנָה הָאבְּן לְשֵׁם שָׁמַיִם, זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן אוּן קְלוֹיבְּן.

**מִיר** גֶעפִינֶען בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (קִידוּשִׁין כט:) וִוי רַב חִסְדָא הָאט אוֹיסְגֶערִימְט פַאר רַב הוּנָא דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן

רַב הַמְנוּנָא אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, הָאט רַב הוּנָא גֶעבֶּעטְן רַב חִסְדָּא: אִיךְ ווִיל אִים זֶען; וֶוען עֶר קוּמְט צוּ דִיר זָאלְסְטוּ אִים אַהֶער שִׁיקְן. "כִּי אָתָא, חַזְיֵיהּ דְּלָא פָּרִיס סוּדָרָא", וֶוען רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען הָאט רַב הוּנָא גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַלִית, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "מַאי טַעְמָא לָא פְּרִיסַת סוּדָרָא", פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט מִיט אַ טַלִית? הָאט אִים רַב הַמְנוּנָא גֶעעֶנְטְפֶערְט: וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, "אַהְדְּרִינְהוּ לְאַפֵּיהּ מִינֵיהּ", הָאט רַב הוּנָא אַוֶועק גֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים פוּן אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "חָזֵי דְּלָא חֲזִית לְהוּ לְאַפֵּי עַד דְּנָסְבַת", זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט זֶען דַיין פָּנִים בִּיז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה, וַוייל: "בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה - כָּל יָמָיו בַּעֲבֵירָה", אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה פַאר דִי צְוָואנְצִיג יָאר וֶועט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן טוּן עֲבֵירוֹת, פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא: "בַּעֲבֵירָה סַלְקָא דַעְתָּךְ", ווִי קֶען זַיין מֶען וֶועט טוּן עֲבֵירוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אֵיינְמָאל מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען דָאךְ אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת?! עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "אֶלָּא אֵימָא: כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה", מֶען וֶועט אַ גַאנְץ לֶעבְּן הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ צוּאַיילְן חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, וַוייל רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רַב הוּנָא, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף זַיין פָּנִים וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

**אִיךְ** וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַ מַזָל טוֹב בְּקָרוֹב.

# שפה

## קֶענְט אִיר מִיר קְלָאר מַאכְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת בְּנוֹגֵעַ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְּן פוּן אַייעֶר טֵייעֶרֶע צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן מַיינֶע שְׁאֵלוֹת. אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת.

א. עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי סְגוּלָה פוּן זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אַז עֶס הַרְגְ'עט דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל, חֵלֶק מו, מִכְתָּב ח' רפא) אַז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט) מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; ווִיל אִיךְ וִויסְן צִי דָאס מֵיינְט דַוְקָא אַז מֶען מוּז יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער זָאגְן חַ"י פְּרָקִים אוּן עֶס עֶנְדִיגְן פַאר עֶס ווֶערְט נַאכְט, אָדֶער מֵיינְט דָאס בִּכְלָלִיוּת אַז מֶען זָאל עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה יֶעדְן חוֹדֶשׁ? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מִשְׁנַיוֹת הָאט סְגוּלוֹת סֵיי ווִיפִיל אוּן ווִי אַזוֹי מֶען זָאגְט עֶס, אִיךְ ווִיל נָאר וִויסְן לְגַבֵּי דֶעם עִנְיָן פוּן חַ"י פְּרָקִים אַ טָאג.

ב. ווֶען מֶען זָאגְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, עֶנְדִיגְט מֶען מִשְׁנַיוֹת אִין נַיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, וָואס לֶערְנְט מֶען אִינֶעם דְרַייסִיגְסְטְן טָאג פוּן אַ חוֹדֶשׁ וָואס הָאט דְרַייסִיג טֶעג?

ג. אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב וְכַדוֹמֶה, ווֶען מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען צוּלִיב אֲבֵלוּת, מֶעג מֶען זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת? וּבִפְרַט אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעווֹאוֹינְט דָאס צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג? אוֹיךְ ווִיל אִיךְ וִויסְן צִי מֶען מֶעג דֶעמָאלְט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אֶפְשָׁר גֵייט עֶס אַרַיין אִין כְּלַל פוּן סִפְרֵי מוּסָר וָואס דִי פּוֹסְקִים זֶענֶען דַן אִיבֶּער דֶעם אַז מֶען מֶעג דָאס אֶפְשָׁר לֶערְנֶען אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב.

ד. אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע און נִישְׁט אִידִישֶׁע פְּרוֹיעֶן, בִּפְרַט אִין דִי זוּמֶער טֶעג; מֶעג מֶען דָארְט זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער תְּהִלִּים און נַ"ךְ וְכַדוֹמֶה? און דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען וַוארְט אוֹיף אַ בָּאס אוֹיפְ'ן גַאס וְכַדוֹמֶה נֶעבְן נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע פְּרוֹיעֶן, מֶעג מֶען דָארְטְן לֶערְנֶען?

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר דָאס אַלֶעס קֶענֶען קְלָארְשְׁטֶעלְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת", אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת" (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפה). אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהֵייסְן מֶען זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת" אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר לִיקּוּטֵי תּוֹרָה (הַדְרָכָה ו): "תֹּאמַר 'חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת' בְּלִי פֵּירוּשׁ בְּכָל יוֹם, כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים; כֵּן תִּנְהַג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ", אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַהֲרַ"ם פַּאפִּירְשׁ (אוֹר צַדִּיקִים סִימָן כב, אוֹת יא): "טוֹב לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת בְּכָל

יוֹם, וְאִם אֶפְשַׁר שֶׁיַּשְׁלִים חַ"י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד חַ"י עוֹלָמוֹת מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, "יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ", אִיךְ וויל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט זַיי, "כִּי הוּא תִיקוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד אֵל חַי", ווייל מִיטְ'ן זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אִיז מֶען מְתַקֵּן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרַע", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, "גַּם סְגוּלָה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה מַה שֶׁיִּהְיֶ', וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיין פְלָאנְטֶער אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת". אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז נֶעבֶעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג: "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת", וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

**עֶס** אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ זָאגְן "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת" יֶעדְן טָאג, מֶען קֶען דָאס אַיינְטֵיילְן דוּרְכְ'ן טָאג אוֹיף דְרֵיי טֵיילְן: זֶעקְס פְּרָקִים אִינְדֶערְפְרִי, זֶעקְס פְּרָקִים נָאכְמִיטָאג אוּן

זֶעקְס פְּרָקִים בַּיינַאכְט. עֶס דַארְף נִישְׁט גֶעזָאגְט וֶוערְן דַוְקָא בַּייטָאג וְכוּ', נָאר וֶוען מֶען הָאט אַבִּיסְל צַייט בַּייטָאג אָדֶער בַּיינַאכְט זָאל מֶען אַרַיין כַאפְּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת און נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת בִּיז מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ: "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת".

**מוֹהֲרָ"א"ש** פְּלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארִימֶען: "וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיף אַ אִינְגֶערְמַאן צִי עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?' אוֹיבּ עֶר דְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת'ל אִין טַאשׁ, און וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט, כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק און נָאךְ אַ פֶּרֶק - דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ תַּלְמִיד 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ'".

**אַז** מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת" אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְסַיֵים זַיין יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן חוֹדֶשׁ גַאנְץ "שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה". אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה רֵייניגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרִים אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, און אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת סג.): "לִיגְמַר אִינִישׁ וְהָדַר לִיסְבַּר", קוֹדֶם דַארְף מֶען אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, און נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען שׁוֹין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**אַסאַך** תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת מִיטְ'ן חוֹדֶשׁ.
דָאס הֵייסְט, זֵיי הֵייבְּן אָן יֶעדְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נָאכְאַמָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; א' לְחוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען גַאנְץ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, גַאנְץ מַסֶכֶת פֵּאָה אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע פֶּרֶק פוּן דְמַאי, ב' לְחוֹדֶשׁ גֵייט מֶען וַוייטֶער מִיט מַסֶכֶת דְּמַאי, גַאנְץ מַסֶכֶת כִּלְאַיִם אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע דְרֵייא פְּרָקִים פוּן שְׁבִיעִית, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז מֶען אִיז מְסַיֵים יֶעדְן חוֹדֶשׁ גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן וֶוען מֶען הַאלְט בַּיי אַ חוֹדֶשׁ וָואס הָאט דְרַייסִיג טֶעג מַאכְן זֵיי זִיךְ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, דֶעם שִׁיעוּר לֶערְנֶען זֵיי יֶעדֶע חוֹדֶשׁ מָלֵא אִינֶעם דְרַייסִיגְסְטְן טָאג.

**עֶס** זֶענֶען דָא תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס גֵייעֶן נִישְׁט מַמָשׁ אוֹיפְ'ן טָאג פוּנֶעם חוֹדֶשׁ, נָאר אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע סֵדֶר; יֶעדְן טָאג זָאגְט מֶען "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת" - יֶעדֶער אֵיינֶער וואו עֶר הַאלְט, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם מָארְגְן, נָאר מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג - יֶעדְן טָאג פְּרוּבִּירְט מֶען אַרַיין צוּ כַאפְּן אַבִּיסְל תּוֹרָה; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין וֶועג ווי אַזוֹי עֶר אִיז מֶער מַצְלִיחַ, דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

**בְּנוֹגֵעַ** צִי מֶען קֶען זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב; תִּשְׁעָה בְּאָב טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תקנד, סְעִיף א) וַוייל תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז אַ טָאג וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְ'ן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ,

אָבֶער דִי פּוֹסְקִים זָאגְן (עַיֵין נִטְעֵי גַבְרִיאֵל סִימָן עה, סְעִיף קָטָן יט) אַז נָאכְמִיטָאג קֶען מֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִם כְּסִדְרָן; דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג זַיְינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ' - מֶעג עֶס לֶערְנֶען תִּשְׁעָה בְּאָב נָאכְמִיטָאג.

**אַז** מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת תִּשְׁעָה בְּאָב, אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְמַאנֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר זָאגְט (חוֹדֶשׁ תַּמוּז אָב - מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי תַּמּוּז אָב, מַאֲמָר ב): "סַךְ כָּל הַשָּׁעוֹת מִן הכ"ב יָמִים הֵם תקכ"ח", דִי שָׁעוֹת פוּן דִי דְרֵייַ וָואכְן אִיז סַךְ הַכֹּל פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג, "עַל כֵּן יֶשׁ בַּמִּשְׁנָיוֹת תקכ"ח פְּרָקִים. מִנְיַן מַפְתֵּ"חַ", דֶערְפַאר אִיז דָא אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג פְּרָקִים, "כְּמִנְיַן מַפְתֵּחַ הַגְּאֻלָּה", וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל מִיר זָאלְן דוּרְכְדֶעם אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה פוּן דִי דְרֵייַ וָואכְן וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין הַגָּלֻיוֹת מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת הַמִּשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר אִינֶעם זְכוּת פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, "וּכְשֶׁמְּדַבְּרִין וְשׁוֹנִין בְּמוֹ פִּינוּ הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אֲזַי נִפְתַּח הַסָּתוּם", וֶוען מֶען חַזֶר'ט מִשְׁנַיוֹת וֶועט גֶעעֶפְנְט וֶוערְן דִי פַארְמַאכְטְקֵייט פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ ח, י): "'גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם', לְשׁוֹן מַתְנִיתִין", יִתְנוּ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מִשְׁנַיוֹת, אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִין גָלוּת, "עַתָּה אֲקַבְּצֵם", וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְלֵייזְן; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט

פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, בִּפְרַט יֶעצְט, אִין דִי טֶעג וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

**בְּנוֹגֵעַ** צִי מֶען מֶעג לֶערְנֶען וֶוען מֶען וַוארְט אוֹיף אַ בָּאס וְכוּ'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית י:): "שְׁנֵי תַלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁמְּהַלְּכִים בַּדֶּרֶךְ, וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תוֹרָה, רְאוּיִין לִישָּׂרֵף", וֶוען מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִיז מֶען רָאוּי פַּארְבְּרֶענְט צוּ וֶוערְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אוֹיפְ'ן בַּאן אָדֶער אוֹיפְ'ן בָּאס, אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט מִיט זִיךְ אַ סֵפֶר; אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ חוּמָשׁ, אָדֶער אַ תְּהִלִּים וְכַדּוֹמֶה, וֶועט עֶר פַּארְבְּרֶענְט וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע. נִישְׁט נָאר מֶען מֶעג לֶערְנֶען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, נָאר אָן דֶעם אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד, בִּפְרַט זוּמֶער וֶוען מֶען פָּארְט מִיט דִי שְׁטָאטִישֶׁע בָּאסֶעס, בַּאנֶען וְכַדּוֹמֶה לָזֶה, אוֹיבּ נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט אַ סֵפֶר מִיט זִיךְ וֶוערְט מֶען פַּארְבְּרֶענְט, נִישְׁט אֵיין מָאל נָאר יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען אַרְבֶּעט אִין אַ פְּלַאץ מִיט גוֹיִם וְכוּ' אוּן מֶען וִויל נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען הָאט נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.

# שפו

**װעלכֶע שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן און רֶבִּי נָתָן זֶענֶען די ריכְטיגֶע?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר ווי איר רֶעדְט וֶועגְן דֶעם סֵפֶר ... אַז איר ווילְט עֶס נִישְׁט לֵיינֶען וַוייל איר ווילְט בְּלויז בַּאקוּמֶען און נָאר הֶערְן שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן און רֶבִּי נָתָן - פוּן אֵיין מְקוֹר, פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

איךְ מֵיין אָבֶּער אַז דֶער סֵפֶר איז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן וֶועג ווי דֶער סֵפֶר "פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק", נָאר עֶס איז אוֹיף רֶבִּי נָתָן, עֶס איז גֶעשְׁטֶעלְט נָאר אוֹיף מְקוֹרוֹת פוּן רֶבִּי נָתָן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים.

נָארְמַאל וָואלְט איךְ אַייךְ נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן דֶעם, וָואס דַארְף איךְ זִיךְ מִישְׁן? אָבֶּער דֶער סֵפֶר איז אַ מוֹרָא'דִיגֶער סֵפֶר וָואס עֶס איז פָּשׁוּט אַ שָׁאד עֶס נִישְׁט צוּ לֵיינֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

איךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיט יָארְן צוּרִיק הָאבּ איךְ דוּרְכְגֶעלֵיינְט דֶעם סֵפֶר ...; איךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶען צוּבְּרֶענְגֶען בְּשֵׁם רֶבִּי נָתָן אַ וָוארְט וָואס עֶר הָאט גֶעזָאלְט זָאגְן אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ

יָגֵן עָלֵינוּ און אִיךְ הָאבּ דָאס נָאכְגֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר. נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק ח, מִכְתָּב תתקכ"ג) ווִי אֵיינֶער פְּרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש דִי פָאלְגְנְדֶע שְׁאֵלָה:

"**בִּרְצוֹנִי לִשְׁאוֹל:** הַאִם יֵשׁ שִׂיחָה מִמּוֹהַרְנַ"ת שֶׁאָמַר עַל הרה"ק הָרֶבִּי ר' זוּשָׁא: 'אֵי פַּעַם הָיוּ קוֹרְאִים אוֹתוֹ הַמְּלַמֵּד ... כָּעֵת קוֹרְאִים אוֹתוֹ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא'", אִיךְ ווִיל פְּרֶעגְן אוֹיבּ אִיז דָא אַזַא שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַמָאל הָאט מֶען גֶערוּפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ר' זוּשָׁא 'דֶער מְשׁוּגֶע'נֶער מְלַמֵּד', אָבֶּער הַיינְט רוּפְט מֶען אִים 'דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא'"? און מוֹהֲרָא"ש עֶנְטְפֶעְרְט אִים אַזוֹי: "אֲנִי מְאֹד מְאֹד מְבַקֵּשׁ אוֹתְךָ וּמְעוֹרֵר גַּם אֶת אֲחֵרִים: צְרִיכִים לִשְׁמוֹר מְאֹד מְאֹד מִשִּׂיחוֹת בְּדוּיוֹת וּמְצוּצוֹת מֵהָאֶצְבַּע, וְזוֹרְקִים אֶת זֶה עַל רַבֵּינוּ ז"ל וְעַל מוֹהַרְנַ"ת ז"ל, שֶׁהַכֹּל שֶׁקֶר וְכָזָב, וּבִפְרַט כְּשֶׁזֶּה פָּתוּחַ נֶגֶד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, וְנֶגֶד צַדִּיקֵי אֱמֶת, צְרִיכִים לָדַעַת שֶׁזֶּה שֶׁקֶר וְכָזָב, וְגוֹבֵל גַּם עִם מִינוּת". אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ הִיטְן פוּן נָאכְזָאגְן אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע שִׂיחוֹת וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעזוֹיגְן פוּן פִינְגֶער און מֶען לֵייגְט דָאס אַרוֹיף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה און אוֹיף זַיין הֵיילִיגֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בִּפְרַט וֶוען דָאס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה און קֶעגְן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דָאס אִיז שֶׁקֶר וְכָזָב און עֶס גְרֶענִיצְט זִיךְ מִיט מִינוּת.

**מוֹהֲרָא"שׁ** בַּאצִיט זִיךְ צוּ דֶעם שִׂיחָה בִּפְרָטִיּוּת, און שְׁרַייבְּט: "הַשִּׂיחָה הַזּוּ הִיא שֶׁקֶר וְכָזָב, כִּי יָדוּעַ אֵיךְ שֶׁרַבֵּינוּ

ז"ל הִפְלִיג בְּמַעֲלַת הָרַב הַקָּדוֹשׁ הָרַבִּי רֶבִּי זוּשָׁא מֵאַנִפּוֹלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וְאָמַר עָלָיו שְׁבָחִים גְּדוֹלִים, וְאֶחָד מֵהַשְּׁבָחִים 'שֶׁעָבַד אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עִם תַּבְעֵרַת הַלֵּב עֲצוּמָה בְּפַעַם אַחַת עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם שָׁנִים רְצוּפוֹת וְכוּ'; הַיְינוּ כִּי בְּדֶרֶךְ כְּלַל כְּשֶׁאָדָם מַתְחִיל לְהִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא נוֹפֵל בְּכָל פַּעַם וְכוּ', לֹא כֵּן הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה - עִם הַהִתְלַהֲבוּת הָרִאשׁוֹנָה, בָּעַר עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה וְכוּ'", עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים מוֹרָא'דִיגֶע שְׁבָחִים, צְווִישְׁן זֵיי - אַז עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר בִּרְצִיפוּת מִיט דִי זֶעלְבֶּע בְּרֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווַייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט מֶען אָן מִיט אַ בְּרֶען אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ וְכוּ', אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן זֶעלְבְּן בְּרֶען פַאר צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, "וְכֵן מוֹהֲרְנַ"ת ז"ל הִפְלִיג בְּמַעֲלָתוֹ, וְסִפֵּר שֶׁיָּצָא לוֹ פַּעַם לָלוּן לַיְלָה אֶחָד עִם הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה בְּאוֹתוֹ חֶדֶר, וּכְשֶׁבָּא חֲצוֹת לַיְלָה זָרַק אֶת עַצְמוֹ מֵהַמִּטָּה עַל הָרִצְפָּה וְצָעַק לְעַצְמוֹ זוּשָׁא זוּשָׁא תָּקוּם כְּבַר וְכוּ', אֶת הַשְּׁאָר כְּבַר תִּישַׁן בְּקֶבֶר", אוֹיךְ פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְן ווִי אַמָאל אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ נֶעכְטִיגְן אִין אֵיין אַכְסַנְיָא מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן עֶר הָאט מִיט גֶעהַאלְטְן זַיין עֲבוֹדָה פוּן דֶער נָאכְט, וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן חֲצוֹת הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא ווַארְפְט זִיךְ אַרָאפּ פוּן בֶּעט אוּן

הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּ זִיךְ, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "זוּשָׁא, זוּשָׁא! שְׁטֵיי שׁוֹין אוֹיף, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁלָאפְן - אִין קֵבֶר וֶועסְטוּ שְׁלָאפְן, יֶעצְט אִיז חֲצוֹת, שְׁטֵיי אוֹיף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

שְׁרַייבְּט ווייטֶער מוֹהֲרָא"שׁ: "אֲזַי אֵיךְ יְכוֹלִים לְהַמְצִיא שִׂיחוֹת מְגוּנוֹת כָּאֵלּוּ עַל צַדִּיק קָדוֹשׁ וְנוֹרָא כָּזֶה? וְלֹא רַק עָלָיו, אֶלָּא יֵשׁ עוֹד צַדִּיקִים קְדוֹשִׁים שֶׁהָיוּ מְאֹד מְאֹד חֲשׁוּבִים בְּעֵינֵי רַבֵּינוּ זַ"ל וּמוֹהַרְנַ"ת זַ"ל, וְאֵיךְ יְכוֹלִים לְהַדְפִּיס שִׂיחוֹת שֶׁל שְׁקָרִים, וְלִתְלוֹת אֶת זֶה עֲלֵיהֶם", ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיסְטְרֶעפְן אַזֶעלְכֶע נִישְׁט שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת אוֹיף אַזַא הֵיילִיגֶער צַדִּיק? "אֵין זֶה, שֶׁמַּרְאֶה אֶת גְּרִיעוּת מַעֲשֵׂי הַמְסַפְּרִים, וּמִכָּל שֶׁכֵּן הַמַּדְפִּיסִים שִׂיחוֹת כָּאֵלּוּ נֶגֶד צַדִּיקִים קְדוֹשִׁים שֶׁהָיוּ דְּבוּקִים לְגַמְרֵי בְּאֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוֹי לָהֶם וְאוֹי לְנַפְשָׁם מִי שֶׁמֵּעִיז לְדַבֵּר עַל צַדִּיקִים כָּאֵלּוּ, וּבָזֶה הֵם מְגַלִּים אֶת זֻהֲמַת מַעֲשֵׂיהֶם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים נה, כא): 'שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ'", וֵויי פַּאר דִי וָואס רֶעדְן קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער זִיךְ צוּ מְחַיֶּ' זַיין מִיט יֶעדֶעס וָוארְט אוּן נִישְׁט נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַוֶועק צוּ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט[ד] (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קעא) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ב): "וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ,

ד. מֶער אִיבֶּער דֶעם, אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תמט.

אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", זָאגְט דֶער רֶבִּי: "עַל יְדֵי שֶׁנִּתְעוֹרֵר שֵׂכֶל חָדָשׁ בַּעֲבוֹדַת ה', מַה שֶּׁלֹּא הָיָה נוֹדָע עַד עַתָּה, עַל יְדֵי זֶה 'רַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ', אַךְ 'אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם', כִּי 'צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם' - שֶׁעוֹבְדִין עִם זֶה הַשֵּׂכֶל אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, 'וּפוֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם', שֶׁאֵינָם עוֹבְדִין בָּזֶה אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, רַק שֶׁעַל יְדֵי זֶה הֵם מְבַזִּין וּמְחָרְפִין אֶת הָעוֹלָם עַל שֶׁהֵם יוֹדְעִין מִזֶּה הַשֵּׂכֶל הֶחָדָשׁ, וְהָעוֹלָם אֵינָם יוֹדְעִין מִזֶּה, וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי - 'לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם', הַיְנוּ לְחָרֵף וּלְבַזּוֹת הָעוֹלָם, כִּי אֵינָם מִשְׁתַּמְּשִׁין עִם זֶה הַשֵּׂכֶל הֶחָדָשׁ רַק לְבַזּוֹת וּלְחָרֵף הָעוֹלָם, עַל יְדֵי שֶׁהֵם יוֹדְעִים מִזֶּה, וְהָעוֹלָם הֵם רֵיקִים וַחֲסֵרִים מִזֶּה"; יֶעדֶעס מָאל עֶס וֶוערְט בַּאוואוּסְט אַ נֵייעֶ שֵׂכֶל - אַ נֵייעֶ דֶרֶךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיז דָא צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, "אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם" - אֵיינֶער אִיז זִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶּ' מִיט יֶעדְן דִיבּוּר, מִיט יֶעדֶע טְרָאפּ שֵׂכֶל אוּן מִיט יֶעדֶע בְּרִיוו; נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא "וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם" - דִי וָואס נוּצְן נִישְׁט דִי שֵׂכֶל אוּן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם בְּרִיוו פַאר חַיֵּי עוֹלָם, נָאר ווִי זֵיי קֶענֶען וֵויי טוּן אוּן אַוֶועק מַאכְן אַ צְוֵוייטְן, יֶענֶעם דֶערְצֵיילְן וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן אִים וְכוּ'.

זַיי גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

# שפז

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען וויל נִישְׁט דַאוֶונֶען אוּן נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְּן פוּן אַייעֶר טֵייעֶרֶע צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן מַיינֶע שְׁאֵלוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער דַאוֶונֶען.

א. אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז לְכַתְּחִילָּה דַארְף מֶען אִינְזִין הָאבְּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּלּוֹת פוּנֶעם דַאוֶונֶען (אוֹרַח חַיִּים סִימָן צח, סְעִיף א) אוּן אוֹיךְ מְדַקְדֵק זַיין אִין דִי אוֹתִיּוֹת (סִימָן סא, סְעִיף ב), אָבֶּער בְּדִיעֲבַד אִיז מֶען יוֹצֵא אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט (סִימָן קא, סְעִיף א) אָדֶער מְדַקְדֵק גֶעוֶוען אִין דִי אוֹתִיּוֹת (סִימָן סב, סְעִיף א). אוֹיךְ אִיז מְבוֹאָר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (סִימָן צח, סְעִיף ג): "יִתְפַּלֵּל דֶרֶךְ תַּחֲנוּנִים כְּרָשׁ הַמְבַקֵּשׁ בַּפֶּתַח וּבְנַחַת", זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה: "וּמִכָּל מָקוֹם, בְּדִיעֲבַד, אֲפִילּוּ אִם לֹא אָמְרָה בִּלְשׁוֹן תַּחֲנוּנִים לֹא יַחֲזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", עַד כַּאן לְשׁוֹנוֹ; אִיז מַיין שְׁאֵלָה וָואס טוּט זִיךְ מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט נִישְׁט בַּיים אִינְזִין הָאבְּן בִּכְלַל, עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מְדַקְדֵק צוּ זַיין אִין דִי אוֹתִיּוֹת אוּן עֶר וויל אוֹיךְ נִישְׁט דַאוֶונֶען בְּדֶרֶךְ תַּחֲנוּנִים; זָאל עֶר עֶנְדֶערְשׁ בִּכְלַל נִישְׁט דַאוֶונֶען? וַוייל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט דָאךְ אַז נָאר בְּדִיעֲבַד הָאט מֶען יוֹצֵא גֶעוֶוען, אָבֶּער לְכַתְּחִילָּה אִיז דָאס נִישְׁט גוּט.

ב. וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, וָואס דִי הֲלָכָה אִיז בַּיי דֶעם אַז מֶען דַארְף צוּרִיקְגֵיין אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד אָנְצוּהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, עֶר אִיז שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין דֶעם אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעדַאוֶונְט וֶוען מֶען הָאט

גֶעדַארְפְט, אִיז דִי שְׁאֵלָה צִי עֶר זָאל כָאטְשׁ דַאוֶונֶען וַוייטֶער בִּיז'ן סוֹף אֲפִילוּ עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה, אָדֶער אִיז עֶס יֶעצְט פָּשׁוּט אַ בְּרָכָה לְבַטָּלָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין שְׁאֵלָה; וָואס הֵייסְט מֶען וִויל נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען?! וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים אוּן הֶערְט אוֹיס וָואס עֶר בֶּעט אִים וָואלְט עֶר גֶעדַאוֶוענְט יֶעדֶעס וָוארְט מִיט כַּוָּנָה. דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין תְּפִלָּה אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ דָא, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִילָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִילָּה', וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶונְט אוּן עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט אִים, וָואלְט עֶר גֶעדַאוֶוענְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶר וָואלְט מְכַוֵּון גֶעוֶוען יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע וָוארְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס.

**אַזוֹי** אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט דַיין צְוֵוייטֶע שְׁאֵלָה; אוֹיב מֶען הָאט מִשְׁנֶה גֶעוֶוען מִמַּטְבֵּעַ שֶׁטָּבְעוּ חֲכָמִים - אִיז מֶען נִישְׁט יוֹצֵא דָאס דַאוֶונֶען. מֶען דַארְף מַפְסִיק זַיין דָארְט וואוּ מֶען הָאלְט אוּן נָאכְאַמָאל אִיבֶּער דַאוֶונֶען, מֶען קֶען נִישְׁט ווייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה; עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען ווייטֶער דַאוֶונֶען וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא אוֹיב מֶען הָאלְט נִישְׁט בַּיים אִיבֶּער דַאוֶונֶען.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ): "כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", קֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען, עֶר שְׁפִּירְט אַ בִּיטֶערֶע טַעַם אִינֶעם דַאוֶונֶען; דָאס דַאוֶונֶען הָאט בַּיי אִים אַ טַעַם פוּן "מַיִין מְרִירִין" - בִּיטֶערֶע וַואסֶער. עֶר ווִיל נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין יָא אִין שׁוּל הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד אֲפִילוּ נָאר צוּ עֶפֶענֶען דֶעם סִידוּר אוּן וֶוען עֶר עֶפְנְט שׁוֹין דֶעם סִידוּר קוּמְט אִים אָן אַזוֹי שְׁוֶוער דָאס דַאוֶונֶען; דָאס קוּמְט פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית. דִי עֲבֵירוֹת מַאכְן אִים דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עֲצָמוֹת שֶׁל אָדָם", דִי עֲבֵירָה בְּרֶענְגְט דִי מַחֲלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ' - דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶונֶען.

**זָאגְט** דֶער רֶבִּי: "וְאֵין יָכוֹל לִטְעֹם מְתִיקוּת בַּתְּפִילָּה, אֶלָּא כְּשֶׁתִּקֵּן פְּגַם הַבְּרִית", אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דַאוֶונֶען נָאר אַז עֶר פַארְרֶעכְט זַיינֶע פְּגָמֵי הַבְּרִית,

עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוּן עֶר הִיט זִיךְ אָפּ פוּן שְׁלֶעכְטְס; דֶערִיבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשָּׁה, מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחֲשָׁבָה דַאן אִיז דָאס דַאוֶוענֶען אַ זִיסֶע זַאךְ, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי "מַיִם מְתוּקִים" - זִיסֶע וַואסֶער, מֶען ווִיל נָאךְ אוּן נָאךְ דֶערְפוּן.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וואוּ דוּ הָאלְסְט אוֹיף דִי וֶועלְט אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָּׁה, וַוייל דָאס אִיז דִי סִיבָּה וָואס אִיז גוֹרֵם אַז עֶס קוּמְט דִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען אוּן דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן וְכוּ', וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַ שְׁטַארְקֶע בִּיטֶערְנִישׁ, מֶען גֵייט אַרוּם דֶעפְּרֶעסְט, בִּיז מֶען לָאזְט אִינְגַאנְצְן אָפּ דָאס דַאוֶוענֶען; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען דַאוֶוענֶען.

**בַּאפּ** זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן; דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אִין אוּמַאן, עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]: "אֲפִילוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו" - וֶועט עֶר אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים, אַזוֹי וֶועלְן מִיר שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אוּן אַ גֶעשְׁמַאקְקֵייט אִינֶעם דַאוֶוענֶען.

# שפה

## ווי אַזוֹי דִינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן אַוועקְגֶעבְּן פוּן אַייעֶר טַייעֶרְע צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן מַיינֶע שְׁאֵלוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת בְּעִנְיָנֵי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

א. מֶעג מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן צִיל אָנְצוּקוּמֶען צוּ מַדְרֵיגוֹת אוּן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמֶת, סִימָן א): "מִי שֶׁרוֹצֶה לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַד שֶׁיֵּלֵךְ בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ מֵהֵיכָל אֶל הֵיכָל וְיִרְאֶה אֶת הַהֵיכָלוֹת בְּעֵינֵי הַשֵּׂכֶל, יִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מִלּוֹמַר שֶׁקֶר אֲפִלּוּ בְּטָעוּת", אוֹיךְ פְלֶעגְט מוֹהֲרַ"ש זָאגְן אַז וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין דָאס גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִי תְּפִלָּה וָואס מֶען זָאגְט בַּיי כֶּתֶר אִין דִי יָמִים נוֹרָאִים קֶען מֶען דָארְט מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִין סֵפֶר אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל (לִקּוּטִים, פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא) אַז עֶר הָאט גֶעזֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זֶענֶען מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן אוּן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר צוּצוּקוּמֶען צוּ מַדְרֵיגוֹת, אוּן וויבַּאלְד זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ זֶענֶען זֵיי אִינְגַאנְצְן צֶעפַאלְן גֶעוָוארְן; אוֹיבּ אַזוֹי, וָואס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג? מֶעג מֶען אִינְזִין הָאבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּדֵי אָנְצוּקוּמֶען צוּ מַדְרֵיגוֹת אוּן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ?

ב. מֶען זֶעט אִין חֲזַ"ל אַז מֶען מֶעג דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען שְׁטֵיין אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען בִּכְלַל צוּ לִשְׁמָהּ, נָאר דוּרְכְ'ן טוּן קוֹדֶם שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, עֶס שְׁטֵייט אָבֶּער אִין סֵפֶר חֲסִידִים (סִימָן מו) אַז מֶען זָאל נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סְתָם אָן טְרַאכְטְן

גָארְנִישְׁט - כְּמִצְוַת אֲנָשִׁים מְלוּמָּדָה, נָאר מֶען זָאל טַאקֶע אִינְזִין הָאבְּן אַז מֶען טוּט עֶס מֵאַהֲבַת הַשָּׂכָר וּמִיִּרְאַת הָעוֹנֶשׁ, אוּן אַזוֹי זֶעט אוֹיךְ אוֹיס אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב (הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה סִימָן ד, סְעִיף ג).

אִיז דִי שְׁאֵלָה צִי מֶען קֶען אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל טְרַאכְטְן אַז וֶוען מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דָאס זַיין מִיִּרְאַת הָעוֹנֶשׁ וּמֵאַהֲבַת הַשָּׂכָר, אָדֶער דַארְף מֶען עֶס עֶקְסְטֶער אִינְזִין יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען טוּט אַ מִצְוָה אָדֶער מֶען הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן אַן עֲבֵירָה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטְרֶעבְּן צוּצוּקוּמֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; צוּ זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּן בַּאשֶׁעפֶער בְּשִׂמְחָה אוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה; עֶנְדִיגְן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, תַּלְמוּד בַּבְלִי, תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, אַלֶע מִדְרָשִׁים, שֻׁלְחָן עָרוּךְ וְכוּ' וְכוּ'.

**אוֹיךְ** דַארְף מֶען שְׁטְרֶעבְּן צוּצוּקוּמֶען צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ.

רוּחַ הַקוֹדֶש מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען קֶען זֶען וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם פְּרִיוָואט, רוּחַ הַקוֹדֶש אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְש לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר גֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶפֶּעס בַּאדֶערְט אִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כא): "וְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ נִקְרָא עַל שֵׁם הַחָכְמָה, שֶׁהִיא רוּחַ חָכְמָה הַבָּא מִקֹּדֶשׁ כַּיָּדוּעַ", וָואס אִיז רוּחַ הַקוֹדֶש? אַ וִוילְן וָואס קוּמְט פוּן קְדוּשָׁה; וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז פְרֵיילִיךְ, עֶר גֵייט אַרוּם מִיט אַ אוֹיפְגֶעלֵייגְטֶע גוּסְטֶע אוּן עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט קְלָאר אַז קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן - קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט גוּטְס טוּן אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - דָאס אִיז רוּחַ הַקוֹדֶש, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער עֶס קוּקְט גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד, עֶר אִיז דָן לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם - דֶער הָאט רוּחַ הַקוֹדֶש, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, וֶוען עֵלִי הַכֹּהֵן הָאט חוֹשֵׁד גֶעוֶוען חַנָה - דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָבִיא אַז זִי אִיז אָנְגֶעטְרִינְקֶען וְכוּ', הָאט אִים חַנָה גֶעזָאגְט (שְׁמוּאֵל-א א, טו): "וַתַּעַן חַנָּה וַתֹּאמֶר, לֹא אֲדֹנִי", זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת לא:): "אָמַר עוּלָא וְאִיתֵּימָא רַבִּי יוֹסֵי בַּר חֲנִינָא, אָמְרָה לֵיהּ, 'לֹא אָדוֹן אַתָּה בְּדָבָר זֶה וְלֹא רוּחַ הַקֹּדֶשׁ שׁוֹרָה עָלֶיךָ, שֶׁאַתָּה חוֹשְׁדֵנִי בְּדָבָר זֶה'", דוּ הָאסְט מִיר גֶעוִויזְן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין רוּחַ הַקוֹדֶש וַוייל דוּ בִּיסְט מִיר חוֹשֵׁד

מִיט דֶעם, "אִיכָּא דְאָמְרֵי, הָכִי אָמְרָה לֵיהּ: 'לֹא אָדוֹן אַתָּה, לַאו אִיכָּא שְׁכִינָה וְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ גַּבָּךְ, שֶׁדַּנְתַּנִי לְכַף חוֹבָה וְלֹא דַנְתַּנִי לְכַף זְכוּת'", דִי שְׁכִינָה רוּט נִישְׁט בַּיי דִיר אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וַוייל דוּ בִּיסְט מִיר נִישְׁט דַן לְכַף זְכוּת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חוֹשֵׁד אַ צְוֵוייטְן אִיד, נָאר עֶר אִיז יֶעדְן אֵיינֶעם דַן לְכַף זְכוּת, עֶר קוּקְט גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן - דֶער הָאט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן עב): וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק פַּאלְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַ שִׁפְלוּת; מֶען הֵייבְּט אָן זֶען וֶוער מֶען אִיז, וָואס מֶען הָאט אַלְץ אָפְּגֶעטוּן אִין לֶעבְּן אוּן וִויפִיל מֶען דַארְף נָאךְ מְתַקֵן זַיין. מֶען ווִיל נִישְׁט גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נָאר טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט; גְלֵייבּ מִיר, דָאס אִיז אַסַאךְ גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת"; אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי אִידְן וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים אוּן תְּחִנּוֹת, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קד): "הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת שֶׁל סְתָם בְּנֵי אָדָם הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים, וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים",

**דֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן פָּשׁוּט'ע אִידְן וָואס לֶעבְּן מִיט'ן אײבֶּערְשׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְּשִׁיטוּת.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַּאר עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן: "אִיךְ זָאל זָאגְן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג גֶעלֶערְנְט - גֶעלוֹיבְּט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט גֶענוּג, אוֹיךְ גֶעדַאוֶונְט, אָבֶּער אֵיין זַאךְ וֵייס אִיךְ נִישְׁט צִי אִיךְ הָאבּ גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן - מִיט תְּמִימוּת..."

**לָאז** אָפּ דַיינֶע חָכְמוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, גֵיי אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ מִמֵילָא זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

## שפט

### אַ סֵדֶר אִין תּוֹרָה, פְּרוּיעֶן שֶׁערְן דִי הָאר, ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן אַ מְנֻוָּל?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו אוּן שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען פַאר מִיר מַמָּשׁ ווִי לוּפְט צוּם אָטֶעמֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף דוּרְכְגֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; אִיךְ וֵויס נִישְׁט וואו אָנְצוּהֵייבְּן, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר מַאכְן אַ סֵדֶר ווִי אַזוֹי אוּן וָואס צוּ לֶערְנֶען?

אויך וויל איך פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט זֵייעֶר שַׁארְף אַז פְרוֹיעֶן דַארְפְן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה[ה], מַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעשׁוֹירְן בַּיי דִי חֲתוּנָה, זָאל אִיךְ פַארְלַאנְגֶען זִי זָאל זִיךְ שֶׁערְן? עֶס וֶועט מִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ וֶועל אָבֶּער טוּן וָואס דֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט הֵייסְן.

אויך דַארְף אִיךְ אַן עֵצָה וֶועגְן אַ אִינְגֶערְמַאן אַ מְנֻוָּל וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין מִיר אוּן וִויל טוּן מִיט מִיר שְׁמוּץ, עֶר הֵייסְט אַ וואוּילֶער מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי שְׁטַארְקֵייט אִים אַוֶועקְצוּשְׁטוּפְּן פוּן מִיר, וִוי אַזוֹי וֶוער אִיךְ פָּטוּר פוּן אִים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דֶער רֶבִּי בְּלָאזְט אַרַיין אוּן אוּנְזֶערֶע עֲצָמוֹת יְבֵשׁוֹת אַ פְרִישֶׁע גֵייסְט.**

**מֶען לֵיינְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ כֹּחַ מְחַיֶה מֵתִים זַיין אוּן מֶענְטְשְׁן ווילְן וויסְן פַארְוָואס הַיינְט**

ה. מֶער אִיבֶּער דֶעם, אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תכא.

זֶעט מֶען נִישְׁט אַזֶעלְכֶע אָפֶענֶע מוֹפְתִים; בַּיים רֶבִּי'ן זֶעט מֶען דִי מוֹפְתִים כְּסֵדֶר, דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין פוּן לַאנְג מְיוּאָשׁ, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם טוּיט, אוּן אֵיינְמָאל עֶר הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן רֶבִּי'ן הֵייבְּט עֶר אָן לֶעבְּן, דָאס אִיז מַמָּשׁ תְּחִיַּית הַמֵּתִים.

**דוּ** בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר וָואס צוּ לֶערְנֶען; מִיר בֶּעטְן בַּיים דַאוֶונֶען: "וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, אֵיינֶעם צִיט מֶער הֲלָכָה, אֵיינֶעם צִיט מֶער אַגָּדָה - יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיין חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה. הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם; זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**נָאכְדֶעם** מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מְקַיֵים גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט לְכַמָּה אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן זָאגְן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפה). מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שִׂיחָה הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין פוּן דִי כַּמָּה אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר וֶועם דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם תִּיקוּן'.

**נָאכְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא יֶעדְן טָאג, הֵייבּ אָן שַׁ"ס, מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן גֵיי כְּסִדְרָן לְכָל הַפָּחוֹת

א בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג. דֶער גָאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטְל, אַ זוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן שְׁלָ"ה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט אִין זַיין צַוָאָה (סוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין, דְּפוּס אַמְשְׁטֶערְדַם) אַז לֶערְנֶען גְמָרָא אִיז אַ חִיוּב פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי לֵייגְן טַלִּית אוּן תְּפִילִין, עַיֵּין שָׁם.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין הֲלָכָה; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכוֹת, "וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ' זָאל מֶען לֶערְנֶען אַן הֲלָכָה, אֲפִילּוּ נִישְׁט כְּסִדְרָן וואוּ מֶען הַאלְט וְכוּ', "כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", וַוייל מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

**בָּעִנְיָן** צִי דוּ זָאלְסְט פַארְלַאנְגֶען פוּן דַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר וְכוּ', נָאכְדֶעם וָואס נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט זִי זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֵייסְט וֶועסְטוּ דָאס טוּן; אִיךְ וֶועל דִיר מַעְתִּיק זַיין אַ שְׁטִיקְל זוֹהַר וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיינְס זֶען דִי פַארְלוּסְטְן וָואס הָאר בְּרֶענְגְט אוּן דִי רְוָוחִים צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען נֶעמְט אַרָאפּ דִי הָאר.

**דֶער** זוֹהַר הַקָדוֹש זָאגְט (נָשֹא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְש, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְתִתְחֲזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען; 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָה', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי; 'וְאִתְּתָא דַאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין בַּיי אִיר אִין שְׁטוּבּ, 'מַאן גָּרִים דָא', וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס". אוּן פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

**וָואס** נָאךְ אִיז דָא צוּצוּלֵייגְן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר.

**בַּיי** עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אַז דִי פְרוֹי זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר, אַזוֹי אַרוּם אִיז נִישְׁטָא

קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ אַז אִיר הָאר וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְזֶען; אַ טֵייל גֵייעֶן מִיט אַ טִיכְל, אַ טֵייל גֵייעֶן מִיט אַ שֵׁייטְל, אָבֶער דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען גֵייט נִישְׁט מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זֶענֶען דָא צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס שֶׁערְן זִיךְ אָפּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם; נִישְׁט נָאר זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, נָאר אַדְרַבָּה, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁטָאלְץ אוּן פְּרַאכְט אַז מֶען פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, אוּן דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ פַאר אוּנְז אִידְן; פוּן וֶועמֶען זָאלְן מִיר זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶער צְנִיעוּת?

**דַיין** דְרִיטֶע שְׁאֵלָה פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט; וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה צִי דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שַׁייְכוּת מִיט אַ מְנֻוָּל, לָאז דִיךְ אָפּ פוּן דֶעם אִישׁ טָמֵא אוּן גֵיי נִישְׁט אַרַיין צוּ יֶענֶעם אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ. וֵויי אִיז פַארְ'ן דוֹר אַז עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְטַמֵא קִינְדֶער וְכוּ' מִיט מַעֲשֵׂי תוֹעֵבָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# שצ

**ווי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אוֹיב מֶען הָאט יוֹצֵא גֶעוֶוען אָדֶער נִישְׁט?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזּוּק יוֹמִי אוּן דִי שִׁיעוּרִים, דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אִין דִי יָארְן אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוֹיב אִיךְ טוּ רִיכְטִיג אָדֶער נִישְׁט, אוֹיב אִיךְ הָאבּ יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אָדֶער נִישְׁט. יֶעדְן טָאג הָאבּ אִיךְ יְסוּרִים ווייל אִיךְ ווייס נִישְׁט אוֹיב דִי תְּפִילִין לִיגְט מִיר אוֹיפְ'ן קָאפּ אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פְרֶעגְן אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אוֹיבּ דִי תְּפִילִין לִיגְט מִיר גוּט אוֹיפְ'ן קָאפּ. בַּיים דַאוֶוענֶען קֶען אִיךְ אַסַאךְ מָאל נִישְׁט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען זַייעֶנְדִיג מְסוּפָּק אוֹיב אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט רִיכְטִיג יֶעדֶעס וָוארְט. אוּן בִּכְלַל בַּיי יֶעדֶע זַאךְ בִּין אִיךְ פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוּן אִיךְ קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט מַחְלִיט זַיין וָואס צוּ טוּן.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה אוּן חִיזּוּק, צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק

מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זַייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וָוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז דִּמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בְּמָה שֶׁעוֹשֶׂה", דָאס וָואס מֶען טְרַאכְט צִי מֶען אִיז יוֹצֵא דִי מִצְוָה וָואס מֶען טוּט - צִי נִישְׁט; מֶען אִיז מְדַקְדֵּק אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרַיין טְרַאכְטְן: 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט יוֹצֵא, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ יָא יוֹצֵא', דָאס אַלֶעס בְּרֶענְגְט דֶערְצוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט: "כִּי בָּשָׂר וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת", אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵמוּת, "וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא וְכוּ'", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט נִישְׁט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוּנְז כַאפְּן אוּן אוֹיפְוַוייזְן אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט טוּן דִי מִצְוֹת, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מֶענְטְשְׁן, "וְלֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", אוּן נִישְׁט פַאר קַיין מַלְאָכִים, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת, עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט

חָכְמוֹת און סְפֵיקוֹת זֶענֶען אַלְץ מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט און לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת, דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט: "וְהוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ מַחְמִיר שׁוּם חֻמְרָא כְּלָל", דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם חוּמְרוֹת; וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וּבֶאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת, אֲפִילּוּ מִי שֶׁיּוֹדֵעַ חָכְמוֹת בֶּאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת צָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲבֹד אֶת ה' בִּתְמִימוּת בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וְזֶה הִיא הַחָכְמָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַחָכְמוֹת, לִבְלִי לִהְיוֹת חָכָם כְּלָל כִּי בֶּאֱמֶת אֵין חָכָם בָּעוֹלָם כְּלָל 'וְאֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ'".

ווִאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אָן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג און אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט דֶעם, עֶר טַאנְצְט זִיךְ אוּנְטֶער בִּשְׁעַת'ן אָנְטוּן דִי תְּפִילִין; בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶען וֶוען עֶר פְּלֶעגְט אָנְטוּן דִי תְּפִילִין, ווִי בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעטַאנְצְן, מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי אֵיינֶער וָואס הָאט יֶעצְט גֶעוואוּנֶען אַ רִיזְן סוּמֶע גֶעלְט.

**דָאס** זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן צִי דִי תְּפִילִין שְׁטֵייט דִיר גְרָאד אוֹיפְ'ן קָאפּ, זֶע אַז דַיין קָאפּ זָאל דִיר שְׁטֵיין גְרָאד; טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה אָנְצוּטוּן תְּפִילִין, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָה צוּ רֶעדְן צוּם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, לָאז אָפּ דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס מַאטֶערְן דִיךְ צִי דוּ הָאסְט יָא גֶעזָאגְט גוּט דִי וֶוערְטֶער צִי נִישְׁט; דֶער עִיקָר טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ קֶענְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## שצא[ז]

**מַיין בָּחוּר בְּרֶעכְט אוּנְטֶער פוּן דְרוּק, וָואס אִיז דִי עֵצָה?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, אוּן פַאר דִי אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן אַייעֶרֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין אִיבֶּער מַיין בָּחוּר, עֶר לֶערְנְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַיין אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער דָאס אִיז נָאר אוּנְטֶער אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פְּרֶעשׁוּר אַז עֶר זָאל הֵייסְן אַ גוּטֶער בָּחוּר אוּן זַיין אַרוֹיפְגֶעקוּקְט אִין יְשִׁיבָה. אֵיין טָאג אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אִינְדֶערְהֵיים אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעוָואלְט נֶעמֶען צוּם דָאקְטֶער הָאט

ז. מֶער אִיבֶּער דֶעם אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב שצה.

עֶר גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְהֶער אִין יְשִׁיבָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען אַ שְׁוַואכֶע צֵייכְן, דָאס אִיז מַמָּשׁ עֶק וֶועלְט וַוייל אַלֶעס אִין יְשִׁיבָה גֵייט לוֹיט וִוי גוּט מֶען קֶען.

לֶעצְטְנְס אִיז עֶר צַאמְגֶעפַאלְן אִין שׁוּל, מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעפִירְט אִין שְׁפִּיטָאל אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען פוּן אַ "פַּאנִיק אַטַאקֶע", עֶס הָאט אִים גֶעכַאפְּט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד צוּ זַיין צְווִישְׁן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן אִין שׁוּל אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶע'חַלֶשְׁ'ט, זַייט דֶעמָאלְט וִויל עֶר מֶער נִישְׁט גֵיין דַאוֶונֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שׁוּל. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶועגְן אִים; יֶעצְט קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוּן אִיךְ וִויל גֵיין דַאוֶונֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שׁוּל.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַרוֹיסְגֶעקוּקְט צוּ זֶען נַחַת פוּן אִים אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מוֹרָא עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן אַ חוֹלֶה נֶפֶשׁ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָואס טוּ אִיךְ? וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט זֶען נַחַת פוּן אִים אוּן פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.**

**ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַאשִׁינֶען; אֲפִילוּ אַ מַאשִׁין קֶען אוֹיךְ אוֹיפְהֶערְן אַרְבֶּעטְן וֶוען מֶען אַרְבֶּעט**

עֶס אִיבֶּער, כָּל שֶׁכֵּן אַ מֶענְטְשׁ - אוֹיבּ מֶען שְׁטְרֶענְגְט עֶס אִיבֶּער הֶערְט עֶס אוֹיף אַרְבֶּעטְן, דֶער מֹחַ קֶען נִישְׁט פַּארְנֶעמֶען וֶוען מֶען דְרוּקְט אוֹיף אִים.

**זָאלְסְט** אִים חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צְווִינְגֶען צוּ גֵיין דַאוְוענֶען אִין אַ שׁוּל וואוּ עֶר הָאט פְּחָדִים; עֶנְדֶערְשׁ זָאל עֶר דַאוְוענֶען אֲפִילוּ בִּיְחִידוּת ווילַאנְג עֶר וֶועט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דִי פְּחָדִים.

**רֶעד** מִיט אִים נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וַוייל אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אָנְגֶעצוֹיגֶנְקֵייט, פְּחָדִים, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז: "מְמַלֵא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל" - דַאן לֶעבְּט עֶר אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן.

**אֱמוּנָה** שְׁטַארְקְט דִי נֶערְוְון, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ; אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מֵיינְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן סְתָם אַזוֹי אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן אוּן עֶס אִיז דָא טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֵדֶר, וָואס פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי וָואס לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוְון אִיז נָאר "אֱמוּנָה".

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער נָאר פוּן אֱמוּנָה; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת בִּיז עֶס וֶועט אַרַיינְגֶעבַּאקְן וֶוערְן אִין זֵייעֶר הַארְץ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק פַאלְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן מַחֲלוֹת בְּלוֹיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן נֶעבֶּעךְ, זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּייניגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

**זָאג** נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט דוּ וֶועסְט הָאבְּן נַחַת וְכוּ' אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ מוֹרָא אַז עֶר וֶועט וֶוערְן אַ חוֹלֶה

נֶפֶשׁ, ווייל אַז דוּ וֶועסְט אִים נִישְׁט דְרוּקְן אוּן דוּ וֶועסְט אִים שְׁטֶענְדִיג נָאר אוֹיפְהֵייבְּן וֶועט עֶר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. אַז עֶר אִיז נִישְׁט גְרֵייט צוּ גֵיין צְווִישְׁן אַן עוֹלָם זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט אִיבֶּער רֶעדְן עֶר זָאל יָא גֵיין, אוּן אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִים מִיט אַ זִיכֶערְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זֶען וָואס פַאר אַ נִיסִים וֶועט גֶעשֶׁען מִיט אִים.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים, פַאר אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן אַז אַלֶע זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ - דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ זֶען פוּן זֵיי נַחַת.

**עֶס** אִיז גֶעוֶועֶן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶועֶן מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶועֶן אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

**שְׁטַארְק** זִיךְ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז דַיין זוּן וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין צָרָה.

# שצב

## זָאל אִיךְ מְחַזֵק זַיין מַיין מַאן צוּ לֶערְנֶען בַּיינַאכְט?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל זִיךְ קוֹדֶם בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז פָּשׁוּט מְחַיֶה נְפָשׁוֹת.

אִיךְ בִּין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מַיין מַאן הָאט בָּרוּךְ הַשֵׁם אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ תּוֹרָה, עֶר לֶערְנְט כִּמְעַט אַ גַאנְצְן טָאג אִין כּוֹלֵל אוּן עֶר לֶערְנְט אוֹיךְ אִין אַ כּוֹלֵל אִינְמִיטְן דִי נַאכְט נָאךְ חֲצוֹת. אַסַאךְ מָאל אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערפְרִי, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב אִיךְ דַארְף אִים מְחַזֵק זַיין אוֹיף דֶעם.

אִיךְ הָאב אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אִין אַ פַארְמִיטָאג כּוֹלֵל, עֶר טַעְנָה'ט אָבֶּער אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען בַּיינַאכְט וֶוען עֶס אִיז רוּאִיג אוּן שְׁטִיל, לְמַעֲשֶׂה קוּמְט אָבֶּער אוֹיס אַז עֶר אִיז זֵייעֶר מִיד בַּייטָאג. צוּ שִׂמְחוֹת גֵייט עֶר כִּמְעַט נִישְׁט ווַייל עֶר דַארְף אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, אוּן אוֹיב גֵייט עֶר יָא צוּ אַ שִׂמְחָה בְּלַייבְּט עֶר שׁוֹין אוֹיף נָאכְדֶעם דִי גַאנְצֶע נַאכְט ווַייל עֶר ווִיל נִישְׁט פַארְפַאסְן כּוֹלֵל.

זָאל אִיךְ אִים מְחַזֵק זַיין אָנְצוּהַאלְטְן דִי נַאכְט כּוֹלֵל, אָדֶער אִים פְּרוּבִּירְן אָפְּצוּרֶעדְן דֶערְפוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

איך הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וואוֹיל** איז אַייךְ אַז איר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ הָאבְּן אַ מַאן וָואס לֶערְנְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁבוּעוֹת ל:): "אֵשֶׁת חָבֵר הֲרֵי הִיא כְּחָבֵר", מֶען דַארְף גֶעבְּן כָּבוֹד פַאר דִי וַוייבּ פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם; וַוייל אִין אִיר זְכוּת קֶען עֶר לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "אֲמַר לֵיהּ רַב לְרַבִּי חִיָּיא: נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן", רַב הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִיָּיא, אוֹיף וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן שְׂכַר, זֵיי הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט דִי מִצְוָה פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְהוּ לְבֵי כְּנִשְׁתָּא וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנַן, וְנָטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנַן", פַאר'ן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן פַאר'ן אָפְּוַוארְטְן דִי מֶענֶער בַּיים אַהֵיים קוּמֶען פוּן כּוֹלֵל וואוּ זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה - אוֹיף דֶעם וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען שְׂכַר.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְט אִיר אִים וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וֶוען עֶר וֶועט זֶען ווִי אִיר שֶׁעצְט אִים אוּן אִיר הַאלְט אִים חָשׁוּב וֶועט דָאס בְּרֶענְגֶען עֶר זָאל

לֶערְנֶען נָאךְ מֶער פְלַייסִיג. ווייל דִי מֶערְסְטֶע חִיזוּק בַּאקוּמְט מֶען פוּן דִי ווייב; אַז אַ ווייב קוּקְט אַרוֹיף אִיר מַאן מִיט זַיין לֶערְנֶען אוּן זַיין אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען פְלַייסִיג, וֶועט דֶער מַאן הָאבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דָאס גֶעבְּט כֹּחַ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען.

**דֶערִיבֶּער** אַז עֶר וויל לֶערְנֶען בַּיינַאכְט זָאלְט אִיר אִים נָאר מְחַזֵק זַיין אוּן שֶׁעצְן, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

## שצג׳

### זָאל מֶען אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה וֶועלְכֶע פִירְן זִיךְ נִישְׁט ווִי מֶען דַארְף?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק אוּן שִׁיעוּרִים וָואס הֶעלְפְן אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיס אִין לֶעבְּן.

אִיךְ מִיט מַיין מַאן לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט, מִיט אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר, ווִי אוֹיךְ הָאבְּן מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיט דִי קִינְדֶער,

ז. מֶער אִיבֶּער דֶעם אִינְעֶם פָאלְגְנְדְן בְּרִיוו - מִכְתָּב שצד.

מִיר פִירְן אַן עֶרְלִיכֶע און פְרוּמֶע לֶעבְּן, און מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין וואויל און עֶרְלִיךְ אויפְ'ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם.

מַיין שְׁוֶוער פִירְט אָבֶּער אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּנְסְשְׁטֵייגֶער, עֶר קוּמְט אַסַאךְ מָאל צוּ אוּנְז אויף שַׁבָּתִים און דָא הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זֶען אִינֶעם זֵיידְן אַ בֵּיישְׁפִּיל ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אויפְפִירְן. לְמָשָׁל עֶר הָאט אַ סְמַארְטְפָאוּן מִיט אָפֶענֶע אִינְטֶערְנֶעט און אַסַאךְ מָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת ווִיל עֶר בַּאשְׁטֶעלְן מַתָּנוֹת פַאר דִי קִינְדֶער פוּן זַיין טֶעלֶעפָאן, עֶר ווַייזְט פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אויסְקְלַויבְּן דָארְט וָואס זֵיי ווִילְן און דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי. אַזוֹי אִיז דָא נָאךְ זַאכְן ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ, וָואס אִיךְ ווִיל נִישְׁט דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס זֶען און זִיכֶער נִישְׁט נָאכְמַאכְן חַס וְשָׁלוֹם.

מַיין מַאן פַארְשְׁטֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט, עֶר אִיז מוֹדֶה אַז דָאס קֶען שָׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה מוּז עֶר זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר זַיין טַאטֶע און דָאס בְּרֶענְגְט אויךְ צוּ שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען.

ווִי אויךְ הָאט מַיין שְׁוֶוער חֵשֶׁק צוּ מַאכְן אַ שַׁבַּתּוֹן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דָאס ווִיל אִיךְ אויךְ זֵייעֶר נִישְׁט, דִי מִשְׁפָּחָה פִירְן אויךְ אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, מִיט אָפֶענֶע אִינְטֶערְנֶעט וְכַדוֹמֶה; אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ גֵיין צוּ אַזַא שַׁבַּתּוֹן וָואס דָאס קֶען גַאנְץ זִיכֶער שָׁאטְן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין. פוּן מַיין זַייט וָואלְט אִיךְ שׁוֹין לַאנְג שְׁוַואכֶער גֶעמַאכְט דֶעם קֶשֶׁר פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּבּ מִיט מַיין שְׁוֶוער; בִּין אִיךְ מְחוּיָב שְׁוַואכֶער צוּ מַאכְן דִי עֶרְלִיכְקֵייט און תְּמִימוּת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער לְכָבוֹד אַ זֵיידֶע? מוּז מֶען הַאלְטְן קֶשֶׁר צוּ דִי מוּמֶעס, פֶעטֶערְס און קָאזִינְס וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט קֵיין מוֹרֶה דֶרֶךְ און פִירְן זִיךְ נִישְׁט אויף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, אַ פַארְוֵוייטָאגְטֶע מַאמֶע

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה מִיט אַייעֶר מַאן אוּן אִיר צִיט אוֹיף אַייעֶרע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, אִיר בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַייעֶר שְׁטוּב קַיין שׁוּם כֵּלִי וָואס הָאט שַׁיְיכוּת מִיט דִי גַּאס (אִינְטֶערְנֶעט). דָאס אִיז דִי וֶועג זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ בְּלוּמֶען; פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי בְּלוּמֶען דַארְף מֶען בַּאוואַסֶערְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי זָאלְן וַואקְסְן שֵׁיין, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, כְּדֵי זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן רֵיין אוּן הֵיילִיג.

מִיר לֶעבְּן הַיינְט אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע פְּרוּבִּירְט צוּ רַייסְן שְׁטִיקֶער פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן עֶס פַאלְן לֵיידֶער אַוֶועק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטוּבּ אוּן לִיבּ הָאבְּן טַאטֶע מַאמֶע, דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים.

**לִיבְּשַׁאפְט** אִיז דִי פוּנְדַאמֶענְט פוּן אַ שְׁטוּב; קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּב, פוּן אַ שְׁטוּב וואו דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אוּן זֶענֶען זִיךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְווייטְן - וֶועלְן אֵייבִּיג צִיעֶן צוּ בְּלַייבְּן אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אוֹיבּ קְרִיגְן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן דִי קִינְדֶער פְרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער אַוֶועק לוֹיפְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

**דֶערְפַאר** אַז אִיר זוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן פֶּעטֶערְס, מוּמֶעס אוּן קָאזִינְס וָואס לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן וִוי אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן, אִיז דִי עֵצָה אַז אִין אַייעֶר שְׁטוּב זָאלְט אִיר זֶען עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט אוּן אַן אַיינְגֶענֶעמֶע אַטְמָאסְפֶער, דַאן וֶועלְן דִי קִינְדֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶועלְן טוֹישְׁן אוּן אָפְּלָאזְן דָאס וָואס מֶען הָאט מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט. אָבֶּער אוֹיבּ אִין שְׁטוּב וֶועט זַיין אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶער אַטְמָאסְפֶער דַאן וֶועלְן זֵיי אֵייבִּיג וֶועלְן לוֹיפְן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶעלְן אַהֶער אַ פְרֵיילִיכְן פָּנִים.

**מֶען** קֶען נִישְׁט אָפְּהַאקְן מִיט מִשְׁפָּחָה - בִּפְרַט מִיט זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע, אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט - אִין גֶעגֶנְוַוארְט פוּן דִי קִינְדֶער - אַוֶועק מַאכְן דִי עֶלְטֶערְן, זֵיידֶע, בַּאבֶּע וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן וִוי מֶען מַאכְט אַוֶועק אַ שְׁוֶוער, שְׁווִיגֶער, טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע - נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת אוּן נִישְׁט בְּרוּחָנִיוּת.

**דִי** אַלֶע וָואס זֶענֶען מְחַנֵּךְ קִינְדֶער קֶענֶען סְמַארְטְפָאוֹנְס דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט, כְּדֵי דִי קִינְדֶער

זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעמִישְׁט וֶוען זֵיי הֶערְן: ״וֶוער עֶס הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז אַ שֵׁגֶץ״, וַוייל וָואס דַארְף עֶר טְרַאכְטְן אוֹיף זַיינֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ׳...?

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער בְּאוֹפֶן כְּלָלִי: ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן וָואס אִיז אָפְּן צוּ דִי גַאס (אִינְטֶערְנֶעט), אוּן אוֹיבּ מֶען דַארְף דָאס הָאבְּן פַּאר בִּיזְנֶעס זָאל מֶען פְרֶעגְן אַ רָב. קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים וָואס אַרְבֶּעטְן נִישְׁט - פַּאר זֵיי אִיז עֶס זִיכֶער נִישְׁט גוּט אוּן עֶס בְּרֶענְגְט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, וַוייל אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן לַיידְט מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת.

וֶוען מֶען רֶעדְט קֶעגְן סְמַארְטְפָאוֹנְס דַארְף מֶען אַרָאפּ רַייסְן דִי זַאךְ, נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דָאס.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ אוֹיף הֲלָכוֹת, אוּן זֵיי פְרֶעגְן: ״טַאטִי טוּט אַזוֹי?״ ״זֵיידִי טוּט אַזוֹי?״ דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר קְלוּג אוּן שַׁארְף צוּ קֶענֶען מַסְבִּיר זַיין פַּארְ׳ן קִינְד אוֹיף אַ וֶועג אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעמִישְׁט.

לְגַבֵּי אַוֶועק פָארְן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוֹיף אַ שַׁבָּת אִין אַ הָאטֶעל וְכוּ׳; הַלְוַואי וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם צֶעדְרֵייטְן מִנְהָג. עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דֶעם קַיין שׁוּם גוּטְס אוּן מֶען קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים מִיט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן דָארְט; אוֹיבּ קֶען מֶען זִיךְ שֵׁיינֶערְהֵייט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט תֵּירוּצִים אַז עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן אַ רִיס חַס וְשָׁלוֹם אִין דִי מִשְׁפָּחָה - אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן שֵׂכֶל אִיר זָאלְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי טְרָאפְּן; פוּן אֵיין זַייט נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵויי טוּן אַייעֶר מַאן צוּ רֶעדְן קֶעגְן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט צוּ קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער וָואס זָאלְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין צַדִיקִים; זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז מֶען מוּז הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִין לֶעבְּן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר וֶועלְט.

**דֶעם** שֵׂכֶל קֶען מֶען נָאר בַּאקוּמֶען אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שֵׂכֶל קֶען מֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, שֵׂכֶל בַּאקוּמְט מֶען אַז מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אַז "שֵׂכֶל" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "שִׁ'פְכִי כַ'מַּיִם לִ'בֵּךְ"; אַז מֶען ווִיל הָאבְּן שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן סַיי מִיט זִיךְ אַלֵיין אוּן כָּל שֶׁכֵּן מִיט אַ מַאן, דַארְף מֶען טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אֵיכָה ב, יט): "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ, נֹכַח פְּנֵי ה'" - זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט אַ מַאן, אוּן ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שצד

## ווי אַזוֹי צִיט מֶען אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער ווען זֵיי זֶעעֶן בַּיי דִי אַרוּמִיגֶע מִשְׁפָּחָה פַּארְקֶערְט?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַייֶער עֶנְטְפֶער[ח] ווי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין ווען דֶער זֵיידֶע פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר הָאט אָפֶענֶע אִינְטֶערְנֶעט אוֹיף זַיין טֶעלֶעפָאן, און נָאךְ זַאכְן; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער, לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען מִיר אָבֶּער נָאכְאַלְץ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן קְלָאר וָואס מִיר דַארְפְן טוּן.

מִיר שְׁפִּירְן אַז מִיט דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען מְכַבֵּד דֶעם זֵיידְן און מִיר רֶעדְן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם קֶעגְן אִים אִין פָּארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער וֶועט דָאס מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אִים וועלְן נָאכְמַאכְן און נָאכְטוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע ווֶעגְן. ווי אַזוֹי קֶען מֶען גֵיין צְווִישְׁן דִי טְרָאפְּן - פוּן אֵיין זַייט צוּ מְכַבֵּד זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם אִין דִי מִשְׁפָּחָה און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זִיכֶער מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט וועלְן אוֹיפְפִירְן אַזוֹי ווי זֵיי, ווען זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט ווי מֶען דַארְף?

און אוֹיךְ ווֶעגְן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיי אַ שַׁבַּתּוֹן פוּן דִי פַאמִילְיֶע, ווען מֶען גֵייט זִיךְ טְרֶעפְן מִיט דִי קְרוֹבִים וָואס מִיר ווילְן נִישְׁט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְקוּקְן ווי זֵיי; מִיר ווילְן וויסְן אַ קְלָארֶע הַדְרָכָה, צִי מִיר זָאלְן אַהִין גֵיין אָדֶער נִישְׁט.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, און מִיר הָאפְן אַז אִיר וֶועט נֶעמֶען דִי צַייט אוּנְז אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן און אוּנְז לֶערְנֶען דֶעם רִיכְטִיגְן ווֶעג וָואס צוּ טוּן.

ח. דֶער בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ צוּם פְרִיעֶרְדִיגְן בְּרִיוו - מִכְתָּב שצג.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**הָגַם** אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף אַייעֶרע פְּרַאגֶעס אִינֶעם פְּרִיעֶרְדִיגְן תְּשׁוּבָה וואוּ אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַ קְלָארֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן וְכוּ' - אַזוֹי וִוי אִיר וֶועט זֶען בַּיים אִיבֶּערְלֵיינֶען דִי תְּשׁוּבָה אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס מוֹסִיף צוּ זַיין אִין דֶעם עִנְיָן, דָאךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ נָאכְאַמָאל שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת. וַוייל דֶער עִנְיָן אִיז נוֹגֵעַ פַאר זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת; זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט הָאבְּן דִי פְּרַאגֶע וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן בַּיי דִי אַרוּמִיגֶע מִשְׁפָּחָה פַארְקֶערְט וִוי מֶען לֶערְנְט זֵיי.

דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה פַאר עֶלְטֶערְן אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת - אִיז תְּפִלָּה. מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן אַ אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם; זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן תְּהִלִּים אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן

תְּהִלִים און וויינֶען צום אייבֶּערשְׁטְן וֶועסְטוּ אויך זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; אַז עֶלְטֶערְן נֶעמֶען אַרָאפּ אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג צוּ מִתְפַּלֵל זַיין צום אייבֶּערשְׁטְן אויף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער און קִינְדְ'ס קִינְדֶער.

**צְוֵוייטְנְס**, דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס עֶלְטֶערְן קֶענֶען גֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִיז זֵיי וַוייזְן וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט מִיט אַהֲבָה און כָּבוֹד אֵיינֶער צום צְוֵוייטְן; וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן וִוי טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, זֵיי רֶעדְן שֵׁיין צְווִישְׁן זִיךְ און קֵיינֶער גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן - דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס מֶען קֶען זֵיי גֶעבְּן, דָאס גֶעבְּט זֵיי מֹחַ, דָאס מַאכְט זֵיי זָאלְן וַואקְסְן און זִיךְ עֶרְגֶערְן גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, און בְּלַייבְּן אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

**דָאס** אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע יְסוֹד בַּיים בּוֹיעֶן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, ווַייל אֵיינְמָאל עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן - דֶעמָאלְט קֶען מֶען גֵיין אַ טְרִיט וַוייטֶער, מֶען קֶען נָאכְדֶעם פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ - אִיז נִישְׁט דָא קַיין כֵּלִי, און אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין כֵּלִי אִיז אַ שָׁאד אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי.

**קִינְדֶער** וָואס הָאבְּן אַ וַוארֶעמֶע הֵיים און וַוארֶעמֶע עֶלְטֶערְן - וַואקְסְן גֶעזוּנְט; דֶער עִיקָר פוּן אַ קִינְד אִיז זַיין הֵיים און זַיינֶע עֶלְטֶערְן. קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן מִיט וִוי זֵייעֶרֶע

עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן בְּלַייבְּן מִיט אַ וואוּנְד; קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ וְכוּ', דִי עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן אוּן שֶׁעלְטְן וְכוּ' - בְּלַייבְּן מִיט וואוּנְדְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער תּוֹרָה; בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן וָואס אִיךְ הָאבּ דִי יְשִׁיבָה וְכוּ' הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן גוּטֶע שְׁטוּבֶּער - גוּטֶע שְׁטוּבֶּער מֵיין אִיךְ צוּ זָאגְן גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבֶּער, וואוּ דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן - מִיט אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער אִיז גְרִינְג צוּ אַרְבֶּעטְן, וַוייל זֵייעֶר מֹחַ בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִיז גֶעזוּנְט, אָבֶער קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס דֶער שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ - דָאס אִיז שׁוֹין אַ צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה; זֵיי וַואקְסְן אוֹיף צֶעקְלַאפְּט אוּן פַארְמַאכְט אוּן זֵיי דֶערְקֵייקְלֶען זִיךְ בִּיז זֵיי זוּכְן זִיךְ שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים אוּן נֶעמֶען דְרָאגְס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**אַוַודַאי** וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַלְץ וֶועלְן נָאכְמַאכְן מִשְׁפָּחָה, שְׁכֵנִים, חֲבֵרִים אוּן חַבֶר'טֶעס וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זַיין שְׁטַארְק מִיט וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן; עֶלְטֶערְן טָארְן נִישְׁט שְׁפִּירְן בַּיי זִיךְ שׁוּלְד גֶעפִילְן וֶוען מֶען זָאגְט 'נֵיין' פַאר דִי קִינְדֶער, וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת: "פַארְוָואס זֵיי מֶעגְן אוּן מִיר טָארְן נִישְׁט?" "פַארְוָואס דִי שְׁכֵנִים שְׁפִּילְן מִיט דִי סָארְט שְׁפִּילְן אוּן מִיר

מֶענְן נִישְׁט?" "פַארְוָואס דִי קָאזִינְס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אוּן מִיר טָארְן נִישְׁט?" עֶס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל פַאר קִינְדֶער אַזוֹי צוּ רֶעדְן; קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, דִי אוֹיפְגַאבֶּע פוּן דִי עֶלְטֶערְן אִיז צוּ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶרע פְּרִינְצִיפְּן אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער רוּאִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "מִיר הָאבְּן אַ וֶועג וַוייזֶער; אַ רַב, רֶבִּי, דַיְין - וָואס לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; אֵיינֶער עֶסְט דֶעם הֶכְשֵׁר, אַ צְווייטֶער אִיז מַקְפִּיד אוֹיף אַ בֶּעסֶערֶע הֶכְשֵׁר; אוּנְזֶער רֶבִּי, אוּנְזֶער מוֹרֶה דֶרֶךְ זָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט דִי סָארְט שְׁפִּיל". אַזוֹי אוֹיךְ לְגַבֵּי וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן: "מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי, מִיר גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מֶער אֵיידְל, מֶער בַּאשֵׁיידְן"; אַז מֶען רֶעדְט אַזוֹי צוּ דִי קִינְדֶער, וֶוען זֵיי גֵייעֶן אוֹיפְוַואקְסְן וֶועלְן זֵיי זִיךְ הַאלְטְן צוּ דִי וֶועג לוֹיט וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵיי מְחַנֵךְ גֶעוֶוען.

**אוֹיבּ** עֶס אִיז נִישְׁטָא אִין שְׁטוּב קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, דָאס הֵייסְט טַאטֶע מַאמֶע קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם, מֶען שְׁרֵייט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְווייטְן; אָדֶער טַאטֶע מַאמֶע קְלַאפְּן אַרָאפּ דִי קִינְדֶער, מֶען זוּכְט נָאר זֵיי אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן: "דוּ טוֹיגְסְט נִישְׁט", "דוּ בִּיסְט נִישְׁט", "דוּ בַּטְלָן", "דוּ שְׁלִימַזָל", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער זוּכְן אַ וֶועג פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי וֶועלְן דָאס מַלְבִּישׁ זַיין אִין דֶעם וָואס מֶען לָאזְט גָארְנִישְׁט טוּן, זֵיי וֶועלְן וַוייזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה אַרוּם אוּן וואוּ מֶען אִיז יָא עֶרְלוֹיבְּט צוּ שְׁפִּילְן מִיט אַלֶע סָארְט שְׁפִּילְן, גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַלֶעם

און עֶסְן אַלֶעס וָואס גְלוּסְט זִיךְ, כְּאִילוּ דָאס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער בֶּאֱמֶת הָאט דָאס נִישְׁט צוּ טוּן מִיט דֶעם.

**נָאכְאַמָאל** לְגַבֵּי אַייעֶר שְׁוָוער וְכוּ'; וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן ווִי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן מִיט שֶׁעצוּנְג אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶער אוֹיב קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דֶעם גֶעפִיל אַז זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן שֶׁעצְן נִישְׁט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן דַאן וֶוערְן זֵיי צֶעמִישְׁט און דֶעמָאלְט הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**לְגַבֵּי** גֵיין אוֹיף שַׁבַּתוֹן'ס וְכוּ'; עֶס זֶענֶען פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי נִישְׁט צוּ גֵיין, אֵיינֶער גֵייט נִישְׁט און מַאכְט זִיכֶער אַז יֶעדֶער וֵויסְט אַז עֶר גֵייט נִישְׁט און פַארְוָואס עֶר גֵייט נִישְׁט וְכוּ', אַ צְוֵוייטֶער גֵייט נִישְׁט אָבֶער עֶר מַאכְט זִיכֶער נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קֵיינֶעם, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס מִיט כָּל מִינֵי תֵּירוּצִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט מִיט אַייעֶר מַאן אִינְאֵיינֶעם.

# שצה

## שוּלְד גֶעפִילְן אִיבֶּער חִינוּךְ; אָפְּלָאזְן אַלְטֶע שִׁיעוּרִים אוּן גֵיין צוּם דֶרֶךְ הַלִימוּד?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כֹּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר עֶנְטְפֶער[ט] אִיבֶּער מַיין זוּן וָואס בְּרֶעכְט אוּנְטֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע דְרוּק צוּ זַיין דֶער בֶּעסְטֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה אוּן בַּאקוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע צֵייכֶענוּנְגֶען, בִּיז עֶס הָאט אִים שׁוֹין צוּגֶעטְרָאטְן צוּם גֶעזוּנְט.

א. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ שְׁפִּיר אַ שְׁטַארְקֶע שׁוּלְד גֶעפִיל וֶועגְן דֶעם, אֶפְשַׁר הָאבּ אִיךְ גֶעלֵייגְט צוּפִיל דְרוּק אוֹיף אִים, אֶפְשַׁר זָאל אִיךְ זִיךְ פָארְנֶעמֶען עֶפֶּעס אַ גוּטֶע קַבָּלָה זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן?

ב. אִיךְ בִּין עוֹסֵק עַל הַמִחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה, אִיךְ אַרְבֶּעט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּבּ אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם שִׁיעוּרִים קְבוּעִים יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, מַיין שְׁאֵלָה אִיז, אַזוֹי וִוי אִיךְ הֶער בַּיי אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אִיבֶּער דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיינֶע בִּיז יֶעצְטִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד?

ג. וִוי אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן הָאט מַיין זוּן אַ פַּחַד צוּ דַאוֶוענֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שׁוּל מִיט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, עֶר וִויל דַאוֶוענֶען נָאר אִין אַ קְלֶענֶערֶע שׁוּל, מֶעג עֶר זָאגְן אַ לִיגְנְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים אִיבֶּער וואוּ עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט?

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן דַאנְק אוֹיף אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

---

ט. דֶער בְּרִיוו אִיז אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ מִכְתָּב שצא, אִין דֶעם חֵלֶק.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.**

**א.** דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל אוֹיף וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר וְכוּ', אוּן דוּ פְּרֶעגְסְט וָואס פַאר אַ קַבָּלָה טוֹבָה דוּ קֶענְסְט מְקַבֵּל זַיין אוֹיף דִיר כְּדֵי זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן.

**וַויסְן** זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער כְּדֵי צוּ הָאבְּן כָּבוֹד פוּן זֵיי; עֶלְטֶערְן וָואס פַארְלַאנְגֶען פוּן זֵייעֶרע קִינְדֶער צוּ זַיין דַוְקָא דֶער 'אוֹיסְגֶעצֵייכְנְסְטֶער' פוּן כִּתָּה, דֶער 'בֶּעסְטֶער' פוּן כִּתָּה, אָדֶער דֶער 'גֶעלוּנְגֶענְסְטֶער' - אַלֶעס פַאר כָּבוֹד, וֶועלְן זֵייעֶרע קִינְדֶער בַּיים סוֹף אַלֶעס אָפְּלָאזְן אָדֶער מְשׁוּגָע וֶוערְן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כב, ו): "חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ, גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה"; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער "עַל פִּי דַרְכּוֹ", נִישְׁט אַרוֹיף לֵייגְן צוּ סַאךְ אוֹיף זֵיי, נָאר לוֹיט זֵייעֶר וֶועג וְכוּ'.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן פַאר אַ צְוֵויטְן אוּן זֵייעֶר גַאנְצֶער מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן: 'וָואס וֶועט יֶענֶער טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר? וָואס וֶועט דֶער זָאגְן אוֹיף מִיר?' וַוייל בֶּאֱמֶת דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵויטֶער זָאגְט אוּן טְרַאכְט אוֹיף אִים.

אַזוֹי איז אויך לְגַבֵּי די קִינְדֶער; מֶען דאַרְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער צו דאַוֶועְנֶען און לֶערְנֶען וַוייל דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַזוֹי גֶעהֵייסְן, נִישְׁט פַאר מֶענְטְשְׁן - אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זֶען ווִי מִיר הָאבְּן די בֶּעסְטֶע קִינְדֶער וְכוּ'; אָךְ און וֵוי אויבּ מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער פַאר גַּאֲוָה און כָּבוֹד, וַוייל וֶוען די קִינְדֶער וואקְסְן אויף לָאזְן זֵיי אַלֶעס אָפּ, שְׁפִּירְנְדִיג אַז דָאס אִיז פַאלְשׁ און מֶען טוּט אַלֶעס נָאר כְּדֵי צו גֶעפֶעלְן פַאר אַ צְוֵוייטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן די פָאלְגְנְדֶע מַעֲשֶׂה: מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט פֶּסַח בַּיינַאכְט ווִי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד וֵויינְט בַּיי די וֶוערְטֶער: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?" עֶר הָאט עֶס אִיבֶּער גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל און פַארְלָאזְט דֶערְבֵּיי זִידִיגֶע טְרֶערְן, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָא צו וֵויינֶען בַּיי די וֶוערְטֶער?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ זֶע פָּשׁוּט אִין די הַגָּדָה אַז דֶער חָכָם זָאגְט עֶפֶּעס און דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער חָכָם זָאגְט אויף מִיר און וָואס דֶער רָשָׁע הַאלְט פוּן מִיר, אֵיין זַאךְ גֵייט מִיר אָבֶּער יָא אָן: 'תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר'? [עֶר וַוייזְט מִיטְ'ן פִינְגֶער אַרוֹיף אויבְן], וָואס זָאגְט מֶען אויף מִיר אויבְן אִין הִימְל (אויף רוּסִישׁ זָאגְט מֶען 'דָארְט' - תָּם); דֶער הַאלְט פוּן מִיר, דֶער צְוֵוייטֶער הַאלְט נִישְׁט פוּן מִיר, אֵיינֶער זָאגְט אִיךְ בִּין אַ בַּטְלָן, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל, אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הַאלְסְטוּ פוּן מִיר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וַוייז מִיר אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט, וַוייז מִיר אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט גָארְנִישְׁט - נָאר טוּן דַיין ווִילְן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין טָאכְטֶער
אָדְל אִיבֶּער אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעדַאוֶועןְט יָארְן לַאנְג מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת פַאר אַ קַאץ; עֶר פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען אִין אַ צִימֶער אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי גֶערוּדֶער פוּן אַ קַאץ אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז דָאס קוּמְט פוּן דִי חֲסִידִים וָואס שְׁטוּפְּן זִיךְ בַּיים טִיר צוּ קֶענֶען אַרַיינְקוּקְן זֶען וִוי אַזוֹי עֶר דַאוֶונְט, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער אַיינְוִויקְלֶען אִין זַיין טַלִית אוּן דַאוֶוענֶען מִיט הִתְלַהֲבוּת פַאר דִי וָואס קוּקְן אַרַיין אִין פֶענְסְטֶער, בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דֶער גְרוּדֶער גֶעקוּמֶען פוּן אַ קַאץ... אַ שָׁכֵן פְלֶעגְט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַ טֶעפְּל מִילְךְ אוּן דֶער קַאץ פְלֶעגְט אַרוּם שְׁפְּרִינְגֶען דָארְט אִין חָצֵר בַּיים טְרִינְקֶען דִי מִילְךְ אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעקוּמֶען דִי רַעַשׁ, קוּמְט אוֹיס אַז דִי אַלֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעדַאוֶונְט פַאר אַ קַאץ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**ב.** בְּנוֹגֵעַ וָואס צוּ לֶערְנֶען; לָאז נִישְׁט אָפּ דַיינֶע אַלְטֶע שִׁיעוּרִים, בְּלַייבּ מִיט דַיינֶע חַבְרוּתוֹת אוּן זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפח): "אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אַז מֶען זָאגְט, אִיז אַזוֹי וִוי אַ פָּאנְטְשׁ"; פוּנְקְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט מִיט זִיךְ מִיט טְרִינְקֶען ווּאוּ עֶר גֵייט, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט ווערְן דָארְשְׁטִיג זָאל עֶר הָאבְּן עֶפֶּעס צוּ טְרִינְקֶען, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים כְּדֵי צוּ גֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען פַאר זַיין נְשָׁמָה.

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אַזוֹי אַרוּם פְלֶעגְט עֶר עֶנְדִיגְן דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר תְּהִלִּים יֶעדֶע וָואךְ,

און אַזוֹי פִירְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִים; הָרַב הַקָדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ אִין סֵפֶר וַיוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמָר יִשׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ) אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי אַלֶע עֶרְלִיכֶע פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִים יֶעדְן טָאג.

ג. בְּנוֹגֵעַ וָואס מֶען זָאל זָאגְן פַאר מֶענְטְשְׁן וְכוּ'; דוּ דַארְפְסְט פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן וואוּ עֶר דַאוֶוענְט, און דוּ דַארְפְסְט בִּכְלַל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט מֶענְטְשְׁן - וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן טְרַאכְטְן און וָואס מֶען וֶועט זָאגְן; אַז דַיין זוּן אִיז נִישְׁט גְרֵייט צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַן עוֹלָם זָאלְסְטוּ אִים אָפְּלָאזְן, זָאל עֶר דַאוֶוענֶען וואוּ עֶר אִיז בַּאקְוֶועם.

זֶע אַז דַיין זוּן זָאל זִיךְ עֶרְהוֹילְן און צוּרִיק קוּמֶען צוּ זַיינֶע כּוֹחוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן פד): "תִּקוּן הַגוּף, קֹדֶם תִּקוּן הַנֶפֶשׁ", קוֹדֶם דַארְף דֶער גוּף זַיין גֶעזוּנְט און מְסוּדָר, נָאכְדֶעם זָארְגְט מֶען אוֹיפְ'ן נֶפֶשׁ; מֶען דַארְף עֶרְשְׁט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן גוּף, עֶס זָאל זַיין רוּאִיג און נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, נָאכְדֶעם דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן נֶפֶשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין כֶּתֶר שֵׁם טוֹב, סִימָן רלא): "אַ קְלֵיינֶע לָאךְ אִינֶעם גוּף אִיז אַ גְרוֹיסֶער לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה".

**וָוען** דֶער יֵצֶר הָרָע זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָועם עֶר קֶען נִישְׁט בַּייקוּמֶען, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, דַאן קוּמְט עֶר צוּ אִים וִוי אַ פְּרוּמֶער, עֶר מַאכְט אִים שְׁפִּירְן אַז עֶר טוּט נִישְׁט גֶענוּג, עֶר פַארְדְרֵיידְט אִים דֶעם קָאפּ עֶר זָאל פַאסְטְן אוּן טוּן סִיגוּפִים וְכוּ' וְכוּ'; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דֶעם, פַאלְט עֶר אַרָאפּ אוּן וֶוערְט זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, עֶר בְּלַייבְּט לִיגְן אִין בֶּעט אָן כֹּחַ, עֶר קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען - אַזוֹי הָאט עֶר גֶעכַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ עֶסְן צוּ דֶער זֶעט אוּן שְׁלָאפְן גֶענוּג - וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ וִויפִיל שָׁעָה עֶר דַארְף שְׁלָאפְן וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ. אוּן אַז מֶען אִיז אוּסְגֶערוּט קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט אַסַאךְ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה גֶעבְּן דְרָשׁוֹת פַאר דִי בָּחוּרִים; פְּלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן עֶסְן אַסַאךְ. אַ בָּחוּר דַארְף עֶסְן צוּ דֶער זֶעט אוּן נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט סִיגוּפִים, נָאר דֶער עִיקָר זָאל מֶען אוּסְנוּצְן דִי צַייט רִיכְטִיג.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער.

# שצו

## תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז אוֹיךְ פַאר פְּרוֹיעֶן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיווּ. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס זָאגְן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" אִיז נָאר פַאר מֶענֶער, אָדֶער אִיז עֶס אוֹיךְ פַאר פְּרוֹיעֶן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי"; דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם - סֵיי פַאר מֶענֶער אוּן סֵיי פַאר פְּרוֹיעֶן - אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת בִּכְלָלִיּוּת. יֶעדֶע עֲבֵירָה הָאט זַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע תִּיקּוּן ווִי אַזוֹי מֶען אִיז דָאס מְתַקֵּן, אָבֶער דֶער תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז כָּלוּל פוּן אַלֶע תִּיקּוּנִים.

**אַ** מֶענְטְשׁ וָואס וויל פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען זָאל זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; דֶער רֶבִּי הָאט

גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רה) אַז וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן, ווייל אַז מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ פַארְרֶעכְט מֶען אַלְצְדִינְג.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא) אַז אַסַאךְ צַדִיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט מַשִּׂיג זַיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, אָבֶּער מִיר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן.

**נָאךְ** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם): "אִיר וֶועט זֶען אַן אִינְטֶערֶעסאנְטֶע זַאךְ; צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים צוּ זָאגְן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ, דָאךְ, וויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֵייסְן זָאגְן וֶועט דָאס אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן"; וּבַעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אִיז עֶס מְקוּיָם גֶעוָוארְן אַז רוֹב וֶועלְט זָאגְט דָאס נִישְׁט, צוּלִיבּ דִי מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, עַיֵין שָׁם.

**וזאוֹיל** אִיז דֶעם וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעם וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה אוּן צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כט) אַז דֶער "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה אוּן פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

## דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# שצז

### מֶעג מֶען לֶערְנֶען דַף הַיוֹמִי?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ פְּלֶעג אַסַאךְ הֶערְן אַייעֶרֶע שְׁמוּעֶסְן אוּן שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ זַייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט אוּן זִיךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, בִּיז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אֵיין זַאךְ וָואס הָאט מִיר זַייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, וֶוען אִיר הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר פַּאר סַאטְמַארֶע אִינְגֶעלַייט אַז הַיינְט מֶעג מֶען שׁוֹין לֶערְנֶען "דַף הַיוֹמִי".

אִיךְ מַיין אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיר הַאלְט אַז מֶען מֶעג עֶס לֶערְנֶען, טָאר מֶען דָאס אָבֶּער נִישְׁט זָאגְן פַּאר סַאטְמַארֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאט מֶען אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט, נָאכְדֶערְצוּ צוּ זָאגְן אַז דֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואלְט הַיינְט אוֹיךְ שׁוֹין גֶעלָאזְט דָאס לֶערְנֶען - דָאס אִיז שׁוֹין אַ חוּצְפָּה צוּ זָאגְן.

עֶס אִיז קְלָאר אַז אוֹיךְ דָא אִין אַמֶעריקֶע הָאט דֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶערְנֶען דַף הַיוֹמִי. רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ בְּרוּדֶער וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אַמֶעריקֶע' אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז מֶען זָאל

---

י. הָרַב רֶבִּי אַבְרָהָם שַׁפִּירָא זַ"ל, הָאַדְמוֹ"ר מִטְלוּסְט.

לֶערְנֶען דַף הַיוֹמִי, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן, דַף הַיוֹמִי אִיז אֲגוּדָה, אֲגוּדָה אִיז צִיוֹנוּת אוּן צִיוֹנוּת אִיז אַפִּיקוֹרְסוּת".

אִיר טוּט גֶעוִויס אוֹיף גָאר אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים, אָבֶּער אִיךְ בִּין פַּארְוַוייטָאגְט אִיבֶּער דִי נוֹשֵׂא, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט הֲיִתָּכֵן אִיךְ רֶעד צוּ אִינְגֶעלַייט מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, וֶוען אַסַאךְ צַדִיקִים זֶענֶען אַרוֹיס קֶעגְן 'לִימוּד דַף הַיוֹמִי'.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז הַגָּאוֹן רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם לִימוּד בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן.

**דִי** בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶע'רוֹדְפְ'ט אוּן מְבַזֶה גֶעוֶוען, אוּן וֶוען דִי גְרֶענִיצְן פוּן פּוֹילְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְמַאכְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם וֶועג צוּ קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען אַוֶועק צוּ גֶעבְּן דֶעם בִּנְיָן פוּן זַיין יְשִׁיבָה 'יְשִׁיבַת חַכְמֵי לוּבְּלִין' פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ דַאוֶוענֶען

צוּזַאמֶען בְּמֶשֶׁךְ ראֹשׁ הַשָּׁנָה, בְּנוֹסָף צוּ דֶעם הָאט עֶר אַלֵיינְס אוֹיךְ מִיט גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּנֶעם פְּרִיעֶרְדִיגְן דוֹר - רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה ה' יִנְקֹם דָמוֹ און רֶבִּי אַהֲרֹן לֵייבּ צִיגֶלְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה ה' יִנְקֹם דָמוֹ - גֶעזָאגְט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶערְפַאר אַ מַתָּנָה, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם לִימּוּד בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, ווייל פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז אַזַא גְרוֹיסֶער רָב ווִי רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאל אַוֶועק גֶעבְּן זַיין יְשִׁיבָה פַאר בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים און אוֹיךְ מִיט דַאוֶוענֶען מִיט זֵיי.

**פְּרֶעג** נִישְׁט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעקוֹיפְט מִיט דֶעם; מֶען הָאט אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט און פָארְגֶעהַאלְטְן 'הֲיִתָּכֵן עֶר נֶעמְט אַרַיין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר וְכוּ'', דֶערְפַאר הָאט אִים דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט.

**נָאכְדֶעם** אִיז גֶעקוּמֶען דִי 'אֲגֻדַּת יִשְׂרָאֵל פַּארְטֵיי', זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט ווִי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען כַאפְּן דִי וֶועלְט מִיט אַלֶע גְדוֹלִים וְכוּ', הָאבְּן זֵיי פְּרָאקְלָאמִירְט דֶעם לִימּוּד בַּיי זֵייעֶר כְּנֵסִיָּה הַגְּדוֹלָה; דֶערִיבֶּער זֶענֶען דִי צַדִּיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן דֶעם לִימּוּד און גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט זֵייעֶר וֶועג, נִישְׁט צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער עֶצֶם לִימּוּד אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם נָאר כְּדֵי מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין חִיזּוּק וְכוּ', אָבֶער הַיינְט צוּ טָאגְס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט 'אֲגֻדַּת יִשְׂרָאֵל'.

הַיינְט צוּ טָאגְס וֶוען אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא, הָאט דָאס נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט קַיין שׁוּם פַּארְטֵיי; דֶער גַאנְצֶער פַּארְטֵיי אִיז שׁוֹין צֶעשְׁפְּלִיטֶערְט אוּן צֶעטֵיילְט אוֹיף עֶקְסְטֶערֶע פַּארְטֵייעֶן, יֶעדֶער פוּן זֵיי זוּכְט נָאר כָּבוֹד אוּן גֶעלְט וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער זֶעט שׁוֹין אַיין הַיינְט צוּטָאגְס אַז זֵייעֶר גַאנְצֶע כַּוָונָה אִיז נָאר גֶעלְט אוּן כָּבוֹד וְכוּ'.

וֶוען אֵיינֶער לֶערְנְט הַיינְט דֶעם לִימוּד הָאט דָאס גָארְנִישְׁט מִיט זֵיי; פַּארְקֶערְט, יֶעדֶע דַף גְמָרָא וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען בְּרֶענְגְט עֶר אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט יֶעדֶע דַף גְמָרָא וָואס מִיר לֶערְנֶען אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אַז עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן דֶעם פָּסוּק (זְכַרְיָה יג, ב): "וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא נְאֻם ה' צְבָאוֹת, אַכְרִית אֶת שְׁמוֹת הָעֲצַבִּים מִן הָאָרֶץ, וְלֹא יִזָּכְרוּ עוֹד; וְגַם אֶת הַנְּבִיאִים וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# שצח

## קֶען מֶען זִינְדִיגְן און זִיךְ פַארְלָאזְן אויף אוּמַאן?
## אויבּ קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט דָאךְ יֶעדֶער זִינְדִיגְן?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּן אַייךְ אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אוּן וִויפִיל מוֹהֲרַ"ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער נִישְׁט עֶטְלִיכֶע זַאכְן אִיבֶּער דֶעם.

א. הָאט מוֹהֲרַ"ן טַאקֶע גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִינְדִיגְן, אוּן וַוייל עֶר פָארְט קַיין אוּמַאן וֶועט עֶר נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערְן אויף דֶעם?

ב. אִיז דֶען דָא אַ מֶענְטְשׁ - סַיי וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין - וָואס קֶען צוּזָאגְן אַ גוּטֶע יָאר אָדֶער אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן?

ג. זֶענֶען דֶען נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן זֵיי הָאבְּן יָא גֶעהַאט צָרוֹת יֶענֶע יָאר?

ד. אוֹיךְ זָאגְט אִיר כְּסֵדֶר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ אִיד זָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, ווי אַזוֹי שְׁטִימְט דָאס מִיט דֶעם וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פה:): "כָּל הָאוֹמֵר אֶחֱטָא וְאָשׁוּב, אֵין מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז אֵיינֶער וָואס זִינְדִיגְט אוּן זָאגְט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין נָאכְדֶעם תְּשׁוּבָה טוּן, קֶען עֶר נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן; זֶעט מֶען דָאךְ אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ!

ה. וֶוען מֶען זָאגְט אַז יֶעדֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, קֶען דָאס דָאךְ מַאכְן אַז מֶענְטְשְׁן - און סְפֶּעצִיעֶל בָּחוּרִים - זָאלְן מֵיינֶען אַז זֵיי קֶענֶען זִינְדִיגְן און זֵיי וֶועלְן שׁוֹין שְׁפֶּעטֶער תְּשׁוּבָה טוּן, אֶפְשָׁר טַאקֶע וֶועגְן דֶעם הָאבְּן חֲזַ"ל אוּנְז גֶעזָאגְט אַז אויף אַזַא פַאל הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן עַל רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן, וְעַל אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן.

**א** - וָואס הָאט פָארְן קַיין אוּמַאן מִיט גֵיין זִינְדִיגְן?! דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן פָארְן אַהִין זוּכְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ מְתַקֵן זַיין וָואס זֵיי הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת".

**עֶס** זֶעט מִיר אוֹיס פוּן דַיין שְׁאֵלָה אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אוּמַאן אִיז. וֶוער עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן; דֶער צִיּוּן ווִירְבְּלְט וִוי אַ בִּינֶען נֶעסְט, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אִיז דֶער צִיּוּן בַּאלַאגֶערְט מִיט טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִּי אָנְלוֹיף בַּיים צִיּוֹן הֵייבְּט זִיךְ אָן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע צוּם צִיּוֹן וואוּ מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט יָאר אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת; טַייכְן טְרֶערְן וֶוערְן פַארְגָאסְן בַּיים צִיּוֹן שׁוֹין עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שח): "אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים וָואלְטְן זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַזַא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וִוי בַּיי מִיר עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ זַיין גוּט דֶעם נַייעֶם יָאר. דִּי גֶעדְרֶענְג בַּיים צִיּוֹן אִיז מַמְשִׁיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז בְּמֶשֶׁךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רוּנְדֶע דֶעם זֵייגֶער שְׁטֵייעֶן אִידְן אוּן וֵויינֶען זִיךְ אוֹיס בַּיים צִיּוֹן, מֶען זָאגְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי מִיטְ'ן הָאפֶענוּנְג אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; דֶערִיבֶּער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר מִיט אַזַא בְּרֵייטֶע שְׁפְּרַאךְ כְּאִילוּ מֶען פָארְט אוֹיף אוּמַאן פַאר אַ צְוֵוייטֶע סִיבָּה.

**ב** - דַיין צְוֵוייטֶע שְׁאֵלָה אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל אִיבֶּערְגֶעטְרִיבְּן, עֶס הֶערְט זִיךְ וִוי דוּ הָאסְט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין חִינוּךְ אוֹיף אֱמוּנַת צַדִּיקִים אוּן עֶס אִיז אַבִּיסְל חוּצְפָּה'דִיג; אַוַודַאי אִיז דָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל צוּזָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ גוּט יָאר, דִּי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן טז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוּאֵל-ב כג, ג): "אָמַר אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל, לִי דִבֶּר צוּר יִשְׂרָאֵל, מוֹשֵׁל בָּאָדָם, צַדִּיק מוֹשֵׁל יִרְאַת אֱלֹקִים", מַאי קָאָמַר? אָמַר רַבִּי אַבָּהוּ, הָכִי קָאָמַר: אָמַר אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל: לִי דִבֶּר צוּר יִשְׂרָאֵל, אֲנִי מוֹשֵׁל בָּאָדָם, מִי מוֹשֵׁל בִּי - צַדִּיק, שֶׁאֲנִי גוֹזֵר גְּזֵרָה וּמְבַטְּלָהּ",

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט גְזֵירוֹת אוּן דֶער צַדִיק אִיז עֶם מְבַטֵל; אַ צַדִיק הָאט אַ כֹּחַ אַרָאפְּצוּנֶעמֶען גְזֵירוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן בֶּענְטְשְׁן אַלֶעמֶען מִיט אַלֶעס גוּטְס.

ג - אוֹיף דַיין דְרִיטֶע שְׁאֵלָה ווִיל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן מִיט אַ פְרַאגֶע: "וָואס טוּסְטוּ וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ נִישְׁט גוּט? דוּ גֵייסְט צוּם דָאקְטֶער; פַארְוָואס גֵייסְטוּ צוּם דָאקְטֶער? מֶען זֶעט דָאךְ אַמָאל אַז דֶער דָאקְטֶער הֵיילְט נִישְׁט אוֹיס?!" אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס וַוארְט פַאר אֵיינֶעם אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, "פַארְוָואס זָאל עֶר נֶעמֶען פַאר גְרוֹיס גֶעלְט אַן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן, מֶען זֶעט דָאךְ אַסאךְ מָאל אַז אֲפִילוּ מִיט אַ לוֹיעֶר קוּמְט מֶען אָן אִין תְּפִיסָה?" דָאס אִיז בַּיי אַ דָאקְטֶער אוּן אַ לוֹיעֶר וָואס קֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט הֶעלְפְן, דָאךְ פְּרוּבִּירְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט זִיךְ צוּ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס וַוארְט אוֹיף אוּנְז אַלֶע אַ גְרוֹיסְן מִשְׁפָּט, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען: "וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפֹּר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ, וְתִכְתֹּב אֶת גְּזַר דִּינָם" - דַארְף דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶער לוֹיעֶר וָואס וֶועט אִים פַארְטֵיידִיגְן אוּן הֶעלְפְן נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען אוּנְז אַלֶע מִשְׁפָּט'ן: "מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם"; אַלֶע טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס מֶען הֶערְט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - וֶוערְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן

ראֹשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדְן טָאג וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן - מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן; יוּנְגֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן נֶעבֶּעךְ אָן עֶלְטֶערְן הַשֵּׁם יְרַחֵם; אַלֶע שְׁפִּיטֶעלֶער זֶענֶען לֹא עָלֵינוּ פוּל מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; יֶעצְט לָאמִיר דִיךְ פְרֶעגְן, אַז עֶס אִיז פַארְהַאן אַ צַדִּיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן אוּן עֶר קֶען אוּנְז אַלֶע מְתַקֵּן זַיין; אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט - וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז): "אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן - נוּ וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְרַאגֶע? מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען פָארְט צוּם רֶבִּי'ן.

ד - עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן דֶערוֹיף. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נח, ח): "אֵין מַכָּה בָּעוֹלָם שֶׁאֵין לָהּ רְפוּאָה", עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מַכָּה וָואס עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיף דֶעם אַ רְפוּאָה, "רְפוּאָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע - תְּשׁוּבָה", דֶער רְפוּאָה אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע אִיז תְּשׁוּבָה; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (תַּנְחוּמָא הַיָּשָׁן וַיֵּרָא, סִימָן טז):

"שֶׁאִם בְּיַד אָדָם כַּמָּה עֲוֹנוֹת וְהוּא שָׁב לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הוּא מַעֲלֶה עָלָיו כְּאִילוּ לֹא חָטָא", אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּאִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט; אוֹיף אַלֶעס קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אֵיי דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פה:): "הָאוֹמֵר, אֶחֱטָא וְאָשׁוּב, אֶחֱטָא וְאָשׁוּב, אֵין מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה"? דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר "אֵין מַסְפִּיקִין" אִיז טַייטְשׁ אַז עֶס וֶועט אִים זַיין שְׁוֶוערֶער תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וַוייל עֶר אִיז שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זִינְדִיגְן אוּן עֶס זֶעט אִים אוֹיס וִוי אַ הֶיתֵּר, עֶר מֵיינְט עֶס אִיז אַ שְׁפִּיל; אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַחְלִיט: 'עַד כָּאן! פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ לָאז אָפּ אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים', וֶוערְט זִיכֶער אָנְגֶענוּמֶען זַיין תְּשׁוּבָה.

ה - וֶוען מֶען וַוייזְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ דָאס רַחְמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אוּנְז, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים, דָאס מַאכְט מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי אוּן דָאס גֶעבְּט אַ חֵשֶׁק פַארְ'ן מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת. דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת אִיז נִישְׁט וַוייל זֵיי טְרַאכְטְן: 'מִיר וֶועלְן שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן', נָאר וַוייל זֵיי טְרַאכְטְן: 'מִיר זֶענֶען שׁוֹין סֵיי וִוי פַארְפַאלְן, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין סֵיי וִוי אִין גֵיהִנוֹם' - דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען טוּט עֲבֵירוֹת. הַלְוַואי זָאלְן מֶענְטְשְׁן גֶעדֶענְקֶען

און טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, דַאן וָואלְט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען טוּן עֲבֵירוֹת, מֶען וָואלְט נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תְּשׁוּבָה.

**הַיּוֹצֵא** מִדְּבָרֵינוּ: וֶוער עֶס וִויל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ און נְשָׁמָה, עֶר וִויל פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע מַעֲשִׂים - זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן; עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אַ צַדִּיק זַייט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה צוּ מְתַקֵּן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם - אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם טוּט זַיינְס, עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּנֶעם רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אוּמַאן און פוּן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל מַאכְט זִיךְ אַ פָּשׁוּט'עֶר חֶשְׁבּוֹן: 'עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אַ טוֹבָה טוּן פַאר דֶעם וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן; עֶס קוּמְט אַ נַייעֶ יָאר, אִיךְ דַארְף יְשׁוּעוֹת, רְפוּאוֹת, פַּרְנָסָה, נַחַת וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, אִיךְ אַנְטְלוֹיף צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן'.

**אַז** דוּ וֶועסְט הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## שצט

**וֶועלְכֶע סָארְט נִיגוּנִים מֶעג מֶען זִינְגֶען, און וֶועלְכֶע נִישְׁט?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און נִיגוּנִים וָואס אִיךְ הֶער אַ גַאנְצְן טָאג. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם גֶעעֶנְדִיגְט יֶעצְט דִי אַכְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִינְגְט אַסַאךְ נִיגוּנִים מִיט דִי בָּחוּרִים, און מִיר ווייסְן דָאךְ אַז מֶען דַארְף זייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זִינְגֶען נָאר עֶרְלִיכֶע נִיגוּנִים, נִישְׁט נִיגוּנִים פוּן שְׁלֶעכְטֶע מְקוֹרוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיז דִי גֶדֶר בַּיי דֶעם, וֶועלְכֶע נִיגוּנִים מֶעג מֶען הֶערְן און זִינְגֶען און וֶועלְכֶע נִישְׁט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אִין יְשִׁיבָה אַסַאךְ נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה און תְּשׁוּבָה; עַל פִּי רוֹב הָאבְּן מִיר גֶענוּמֶען אַלְטֶע נִיגוּנִים וְכוּ' און אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶעם וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה און תְּשׁוּבָה. וֶוער עֶס הֶערְט דִי נִיגוּנִים שְׁפִּירְט אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת און וֶוערְט אוֹיפְגֶעוֶועקְט צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** מֶען זִינְגְט נִיגוּנִים וָואס דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען הֵיילִיג, דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען פוּן אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם דַאן אִיז דֶער נִיגוּן אַ הֵיילִיגֶע נִיגוּן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט; אַז מֶען נֶעמְט אַ הֵיילִיגֶע נִיגוּן אוּן מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דֶערוֹיף נִישְׁט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער טָאר מֶען נִישְׁט הֶערְן דֶעם נִיגוּן.

**דִי** וֶועלְט זָאגְט אַז חַזָנִים זֶענֶען נַארָאנִים (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ג); זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ וַוייל דִי עוֹלָם הַנְגִינָה אִיז נֶעבְּן דֶעם עוֹלָם הַתְּשׁוּבָה, אוּן אַז דוּ שְׁטֵייסְט שׁוֹין בַּיים טִיר פוּן תְּשׁוּבָה אוּן דוּ גֵייסְט נִישְׁט אַרַיין - אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶעם; דֶערִיבֶּער אִיז אַ חַזָן אַ נַאר, וַוייל אַז דוּ הָאסְט אַ כֹּחַ הַנְגִינָה פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נוּצְן דַיין קוֹל, דַיין שְׁטִימֶע אוּן דַיינֶע נִיגוּנִים צוּ זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן תְּשׁוּבָה.

**מִיט** אַ נִיגוּן קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעג): "טוֹב לְהָאָדָם לְהַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ, שֶׁיּוּכַל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם אֵיזֶה נִגּוּן, כִּי נִגּוּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל וְגָבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד, וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר וּלְהַמְשִׁיךְ אֶת לֵב הָאָדָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", מִיט אַ נִיגוּן קֶען מֶען זִיךְ עֶפֶענֶען דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז גוּט צוּ זִינְגֶען נִיגוּנִים וָואס זֶענֶען מְעוֹרֵר דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מֶען** דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הֶערְן אַ רָשָׁע זִינְגֶען, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ רָשָׁע זִינְגֶען שְׁטֶערְט דָאס פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן,

חֵלֶק א׳, סִימָן ג): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע, קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא", װער עֶס הֶערְט נִיגוּנִים פוּן אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער װעט אִים אָנְקוּמֶען שְׁװער צוּ דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", אָבֶער אוֹיבּ מֶען הֶערְט נִיגוּנִים פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד װעט עֶס אִים צוּהֶעלְפְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; רֶבִּי נָתָן לֵייגְט צוּ (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת אַפְּטְרוֹפּוֹס, הֲלָכָה ג) אַז נִישְׁט נָאר אַ נִיגוּן פוּן אַ רָשָׁע שָׁאט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נָאר אֲפִילוּ סְתַם הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן אַ רָשָׁע אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אַזוֹי װי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן מג): "הַדִּבּוּרִים שֶׁל רָשָׁע שֶׁהוּא בַּר דַּעַת מוֹלִידִים נִאוּף בְּהַשּׁוֹמֵעַ", עַיֵּין שָׁם.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל װערְן מִיט הֶערְן נִיגוּנִים פוּן אַ רָשָׁע, װָאס דָאס קֶען אַװעק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז הֶערְן נִיגוּנִים פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן װָאס זִינְגֶען נָאר פוּן אֱמוּנָה; זֵייעֶרֶע נִיגוּנִים זֶענֶען נָאר גֶעמַאכְט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה אִין מֶענְטְשְׁן, זֵיי בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אײבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ג): "וְהַתִּקּוּן הוּא שֶׁיּוּכַל לִשְׁמֹעַ נְגִינָה מִכָּל אָדָם, הוּא עַל יְדֵי שֶׁיִּלְמַד בַּלַּיְלָה תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, הַיְנוּ גְּמָרָא", אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא הֶעלְפְּט דָאס אַז דִי נִיגוּנִים זָאלְ'ן נִישְׁט שָׁאטְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז 'בַּלַּיְלָה' מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן װען עֶס אִיז פִינְסְטֶער פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אִיבֶּער שְׁװערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶעמָאלְט זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה װעט דִי

תּוֹרָה רַאטְעוֶועִן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶס זָאל אִים נִישְׁט שָׁאטְן דִי אַלֶע נִיגוּנִים. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא יֶעדְן טָאג פוּן דַיין לֶעבְן, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּהֵיילְן דִי בַּת מֶלֶךְ וָואס אִיר רְפוּאָה אִיז דַוְקָא דוּרְךְ נִיגוּנִים (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג).

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

## ת

### מַיין נָאנְטֶער חַבֵר טְשֶׁעפֶּעט מִיר, זָאל אִיךְ אִים אָפְּלָאזְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ אַ נָאנְטֶער חַבֵר מִיט וֶועמֶען עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ רֶעדְן אוּן פַארבְּרֶענְגֶען, כָאטְשׁ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט טַאקֶע אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ וִוי אַן אֱמֶת'עֶר חַבֵר אוֹיסֶער דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן מֵיין אִיךְ אַז מִיר הָאבְּן יָא אַ שְׁטַארְקֶע קֶשֶׁר. מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר אַז צוּמָאל קֶען עֶר מִיר מַמָשׁ בַּאלֵיידִיגְן אוּן עֶר טְשֶׁעפֶּעט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן דָאס מוֹיל,

זָאל אִיךְ וַוייטֶער בְּלַייבְּן זַיין חַבֵר און טוּן דָאס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט אוּיס בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת צוּ שְׁלִינְגֶען און נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדִיגְן דִי חַבְרוּתָא'שַׁאפְט מִיט אִים?

א גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ חַבֵר, וַוייל אַלֵיינְס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.**

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית כג.): "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא", אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אַ גוּטֶער חַבֵר אִיז מֶען ווִי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ; נָאךְ זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (אָבוֹת ב, ט): "אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם", וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירְן? "רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר, חָבֵר טוֹב", רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט עֶר זָאל זִיךְ נֶעמֶען אַ גוּטֶער חַבֵר, וַוייל אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע חַבֵר קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵויטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לד) דוּרְךְ אַ חַבֵר קֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער חַזֶר'ן אַלֶע תּוֹרוֹת פוּנֶעם צַדִיק, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אַ חַבֵר מֶער ווִיפִיל מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי רֶבִּי חֲנִינָא הָאט גֶעזָאגְט

(תַּעֲנִית ז.): "הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי, וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי", אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַסאךְ תּוֹרָה פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס, אָבֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט נָאךְ מֶער וִוי פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס.

**אַ** חָבֵר אִיז נָאר דֶער וָואס אִיז מְחַזֵק צוּ עֲבוֹדַת הַשֵׁם; מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִין תַּנַ"ךְ אַלֶע יוֹעֲצִים בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ אִין פַּאלַאץ, צְווִישְׁן אַנְדֶערֶע טְרֶעפְט מֶען (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כז, לג): "וְחוּשַׁי הָאַרְכִּי, רֵעַ הַמֶּלֶךְ", חוּשַׁי הָאַרְכִּי דֶער חָבֵר פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, פַארְוָואס בַּאקוּמְט עֶר דֶעם טִיטְל "רֵעַ הַמֶּלֶךְ"? זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם) ווייל וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אַרִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה פוּן בַּת שֶׁבַע, הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעפְרֶעגְט חוּשַׁי הָאַרְכִּי אוֹיבּ עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, צִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, הָאט אִים חוּשַׁי הָאַרְכִּי מְחַזֵק גֶעוֶוען עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערִיבֶּער וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן "רֵעַ הַמֶּלֶךְ", דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס חָבֵר; ווייל נָאר דָאס אִיז אַ חָבֵר, דֶער וָואס אִיז מְחַזֵק מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם בָּזֶה הָעוֹלָם, ווייל יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט נָאר זִיךְ אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַריין אִין אַ צָרָה וֶועלְן זֵיי דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן; עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין ווייבּ אוּן קִינְדֶער, ווייל דָאס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן דִיר.

דוּ אַלֵיינְס שְׁרַייבְּסְט דָאךְ דֶעם עֶנְטְפֶער אִין דַיין שְׁאֵלָה! לֵיין אִיבֶּער דַיין פְרַאגֶע וֶועסְטוּ זֶען וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; אַז עֶר טְשֶׁעפֶּעט אוּן בַּאלֵיידִיגְט דִיר - אִיז עֶר דַיין

חַבֶר? זוּךְ דִיר מֶענְטְשְׁן וָואס טְשֶׁעפֶּען נִישְׁט אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין לוּיז מוֹיל וְכוּ'.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט נָאר אֵיין חַבֶר - זַיין וַוייבּ"; סְתָם פַארְבְּרֶענֶען נֶעבְּט מִיט אִינְגֶעלַייט וָואס אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ, אַנְטְלוֹיפְן פוּן זַייעֶר לֶעבְּן - דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, זֵיי זֶענֶען אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין מ:): "כָּל שֶׁאֵין בְּיָדוֹ מִקְרָא, מִשְׁנָה וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב"; סְתָם זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִינְגֶעלַייט וָואס עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן קַיין חִיזּוּק צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, אָדֶער מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער בְּעִנְיַן פַּרְנָסָה - עֶפֶּעס תַּכְלִית, אִיז דָאס אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב.

**אַ** חַבֶר אִיז אֵיינֶער וָואס וֶוען אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ צָרָה, אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת - שְׁטַארְקְט עֶר מִיר אוּן עֶר אִיז מִיר מְחַזֵק; וֶוען קֵיינֶער וִויל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מִיר וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶען וָואס הֵייסְט אַ חַבֶר.

**אַז** אַ מֶענְטְשׁ וֶועט גוּט קוּקְן אוֹיף זִיךְ וֶועט עֶר זֶען אַז יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט מֵיינְט עֶר אַז עֶר הָאט אַנְדֶערֶע בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים אוּן פְּלוּצְלוּנְג טוּישְׁט זִיךְ עֶס, אַלֶע זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען פְּלוּצְלִינְג פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן...

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תא

## װעט "מַסֶכֶת תַּעֲנִית" אױך הֶעלְפְן פַאר פַּרְנָסָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם װיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים װָאס אִיךְ הֶער שׁוֹין אוּים פַאר דִי לֶעצְטֶע יָאר צַייט, דָאס הֶעלְפְט מִיר מַמָשׁ אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ אֵיין קִינְד בָּרוּךְ הַשֵׁם, אָבֶּער אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ גֶעפֶערְלִיךְ מִיט פַּרְנָסָה. אִיךְ װיל װיסְן אוֹיב דִי סְגוּלָה װָאס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי בָּחוּרִים פַאר אַ שִׁידוּךְ, צוּ זָאגְן מַסֶכֶת תַּעֲנִית פֶערְצִיג מָאל פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָׁנָה, צִי דָאס הֶעלְפְט אוֹיךְ פַאר פַּרְנָסָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.**

**װיסְן זָאלְסְטוּ אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי װִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (תַּעֲנִית ב.) **אַז דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ זַיין פַּרְנָסָה אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַּרְנָסָה - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס װָאס עֶר אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל.**

**אַז** דו מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט דֶערְצֵיילְט, אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאוואוּסְטֶער מַגִיד רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן יַאדְלֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס עֶר פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין אִין שׁוּלְ'ן הַאלְטְן דְרָשׁוֹת; אֵיינְמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, מַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוּיס פַאר הוּנְגֶער, זֵיי וֵויינֶען פַאר בְּרוֹיט וְכוּ' וְכוּ'", זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "וָואס ווילְסְטוּ פוּן מִיר? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶער טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר", דֶער אִיד קוּקְט אָן רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן מִיט וואוּנְדֶער אוּן זָאגְט: "מַיין טַאטֶע וָואס וואוֹינְט אִין צְפַת? וָואס קֶען עֶר מִיר שׁוֹין הֶעלְפְן? עֶר הָאט קוּים פַאר זִיךְ צוּ לֶעבְּן?" אוּן עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: "פַארְוָואס מַאכְט אִיר חוֹזֶק פוּן מִיר?!" זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן: "אִיךְ מֵיין נִישְׁט דַיין טַאטֶע פוּן צְפַת, אִיךְ מֵיין דַיין טַאטֶע אִין הִימְל - דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - עֶר קֶען דִיר הֶעלְפְן! בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר".

**דָאס** זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: "דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶער טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר"; פַּרְנָסָה הָאט נִישְׁט צוּ טוּן צִי מֶען אִיז גֶעלוּנְגֶען אָדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט אַ גוּטְן קָאפּ; פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁכֵנִים הוֹיז צוּ הוֹיז, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער קַמְצָן - אַ קַארְגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער צְוֵויטֶער אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה; אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אָרֶעמַאן אִין גֶעבֶּעטְן צְדָקָה פוּן דֶעם קַמְצָן, הָאט דֶער קַמְצָן אִים גֶעזָאגְט אַזוֹי: "אִיךְ הָאבּ דָא בַּיי מִיר אִין גָארְטְן אַסַאךְ בֵּיימֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי צֶעשְׁנַיידְן, אַז דוּ וֶועסְט מִיר צֶעשְׁנַיידְן דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶסְן", אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, דֶער אָרֶעמַאן הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאק אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶר הָאט צֶעהַאקְט אַלֶע בֵּיימֶער אוּן זֵיי פַארְוַואנְדְלְט אִין שְׁפֶּענְדְלֶעךְ, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל הַבַּיִת בֶּעטְן עֶסְן, זָאגְט אִים דֶער קַמְצָן: "קוּם מִיט מִיר", אוּן עֶר פִירְט אִים צוּם שָׁכֵן'ס הוֹיז - דִי הוֹיז פוּנֶעם צְוֵויטְן עוֹשֶׁר - אוּן זָאגְט אִים: "קְלַאפּ אַרַיין בַּיי דֶעם טִיר, דָא וֶועסְטוּ אַלֶעם בַּאקוּמֶען; עֶסְן, גֶעלְט וְכוּ'", דֶער אָרֶעמַאן הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אֵיין זַאךְ, אֵיין בַּעַל הַבַּיִת; עֶר קְלַאפְּט אַרַיין אוּן תֵּיכֶּף וּמִיַּד הָאט מֶען אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְן צוּ עֶסְן מִכָּל טוּב וָטוּב, אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט זִיךְ דֶער אָרֶעמַאן אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעהָארֶעוֶועט פַאר דִי עֶסְן", פְרֶעגְט מֶען אִים: "וָואס הֵייסְט?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאקְט הָאלְץ אַ גַאנְצְן טָאג בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דָאס עֶסְן, דָאס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט

אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג", הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט", מֶען הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט וָואס דָא אִיז פָארְגֶעקוּמֶען, אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן אוֹיבּ וָואלְט עֶר קוֹדֶם אָנְגֶעקוּמֶען אַהֶער וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן, וַוייל דָא גֶעבְּט מֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם עֶסְן בְּחִינָם.

**מוֹהֲרָא"ש** זָאגְט, וָואס הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט לֶערְנֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה? אַז מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט", דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן דוּ הָאסְט גֶעאַרְבֶּעט פַאר דַיינֶע עֲבֵירוֹת; אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט דַארְף עֶר אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אוּן מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אָפּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בְּחִינָם.

**דִי** מַעֲשֶׂה דַארְף אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן מִיט דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ', זָאלְסְטוּ נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר רֶעדְן אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**אַז** דוּ ווילְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג - גְלַייךְ נָאךְ שַׁחֲרִית - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כט) אַז זָאגְן דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה; נֶעם דִי

סְגוּלָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זָאג דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן יְשׁוּעוֹת, רְפוּאוֹת אוּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תב

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן מַיין ווַייבּ זִי זָאל מִיר לָאזְן פָּארְן קַיין אוּמַאן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין ווַייבּ לָאזְט מִיר נִישְׁט פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּשׁוּם אוֹפָן, אִיךְ הָאבּ אִיר שׁוֹין אַלֶעס מַסְבִּיר גֶעוֶוען אוּן גָארְנִישְׁט הֶעלְפְּט נִישְׁט, אֶפְשָׁר הָאט אִיר אַן עֵצָה פַאר מִיר ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אִיר אִיבֶּערְצֵייגְן זִי זָאל מִיר לָאזְן פָּארְן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אוֹיבּ** דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוענְדְט זִיךְ עֶס נָאר אִין דִיר, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ

טוּן מִיט דַיין וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ גַאנְץ יָאר אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דוּ וֶועסְט זַיין אִין שְׂטוּב אַ גַאנְץ יָאר אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זִיךְ צוּ פָּארֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אַזוֹי וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט צוּ זַיין וַוייבּ, דַאן וֶועט זִי דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אַדְרַבָּה זִי וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר.

דִי וֶועלְט זָאגְט: "פַארְוָואס בְּלָאזְט דֶער שׁוֹפָר אַזוֹי גוּט רֹאשׁ הַשָׁנָה? וַוייל עֶס לִיגְט אַ גַאנְץ יָאר אִין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ", דָאס זֶעלְבֶּע - זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ: "אַז מֶען ווִיל פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה וֶוענְדְט זִיךְ עֶס וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר; אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען אוֹיף דִיר אַ גַאנְץ יָאר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג אוּן דוּ לֶעבְּסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט זִי דִיר נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן".

אַ וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּנַארְן, דִי וַוייבּ אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גָאר גוּט אִיר מַאן; עֶס קוּמְט נִישְׁט אַריין דָא: 'מַסְבִּיר זַיין וָואס אוּמַאן אִיז וְכוּ'', דַיינֶע מַעֲשִׂים פוּן אַ גַאנְץ יָאר אִיז מֶער וִוי טוֹיזְנְט דְרָשׁוֹת אוּן הֶסְבֵּרִים וָואס אוּמַאן אִיז.

**בַּיים** רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת שָׁלוֹם בַּיִת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג, רסד); מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּם

רֶבִּי'ן אוֹיב מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט דִי וַוייבּ. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר - קְדוּשַׁת הַבְּרִית, מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; אוֹיבּ הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ' - דֶעמָאלְט הָאט דֶער מֶענְטְשׁ רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶּער אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי וַוייבּ אִיז מֶען נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן, דַאן קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד.

**תַּלְמִידֵי** הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן - בַּיי זֵיי קוּמְט דִי וַוייבּ פַּאר חֲבֵרִים, דִי וַוייבּ פַּארְמָאגְט אַ חֲשִׁיבוּת אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין אָפְּהַאלְט פוּן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן, אַדְרַבָּה, זֵיי הָאבְּן חִיזוּק פוּן שְׁטוּבּ צוּ פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן; אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה נֶעמְט זִיךְ אוֹיף זֵיי, מֶען מַאכְט חוֹזֶק אוּן מֶען רוֹדְפְ'ט וְכוּ', וֶועט דִי וַוייבּ שְׁטֵיין מִיטְ'ן מַאן אוּן אִים מְחַזֵק זַיין.

**אוֹיבּ** מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן אַ גַאנְץ יָאר וֶועט דִי וַוייבּ נִישְׁט לָאזְן פָּארְן קַיין אוּמַאן, וַוייל כַּאן מָצָא בַּעַל חוֹב לִגְבּוֹת אֶת חוֹבוֹ, אָבֶּער נִישְׁט וַוייל אוּמַאן בַּאדֶערְט אִיר. עֶס בַּאדֶערְט אִיר דֶעם מַאן'ס הִתְנַהֲגוּת פוּן אַ גַאנְץ יָאר, מִמֵילָא יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי נוֹשֵׂא פוּן פָּארְן קַיין אוּמַאן שְׁפִּירְט זִי אַז מֶען וֶועט אִיר פַארְשְׁטֵיין, 'הֲיִתָּכֵן, מֶען פָּארְט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ יוֹם טוֹב וְכוּ'?' דָא שְׁפִּירְט זִי אַז יֶעדֶער וֶועט אִיר פַארְשְׁטֵיין, אִירֶע חַבֶר'טֶעס, מִשְׁפָּחָה וְכוּ',

ווייל לֵיידֶער בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר פַּארְשֶׁעמְט.

**מֶען** זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער פָּארְט צוּ זַיין רֶבִּי אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בַּיי אַלֶע חֲסִידוּת'ן פָּארְט מֶען אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן קֵיינֶער זָאגְט גָארְנִישְׁט, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן דְרֵיידְט זִיךְ אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הִימְל אוּן עֶרְד: 'הַיִתָּכֵן מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי ווַייבּ אוּן מֶען פָּארְט אוֹיף אוּמַאן!'

**אַז** דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אַ גַאנְץ יָאר זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז נִישְׁט נָאר זִי וֶועט דִיר נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָּארְן, נָאר זִי וֶועט דִיר גָאר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן, זִי וֶועט דִיר קוֹיפְן אַ טִיקֶעט אוּן דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תג

## פַּארְוָואס שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף דִי מַצֵּבָה פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זַיין טַאטְנְ'ס נָאמֶען?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן פַּארְוָואס אוֹיף דִי מַצֵּבָה פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁטֵייט נִישְׁט זַיין טַאטְנְ'ס נָאמֶען, אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזָא זַאךְ אִין דִי וֶועלְט. אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַ קְלָארֶע הֶסְבֵּר, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא"שׁ** שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת ה): "וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה", אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרְךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְקוּתִי לְעֵילָא, כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה", אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי

לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", און אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוּעֵלְ'ן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר - אַ יְשׁוּעָה.

דִי מְצִיאוּת אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי, וֶוען מֶען קוּמְט קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ כַאפְּט אָן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, בִּפְרַט וֶוען מֶען לֵיינְט דִי נוּסַח הַמַּצֵּבָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלֵיינְס גֶעשְׁרִיבְּן (אִיךְ בִּין דִיר דָא מַעְתִּיק דֶעם כְּתַב יַד פוּנֶעם נוּסַח הַמַּצֵּבָה):


פה נטמן
החסיד האמיתי עובד ה' בתמימות ובפשיטות,
מסר נפשו עליו יתברך בכל יום ויום, ועמד על דעתו, וסבל יסורים קשים ומרים
כל ימי חייו, ורבים השיב מעוון וקירבם אליו
יתברך, העמיד תלמידים רבים, יראי ה' וחושבי שמו
בעל המחבר ספרי שו"ת אשר בנחל
וספר שפת הנחל פירוש נפלא על ספר
הקדוש והנורא ליקוטי מוהר"ן לרבינו הקדוש
איש אלקים עיר וקדיש מן שמיא נחית בוצינא
קדישא רבי נחמן מברסלב זיע"א
וקיבל והדפיס ספרים רבים ונכבדים מדברי תלמידו
הקדוש והנורא אשר כל רז לא אניס ליה רבי
נתן מברסלב זיע"א והפיצם בכל קצוי תבל,
ובפרט הקונטרסים המפורסמים שהחיו אלפים
ורבבות נשמות ישראל והציתו אותם להחזיר בתשובה
אליעזר שלמה שם יהודי קדוש
נפטר ביום ... לסדר ... לחודש ... שנת ...
תנצב"ה

"פֹּה נִטְמַן", דָא לִיגְט, "הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי, עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת", אַן אֱמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, "מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ", עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פוּן וֶוען עֶר אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן, "וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו", עֶר הָאט גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵירְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וְכוּ' וְכוּ'", אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פִילֶע תַּלְמִידִים עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן יִרְאֵי ה'.

וֶוען מֶען לֵיינְט דֶעם שְׁטִיקְל מַצֵּבָה כַאפְּט אָן אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה; מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ וָואס מוֹהֲרָא"ש אִיז אַרִיבֶּער אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן וִוי עֶר הָאט זִיךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נָאכְדֶעם וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֵיינֶען דִי מַצֵּבָה: "דָא לִיגְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ'", הֵייבְּט מֶען אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל דִיר אוֹיךְ דִינֶען בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת", וַוייטֶער לֵיינְט מֶען: "סָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו", עֶר הָאט גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; מוֹהֲרָא"ש הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן, נָאר צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֵיין מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יד):

"לֹא הָיָה לִי יוֹם אֶחָד טוֹב בְּזֶה הָעוֹלָם - בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא כְּלָל", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אִין מַיין גַאנְצְן לֶעבְּן קַיין אֵיין גוּטְן טָאג - אָן קַיין גוּזְמָא, "וּמַמָּשׁ בָּכִיתִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם מֵרוֹב צַעַר וְעָגְמַת נֶפֶשׁ שֶׁסְּבָבוּנִי מִבַּיִת וּמִחוּץ", אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּלִיבּ מַיינֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן דְרוֹיסְנְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אוּן פוּן מַיין אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ וְכוּ'; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מֶען דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְזֶען אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אַדְּרַבָּה, וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אָדֶער אַ בָּחוּר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ פְלֶעגְט עֶר אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן; וַוייטֶער שְׁטֵייט אִין דִי נוּסַח הַמַּצֵּבָה: "רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן", עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** עִיקָר וָואס מִיר דַארְפְן זֶען אִיז זִיךְ צוּ לֶערְנֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן, זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע; עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה - פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן תַּכְלִית, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז אֵיין טָאג וֶועלְן מִיר אַהֵיים גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר גָארְנִישְׁט מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן יֶעדְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

א כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תד

### מַיינֶע עֶלְטֶערְן לָאזְן מִיר נִישְׁט הָאבְּן קַיין אִינְטֶערְנֶעט, וָואס טוּ אִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן זִיבֶּעצְן יָאר, מַיינֶע עֶלְטֶערְן פְלֶעגְן הָאבְּן אִין שְׁטוּב אָפֶּענֶע אִינְטֶערְנֶעט און דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זֶען און קוּקְן דָארְט דָאס עֶרְגְסְטֶע. צוּבִּיסְלֶעךְ זֶענֶען זֵיי קְלוּגֶער גֶעוָוארְן און הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁפַּארְט דִי אִינְטֶערְנֶעט אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעלָאזְט הָאבְּן אַ טֶעבְּלֶעט וָואס הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטִיקְל פִילְטֶער, יֶעצְט הָאט אַ גֶעווִיסֶער מְחַנֵךְ זֵיי אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אַז דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט און זֵיי הָאבְּן מִיר אַלֶעס אַוֶועקְגֶענוּמֶען.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעהַאקְט פוּן דִי וֶועלְט, אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי זֵיי אַז אִיךְ ווִיל ווַייטֶער הָאבְּן אַ טֶעבְּלֶעט מִיט אַ גוּטֶע פִילְטֶער; דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען עֶס "אִינְטֶערְנֶעט רִמּוֹן", מֶען קֶען מִיט דֶעם זֶען נָאר אִימֶעילְס, הַיימִישֶׁע סַייטְס און כָּשֵׁר'ע גֶעפִילְטֶערְטֶע יוּטוּבּ, מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן מִיר דָאס אָבֶּער נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף אַייךְ און דֶערִיבֶּער וֶוענְד אִיךְ זִיךְ צוּ אַייךְ, אֶפְשָׁר שְׁרַייבְּט אִיר פַאר מִיר און פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען אִין דֶעם מַצָב?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיז מַמָשׁ מַיין לֶעבְּן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל שְׁרַייבְּן פַּאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַ בְּרִיוו אַז זֵיי זָאלְן דִיר לָאזְן הָאבְּן אִינְטֶערְנֶעט; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, וֶוען דוּ זָאלְסְט הֶערְן וִויפִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען דִי אִינְטֶערְנֶעט אִיז גוֹרֵם וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל דִיר עֶס לָאזְן הָאבְּן. אִינְטֶערְנֶעט אִיז אַ גְרוֹיסֶע צָרָה פַּאר אוּנְזֶער דוֹר, דָאס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער; הוּנְדֶערְטֶער שְׁטוּבֶּער זֶענֶען שׁוֹין צֶעטֵיילְט גֶעוָוארְן צוּלִיב דֶעם.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפּ וַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג. עֶר רֶעדְט צוּ אַ בָּחוּר צוּ קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה אוּן עֶר דַארְף שׁוֹין מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אִים צוּצוּרֶעדְן צוּ עֲבֵירוֹת, דֶער בָּחוּר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ, עֶר זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן קוּקְט אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז פַארְהַאן אוֹיף דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**נָאךְ** אַבִּיסְל וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, דוּ וֶועסְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן

אַ שְׁטוּב, אַלְס אַ טַאטֶע וֶועסְטוּ דַארְפְן זַיין אַ דֻגְמָא פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דַיינֶע קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם אַז דוּ אַלֵיינְס זִיצְט טָאג אוּן נַאכְט אוֹיפְ'ן אִינְטֶערְנֶעט?! אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר וַוארְף אַוֶועק דַיין סְמַארְטְפָאוֹן, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ אוּן עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין גוּטְס.

**אַז** מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעריסְן אוֹיךְ פוּן דִי וֶועלְט; דֶער יֵצֶר הָרָע רוּט נִישְׁט ווִילַאנְג עֶר רַייסְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ סַיי פוּן דִי וֶועלְט אוּן סַיי פוּן יֶענֶע וֶועלְט.

**רֶבִּי** אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ בְּלוֹיז זַיין רוּחָנִיּוּת, עֶר ווִיל אִים אוֹיךְ צוּנֶעמֶען זַיין גַשְׁמִיּוּת - זַיין לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר ווִיל אִים הַרְגְ'עֶנֶען אִינְגַאנְצְן"; דָאס פַּאסִירְט אַז מֶען קוּקְט שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען פַארְלִירְט דֶעם מֹחַ, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, פְּרֶעג אִיךְ דִיר: "צוּ וָואס דַארְפְסְטוּ דֶעם צָרָה?!"

**דָאס** וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ בִּיסְט אָפְּגֶעהַאקְט פוּן דִי וֶועלְט; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי. אֱמֶת, יֶעצְט אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זַיין אָן דֶעם וַוייל דוּ דַארְפְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן אִין ווִירְקְלִיכְקֵייט, דִי אַלֶע כֵּלִים נֶעמֶען דָאךְ אַוֶועק דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן מְצִיאוּת וְכוּ', אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז מֶען בִּכְלָל נִישְׁט אָפְּגֶעהַאקְט פוּן דִי וֶועלְט; דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אִינְטֶערְנֶעט אִיז נִישְׁט

אָפְּגֶעהַאקְט פוּן דִי וֶועלְט, טוֹיזְנְטֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים לֶעבְּן זַייעֶר אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן אוּן צִיעֶן אוֹיף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אָן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַ וֶועג צוּם אִינְטֶערְנֶעט.

**אִין** דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶע מֵיידְל אוּן אִיר וֶועט צוּזַאמֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב אוּן זֶען נַחַת פוּן עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תה

### שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן אַלְס בָּחוּר, לוֹיפְן מִיר נָאךְ אַלְס אִינְגֶערְמַאן

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין מִיט מַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵׁם דְרַיי זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דִי שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אוֹיךְ בָּרוּךְ הַשֵׁם פַיין. מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז וֶוען אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוֶוען זֶעכְצְן יָאר הָאט זִיךְ אִין מִיר אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר אוּן גֶעטוּן מִיט מִיר

כָּל דָּבָר אָסוּר, און זייט דעמאָלט קען איך נישט אויפהערן טראַכטן פון שמוציגע און שלעכטע זאכן רחמנא ליצלן.

איך האב געמיינט אז נאך די חתונה וועט זיך עס אויפהערן, למעשה איז אבער נישט געווען אזוי. דאס מאכט מיין לעבן זייער דעפרעסט און איך קען נישט אזוי אנגיין. איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר קענען געבן אן עצה און הדרכה ווי אזוי פטור צו ווערן פון די שלעכטע זאכן און האבן א רואיגע שיינע לעבן מיט מיין ווייב און קינדער.

א גרויסן יישר כח

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** האב ערהאלטן דיין בריוו.

**אִיךְ** בעט דיר זייער דו זאלסט זיך שטארקן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, דאס איז די איינציגסטע רפואה ווי אזוי מען קען זיך אויסהיילן פון אלע עבירות.

**דֶער** רבי האט דערציילט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, פון די זיבן בעטלערס - דעם לעצטן טאג): עס איז געווען א שלעכטע קעניג וואס האט פארכאפט א בת מלכה און זי איז אנטלאפן פונעם קעניג, האט דער קעניג ארויסגעשיקט זיינע באדינער מען זאל זוכן וואו זי איז, ביז מען האט איר געטראפן זיך דרייען ביי א שלאס פון וואסער. איז דער קעניג געגאנגען צום וואסעריגן פעסטונג מיט זיין מיליטער איר כאפן, ווען די בת

מַלְכָּה הָאט גֶעזֶען דֶעם מֶלֶךְ הָאַכְזָר הָאט זִי גֶעטְרַאכְט: 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ אַרַיין לוֹיפְן אִינֶעם שְׁלָאס פוּן וַואסֶער אוּן דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן ווִי אֵיידֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ הָאַכְזָר', וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען ווִי זִי לוֹיפְט אַרַיין אִין דִי וַואסֶערְדִיגֶע פַּאלַאץ הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִיר שִׁיסְן מִיט אַלֶע סָארְט פַיילְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁמִירְט מִיט אַלֶע סָארְט סַמְ'עֶן, מֶען הָאט אִיר גֶעשָׁאסְן מִיט דִי פַיילְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט טוֹיטְלִיכֶע סַם, אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַרָאפּ גֶעפַאלְן חֲלָשׁוּת, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן אִיךְ הֵייל זִי".

דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס זוּכְט צוּ פַארְכַאפְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער; עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט חֲלָשׁוּת, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוּן מֶען גֶעבְּט אוֹיף. קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט: "אוּן אִיךְ הֵייל זִי", דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים וָואס קֶען אוֹיסְהֵיילְן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִים אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע בְּלָאטֶע, עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה וְכוּ' רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ פָאלְגְט מֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען נֶעמְט זַיינֶע עֵצוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְ'ן

אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַײן אײגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ און אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים. דֶערִיבֶּער אַז דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט, דוּ בִּיסְט אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען גֶעבְּט אוֹיף אַזַא עֲבֵירָה סְקִילָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית מִיט דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן מִשְׁכַּב זָכָר רַחֲמָנָא לִצְלָן און דָאס לוֹיפְט דִיר נָאךְ בִּיז יֶעצְט, אִיז נִישְׁט דָא פַאר דִיר קַײן אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר אַז דוּ זָאלְסְט אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

**פָּאלְג** דֶעם רֶבִּי'ן און זַײ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן אײבֶּערְשְׁטְן, זַײ זִיךְ מִתְוַדֶה פַאר אִים און דֶערְצֵײל אִים אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן וְכוּ', בֶּעט אִים: "הֵײלִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ דַאנְק דִיר און אִיךְ לוֹיב דִיר אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט און אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ וואוֹילֶע וַוײבּ מִיט לִיבְטִיגֶע קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן מַײנֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס לוֹיפְן מִיר נָאךְ פוּן מַײנֶע אַלְטֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט; אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן און עֶס אִיז שוֹין גֶעוָוארְן אַ רְגִילוּת בַּײ מִיר צוּ זִינְדִיגְן, אַז אִיךְ קֶען פְּשׁוּט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטְס, עֶס לוֹיפְט מִיר נָאךְ, אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן.

הֵײלִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער רַאטֶעוֶוע מִיר! אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַײן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אײן צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן און צֶעקְלַאפְּט פוּן דֶעם. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ זִיךְ

צוּ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. 'לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים' - בַּאשַׁאף מִיר אַ נֵייעֶ רֵיינֶע הַארְץ, 'וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי', גֶעבּ מִיר אַ הֵיילִיגֶע ווִילְן, אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶועלְן טוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מַיין וַוייבּ אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן".

**זָאלְסְט** זָאגְן דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג אוּן אֲפִילוּ אַפָּאר מָאל אַ טָאג - אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת. יֶעדֶעס מָאל דַיין מֹחַ לוֹיפְט צוּרִיק צוּ דַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען דַיין מוֹיל אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם.

**מֶען** דַארְף שְׁרֵייעֶן "גֶעוַואלְד!" אוֹיף וָואס עֶס גֵייט פָאר אוֹיף דִי וֶועלְט; עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס כַאפְּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן רֵיינֶע קִינְדֶער אוּן טוּעֶן מִיט זֵיי עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס דָאס הַרְגֶ'עט זֵיי פַארְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן; עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים צוּ רֶעדְן אָפְן צוּ זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן. מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער: "אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל דִיר אָנְרִירְן וְכוּ', זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן וְכוּ', אָדֶער דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן". אוּן אַז מֶען כַאפְּט אַ מְנֻוָּל דַארְף מֶען אִים מְסַרֵם זַיין אוּן אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עֶר זָאל נִישְׁט אָוֶועק הַרְגֶ'עֶנֶען רֵיינֶע קִינְדֶער אוּן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע בָּחוּרִים.

**נָאך** אַן עֵצָה הָאט דֶער רֶבִּי פַּאר אוּנְז אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, דָאס אִיז "זָאגְן מִשְׁנַיוֹת"; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד". אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**זָאגְן** מִשְׁנַיוֹת אִיז דִי עֵצָה פַּאר אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; נָאר דָאס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא דְּוַיִּסַּע, פָּרָשָׁה א) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַּאר דִי אִידְן, אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמשֶׁה: אֱמוֹר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל, "דִּבְרֵי תוֹרָה שֶׁנָּתַתִּי לָכֶם רְפוּאָה הֵם לָכֶם, חַיִּים הֵם לָכֶם", שֶׁנֶּאֱמַר: כִּי חַיִּים הֵם לְמוֹצְאֵיהֶם, וְאוֹמֵר: רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דוּ זָאלְסְט אַרוֹיס זָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיט דַיין מוֹיל; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת לִמּוּד, חֵלֶק ב, סִימָן יא): "הַמּוֹצִיא דִּבְרֵי תוֹרָה בְּפִיו, נִצּוֹל מִדִּין סְקִילָה", וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען זָאגְט אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער מִיטְ'ן מוֹיל ווערְט מֶען נִיצוֹל פוּן סְקִילָה; דָאס וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה וָואס דוּ הָאסְט עוֹבֵר גֶעוֶוען. קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - וֶועט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע רְגִילוּת'עֶר.

**בַּאפּ** זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה): וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן, גֶעבְן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]: "אֲפִילוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו, וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"; פָאר צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן וֶועסְטוּ אַלֶעם פַארְרֶעכְטְן.

**דֶער** אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תו

## קֶען אִיךְ אֶפְשָׁר הָאבְּן אַ תְּפִלָּה אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְבָּארֶע דְרָשׁוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעוואָלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ אִינְדֶערְפְרִי יֶעדְן טָאג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דָא הָאסְטוּ אַ תְּפִלָּה אוֹיף צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי:**

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן; אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גוֹי, אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ קֶען זֶען, אִיךְ קֶען שְׁטֵיין אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ בַּאוֶועגְן.**

**הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין דֶעפְּרֶעסְט, עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ אוּמְמֶעגְלִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין**

חֵשֶׁק אַרוֹיס צוּ קוּמֶען פוּן בֶּעט וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן; דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, עֶר רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מִיר מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת כְּאִילוּ אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן, אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַז מַיין תוֹרָה אוּן מִצְוֹת גֵייעֶן צוּ דִי סִטְרָא אַחֲרָא. דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיז גוֹרֵם אַז אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן אִין בֶּעט שְׁלָאפְן.

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וִויסְן אַז דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאסְטוּ מִיר זֵייעֶר לִיבּ אוּן דוּ וַוארְטְסְט אוֹיף מַיין תוֹרָה וּתְפִלָּה; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, אִיךְ וֶועל לוֹיפְן אִין מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ גֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען".

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוֹיךְ דֶער פְּרָאבְּלֶעם פוּן נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין קוּמְט פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ נֵייטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. זֶע צוּ הֶערְן מוּזִיק יֶעדְן טָאג, טַאנְץ יֶעדְן טָאג אוּן זַיי זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוֹיף אַלֶעס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהֵייסְן פַאר אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶר זָאל טַאנְצְן יֶעדְן טָאג,

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים, סִימָן לח):
"וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט נִישְׁט זֶען דֶעם פָּנִים פוּן גֵיהִנוֹם".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## תז

### ווי אַזוֹי קֶענְט איר זָאגְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן פַאר אַ חָבֵר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶרע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַסַאךְ מָאל בַּיי אַייעֶרע דְרָשׁוֹת, וִוי אוֹיךְ גֶעלֵיינְט אִין דִי בְּרִיוו, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר אַ חָבֵר אָדֶער וֶועם אִימֶער זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן שְׁוַואכְקֵייטְן אִין אִידִישְׁקֵייט, עֶר זָאל עֶס נָאר דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דָאס זֶעט מִיר אוֹיס צוּ זַיין אַ סְתִירָה צוּ דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין צֶעטְל קָטָן (אות יג) אַז מֶען זָאל יָא נֶעמֶען אַ בַּאגְלֵייבְּטֶער חַבֵר אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען טְרַאכְט. וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: "לְסַפֵּר בְּכָל פַּעַם לִפְנֵי הַמּוֹרֶה לוֹ דֶּרֶךְ הַשֵּׁם, וַאֲפִילוּ לִפְנֵי חָבֵר נֶאֱמָן כָּל הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהִרְהוּרִים רָעִים אֲשֶׁר הֵם נֶגֶד תּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה אֲשֶׁר הַיֵּצֶר הָרָע מַעֲלָה אוֹתָן עַל מֹחוֹ

וְלִבּוֹ, הֵן בִּשְׁעַת תּוֹרָה וּתְפִלָּה, הֵן בְּשָׁכְבוֹ עַל מִטָּתוֹ, וְהֵן בְּאֶמְצַע הַיּוֹם, וְלֹא יַעֲלִים שׁוּם דָּבָר מֵחֲמַת הַבּוּשָׁה; וְנִמְצָא עַל יְדֵי סִיפּוּר הַדְּבָרִים שֶׁמּוֹצִיא מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל, מְשַׁבֵּר אֶת כֹּחַ הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁלֹּא יוּכַל לְהִתְגַּבֵּר עָלָיו כָּל כָּךְ בְּפַעַם אַחֶרֶת, חוּץ עֵצָה הַטּוֹבָה אֲשֶׁר יוּכַל לְקַבֵּל מֵחֲבֵרוֹ שֶׁהוּא דֶּרֶךְ הַשֵּׁם, וְהוּא סְגוּלָה נִפְלָאָה".

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר דָאס פַארְעֶנְטְפֶערְן, וַוייל דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְפְּלָאנְטֶעֶרְט וֶוערְן מִיט דִי פְּלָאנְטֶער וָואס רוּפְט זִיךְ "חֲבֵרִים", אוּן מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז 'אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'; אַזוֹי ווִי מוֹהֲרַ"ש שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה (צַוָּאַת מוֹהֲרַ"שׁ, אוֹת ט): "זִכְרוּ הֵיטֵב וּתְיַישְּׁבוּ עַצְמְכֶם וְאָז תִּרְאוּ כִּי שָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם, וְהַכֹּל הֶבֶל הֲבָלִים", גֶעדֶענְקְט גוּט אוּן נֶעמְט גוּט אַרַיין אִין אֵייעֶר קָאפּ אַז אִיר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, "אַף אֶחָד לֹא יָכוֹל לַעֲזוֹר לָכֶם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהַזִּיק לָכֶם", קֵיינֶער קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, "וְעַל כֵּן אַל תִּירְאוּ וְאַל תֵּחַתּוּ

מִשּׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאַל תַּחֲנִיפוּ אֶת שׁוּם בְּרִיָּה, כִּי לֹא יוֹעִיל כְּלָל, אֶלָּא עוֹד יַזִּיק לָכֶם בִּבְרִיאוּתְכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זָאלְט נִישְׁט חַנְפֶ'עֶנְען קֵיינֶעם, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, פַארְקֶערְט דָאס וֶועט אַייךְ שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, "כִּי כְּשֶׁאָדָם שָׂם בִּטְחוֹנוֹ בְּבָשָׂר וָדָם, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁאֵינוֹ נַעֲשָׂה כִּרְצוֹנוֹ אֲזַי בָּא לִידֵי אַכְזָבוֹת גְּדוֹלוֹת עַד מְאֹד, וְנִשְׁבָּר לְגַמְרֵי, וְנוֹפֵל רוּחוֹ, וְנֶחֱלַשׁ דַּעְתּוֹ", וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן אוּן עֶר קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, "אֲבָל בָּזֶה שֶׁמַּכְנִיסִים אֶת עַצְמוֹ לְגַמְרֵי בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, אָז מַצְלִיחִים בְּכָל הָעִנְיָנִים, כִּי אֵינוֹ חוֹנֵף לְשׁוּם בְּרִיָּה, וְכֵן אֵינוֹ מִתְיָרֵא מִשּׁוּם בְּרִיָּה, וְחַי אֶת הַחַיִּים שֶׁלּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אִים - אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ, עַיֵּין שָׁם.

**דָאס** הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז מִיר הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (צֶעטְל קָטָן, אוֹת יג): "לְסַפֵּר בְּכָל פַּעַם לִפְנֵי הַמּוֹרֶה לוֹ דֶרֶךְ הַשֵּׁם, וַאֲפִילוּ לִפְנֵי חָבֵר נֶאֱמָן - כָּל הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהִרְהוּרִים רָעִים אֲשֶׁר הֵם נֶגֶד תּוֹרָתֵינוּ הַקְּדוֹשָׁה וְכוּ'", מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן

פַאר אַ רֶבִּי אָדֶער פַאר אַ בַּאגְלֵייבְּטֶער חָבֵר אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה, אוּן נֶעמֶען פוּן אִים אַן עֵצָה וְכוּ' - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה צוּ דָאס וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז מַזְהִיר זַיין אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מֵיינְט אַ 'חָבֵר', אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֵּירוּשׁ הַמִּשְׁנָיוֹת דְּמַאי ב, ג): "'חָבֵר' - נִקְרָא תַּלְמִיד חָכָם, וְכֵן יִקְרְאוּ לְתַלְמִידֵי חֲכָמִים 'חֲבֵרִים'", אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן אִין גְמָרָא רוּפְט מֶען אָן אַ תַּלְמִיד חָכָם מִיט'ן נָאמֶען 'חָבֵר' אוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים - 'חֲבֵרִים', פַארְוָואס רוּפְט מֶען זֵיי אָן מִיט'ן נָאמֶען חֲבֵרִים? "כִּי חֶבְרָתָם זֶה לָזֶה חֶבְרָה נֶאֱמָנָה, כִּי הִיא חֶבְרָה לְשֵׁם שָׁמַיִם", דַוְקָא אַ תַּלְמִיד חָכָם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - אִיז אַ רִיכְטִיגֶער חָבֵר נֶאֱמָן, אָבֶּער סְתָּם מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועט דִיר הֶעלְפְן מִיט עֵצוֹת, עֶר וֶועט דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן סְתָּם מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, סֵיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה, סֵיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה - אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת, בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד; וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה? זָאגְט

דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִידוּי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", אוּן וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ צוּ מִתְוַדֶה זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

**אָבֶּער** אִין אַ פַאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז עֶר דַארְף צוּ אֵיינֶעם רֶעדְן, צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן; עֶר הָאט אִין זִיךְ שׁוּלְד גֶעפִילְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וְכוּ' אוּן עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר מוּז דָאס פַאר אֵיינֶעם דֶערְצֵיילְן, זָאל עֶר זוּכְן דַוְקָא אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֵיינֶער וָואס אִיז דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן פוּן אִים נֶעמֶען אַן עֵצָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תח

### וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן חוֹבוֹת?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּם גוּטְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעטְרָאפְּן אִין גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת פוּן אִיבֶּער פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ דֶרֶךְ פוּן בְּרֶסְלֶב פוּן אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע מַשְׁפִּיעִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס עֶר זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת פַאר אַ גַאנְצֶע שָׁעָה יֶעדְן טָאג, עֶר שְׁרַייבְּט אִין זַיין סֵפֶר אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט, עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה וָואס דִי שְׁטְרָאף אוֹיף דֶעם אִיז אַז מֶען וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב, אִיז עֶר מַסְבִּיר דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן אוּן עֶר מַאכְט אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם שָׁעָה, דִי עֶרְשְׁטֶע הַאלְבֶּע שָׁעָה דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן[יא] פַאר דִי מַתָּנָה פוּן חוֹבוֹת, וַוייל 'אוֹיבּ דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אַריינְגֶעפִירְט אִין חוֹבוֹת אִיז דָאס זִיכֶער גוּט פַאר מִיר', אוּן בַּיי דִי צְווייטֶע הַאלְבּ פוּנֶעם שָׁעָה דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן 'עֶר זָאל מִיר אוֹיפְמַאכְן דִי אוֹיגְן צוּ זֶען וֶועלְכֶע עֲבֵירָה אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ בַּעַל חוֹב'. אִיךְ טוּ דָאס שׁוֹין פַאר בְּעֶרֶךְ פִינְף זֶעקְס חֳדָשִׁים, אוּן דֶער מַצָּב אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אַסַאךְ בֶּעסֶער.

לְעַצְמְנָם הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַחַל אוּן עֶס זֶעט מִיר נִישְׁט אוֹיס אַז מוֹהֲרַ"שׁ אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם מְהַלֵּךְ, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר קְלָאר שְׁטֶעלְן וָואס אִיז

---

יא. מֶער אִיבֶּער דֶעם אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תלג.

דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג פַאר מִיר לוֹיט וִוי מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶעלֶערְנְט, וִוי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה וָואס בְּרֶענְגְט חוֹבוֹת, אוּן אַ וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן חוֹבוֹת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ לֶעבְּסְט מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת;
דֶער רֶבִּי בְּלָאזְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ חַיוּת - אַ לֶעבְּן
אַז מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אֶנְצוּגֵיין
אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז שְׁוֶוערֶע צַייטְן.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג וְויאַזוֹי אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן חוֹבוֹת; מֶען זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלֶעךְ. אַז דוּ הָאסְט חוֹבוֹת אִין דִי סוּמֶע פוּן פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, הֵייבּ אָן צוּ בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלֶעךְ, זָאג נִישְׁט: 'וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן דִי גַאנְצֶע סְכוּם אוֹיף אֵיין מָאל וֶועל אִיךְ עֶס בַּאצָאלְן', נָאר טוּ אַזוֹי: אַז דוּ קוּמְסְט פַארְ'ן פִּישׁ גֶעשֶׁעפְט טוֹיזְנְט דָאלֶער וַוארְט נִישְׁט בִּיז דוּ וֶועסְט הָאבְּן טוֹיזְנְט דָאלֶער אִים צוּ בַּאצָאלְן, וַוייל קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין עֶקְסְטֶערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאס צוּ גֵיין בַּאצָאלְן אוֹיף אֵיין מָאל,

אָבֶער אַ פִינְפֶער הָאסְטוּ - יָא? גֵיי אַרַיין און לֵייג עֶס אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן, און אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי דִי אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער וואו דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג גֶעלְט, גֵיי יֶעצְט און טְרָאג אַרַיין אִין גֶעשֶׁעפְט אַ פִינְפֶער, אַ צֶענֶער, אַ צְוָואנְצִיגֶער; וִויפִיל דוּ הָאסְט אִין טַאשׁ.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים לֶערְנֶען אוּנְז (אָבוֹת ב, ד): "אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפְנֶה" - זָאג נִישְׁט וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן וֶועל אִיךְ בַּאצָאלְן, "שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה" - ווייל וֶוער זָאגְט אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן צוּ בַּאצָאלְן? אַז מֶען פָאלְגְט אַ צַדִיק און מֶען צָאלְט צוּבִּיסְלֶעךְ, דַאן קוּמְט אַרַיין דִי בְּרָכָה און מֶען קֶען אַלֶעס בַּאצָאלְן.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאט עֶר אַלֵיינְס אָפְּגֶעדְרוּקְט אַלֶע דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שׁוּלְדִיג פַארְ'ן דְרוּקֶער אִיבֶּער אַכְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער (אֲפִילוּ הַיינְט אִיז אַכְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער אַסַאךְ גֶעלְט, כָּל שֶׁכֵּן דֶעמָאלְט בַּיָמִים הָהֵם אִיז עֶס גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל דִי הַיינְטִיגֶע וֶוערְד), פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים וִוי אַזוֹי עֶר הָאט בַּאצָאלְט דֶעם מַדְפִּיס; עֶר הָאט דָאס אַלֵיינְס בַּאצָאלְט אָן קַיין עַסְקָנִים און אָן קַיין גְמַ"חְ'ן, עֶר אִיז יֶעדְן טָאג אַרַיין צוּם דְרוּקֶער און בַּאצָאלְט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל עֶר הָאט גֶעהַאט אִין טַאשׁ, בִּיז עֶר הָאט אַלֶעס בַּאצָאלְט. און אַזוֹי פִירְן זִיךְ דִי עֶרְלִיכֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, זֵיי בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלֶעךְ וואו זֵיי זֶענֶען שׁוּלְדִיג.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וָואס אִיז דִי עֲבֵירָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "יֵשׁ עֲבֵירָה שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵירָה הַהִיא שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא עֲבֵירוֹת וָואס

דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ בַּעַל חוֹב;
דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.
וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז חַס וְשָׁלוֹם פּוֹגֵם בִּבְרִית, עֶר הִיט זִיךְ
נִישְׁט דִי אוֹיגְן, עֶר קוּקְט מָאוִויס אוּן קְלִיפֶּס פוּן עֲבֵירוֹת
רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט זַיין מֹחַ אוּן עֶס וַוארְפְט
אִים אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת, עֶר מֵיינְט אַז עֶר מוּז בָּארְגְן
גֶעלְט, אוּן צוּם סוֹף בְּלַייבְּט עֶר נֶעבֶּעךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן אַלֶע חוֹבוֹת אִיז אַז
מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְ'ן
אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים אַז מֶען זָאל אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן
דִי בְּלָאטֶע וואוּ מֶען אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן, מֶען בֶּעט אִים עֶר
זָאל גֶעבְּן שֶׁפַע כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ יֶעדְן
טָאג, עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שֶׁפַע
אוּן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת.

**אוֹיבּ** דוּ ווילְסְט בֶּאֱמֶת בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען
דִי עֵצָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: גֵיי נָאךְ גֶעלְט
יֶעדְן טָאג אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת;
עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה
צוּ זַיין אַ גַנָּב, עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה וֶוען מֶען בָּארְגְט גֶעלְט אוּן
מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט.

**עַל פִּי הֲלָכָה** (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) **אוֹיבּ** מֶען הָאט נִישְׁט
קַיין גֶעלְט קֶען מֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ אַלֵיינְס;

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין שְׁטוּב אִיז נִישְׁט כְּדֵי צוּ זָאגְן אַז מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ, מֶען זָאגְט 'אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר אַ חַבֵר וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב', וד"ל.

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען בַּאצָאלְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בִּיזְ'ן לֶעצְטְן פְּרוּטָה כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט אָן צוּ זַיין שׁוּלְדִיג פַאר אַ צְוֵוייטְן אֲפִילוּ אֵיין פְּרוּטָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תט

### אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט סְפֵיקוֹת אִין הֲלָכָה שְׁאֵלוֹת, וָואס אִיז דִי עֵצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי דְרָשׁוֹת וָואס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אִיר רֶעדְט פוּן תְּפִלָּה.

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט אַסַאךְ עֶנְקְזַייעֶטִי אִין הֲלָכָה, בְּעִיקָר אִין בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אוּן אִין בָּשָׂר בְּחָלָב. אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט 'אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ אֵיינֶעם גֶעזָאגְט אַ וָוארְט

וָואס הָאט יֶענֶעם גֶעטְשֶׁעפֶּעט?' 'אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ אַמָאל גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע?' אוּן עֶס פַּיינִיגְט מִיר כְּסֵדֶר אַז אִיךְ דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם אִיבֶּערְבֶּעטְן. אוּן אוֹיךְ אִין קָאךְ הָאבּ אִיךְ אַלְץ מוֹרָא אַז אֶפְשָׁר טוֹיג עֶפֶּעס נִישְׁט מִיט דִי טֶעפּ, אִיךְ שְׁפִּיר קֵיינְמָאל נִישְׁט זִיכֶער אַז עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט אֶפְשָׁר אוֹיסְגֶעמִישְׁט עֶפֶּעס מִילְכִיגְס אוּן פְלֵיישִׁיגְס.

אֶפְשָׁר הָאט אִיר פַאר מִיר אַן עֵצָה אָדֶער אַ תְּפִלָּה וָואס וֶועט מִיר הֶעלְפְן?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁאֵלָה אִין סַיי וָואס פַאר אַ נוֹשֵׂא - צִי אִין קָאךְ מִיט בָּשָׂר בְּחָלָב, אָדֶער אִין הִלְכוֹת טָהֳרָה וְכוּ' דַארְף מֶען פְרֶעגְן אַ דַיָּין. אוּן אַז דֶער דַיָּין זָאגְט אַז דָאס אִיז גוּט דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אִיז גוּט, עֶס עֶקְזֶעסְטִירְט נִישְׁט קַיין אִיבֶּער קְלֶערְן אוּן אִיבֶּער טְרַאכְטְן, וַוייל ווִי אַזוֹי דֶער דַיָּין פַּסְקְ'נְט אַזוֹי אִיז דִי הֲלָכָה.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): "וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד"; יֶעדֶע שְׁאֵלָה וָואס מֶען הָאט - סַיי אִין הֲלָכָה סַיי אִין מִנְהָג - דַארְף מֶען פְרֶעגְן אַן עֶרְלִיכְן רָב. דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער אִיד; יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט דַארְף זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי תוֹרָה. אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ הָאט מֶען חַס וְשָׁלוֹם

אַ דִין וּדְבָרִים מִיט אַ צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ עֶס רֶעדְט זִיךְ אִיבֶּער אַ פְּרוּטָה, ווייל (סַנְהֶדְרִין ח.): "דִּין פְּרוּטָה כְּדִין מֵאָה", אֵיין פְּרוּטָה הָאט דִי זֶעלְבֶּע הֲלָכָה ווי הוּנְדֶערְט פְּרוּטוֹת - דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ רָב עֶר זָאל פַּסְקְ'עֶנֶען וָואס צוּ טוּן אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ אַלֵיינְס פַּסְקְ'עֶנֶען בַּיי קַיין שׁוּם פַאל.

**דָאס** וָואס אִיר זֶענְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ, אִיר הָאט אַלְץ מוֹרָא וְכוּ'; דַארְפְט אִיר ווִיסְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וָוען מֶען הֵייבְט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶּׁעוֹשֶׂה", דָאס וָואס מֶען טְרַאכְט צִי מֶען אִיז יוֹצֵא דִי מִצְוָה וָואס מֶען טוּט - צִי נִישְׁט; מֶען אִיז מְדַקְדֵּק אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרַיין טְרַאכְטְן: 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט יוֹצֵא, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ יָא יוֹצֵא', דָאס אַלֶעס בְּרֶענְגְט דֶערְצוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן רַחֲמָנָא לִצְלָן. "כִּי בָּשָׂר וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת", ווייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט

יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵמוּת, "וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא וְכוּ'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט נִישְׁט אַ וֶועג ווי אַזוֹי עֶר קֶען אוּנְז כַאפְּן אוּן אוֹיפְוַוייזְן אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט טוּן דִי מִצְוֹת, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מֶענְטְשְׁן, "וְלֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת, עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וְחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", אוּן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען אַלְץ מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחוֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט אוּן לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת, וַוייל דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

**בְּעֶטְס** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן, מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע אַיעֶרֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תי

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט, אַז מַיין טַאטֶע הָאט גָארְנִישְׁט מִיר צוּ גֶעבְּן?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר הָאט אַסַאךְ חוֹבוֹת. אַסַאךְ מָאל דַארְף אִיךְ עֶפֶּעס קוֹיפְן אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פוּן וֶועם צוּ בֶּעטְן גֶעלְט, וַוייל מַיין טַאטֶע הָאט בֶּאֱמֶת מִיר נִישְׁט צוּ גֶעבְּן אוּן אִיךְ הָאבּ זִיכֶער נִישְׁט. זָאל אִיךְ אֶפְשָׁר גֵיין נָאךְ צְדָקָה? אָדֶער זָאל אִיךְ גֵיין אַרְבֶּעטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**בְּלַייבּ** אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען תּוֹרָה. דוּ וֶועסְט נָאךְ גֶענוּג אַרְבֶּעטְן אִין לֶעבְּן; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן דוּ וֶועסְט דַארְפְן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ יוֹצֵא זַיין דֶעם (בְּרֵאשִׁית ג, יט): "בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם"; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

**אִין** שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת צְדָקָה וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג), אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט מֶעג גֵיין נָאךְ גֶעלְט; דֶערִיבֶּער אַז דַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר זִינְקְט אִין חוֹבוֹת אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט פוּן וֶועם צוּ בֶּעטְן גֶעלְט וֶוען דוּ דַארְפְסְט קוֹיפְן מַלְבּוּשִׁים וְכַדוֹמֶה - מֶעגְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט; אָבֶּער גֵיי נִישְׁט נָאךְ גֶעלְט נָאר פַאר וָואס דוּ דַארְפְסְט.

**גֵיי** נָאךְ גֶעלְט פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה ווִי דָאס אַז אַ קִינְד הֶעלְפְט זַיינֶע עֶלְטֶערְן. בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אִיז דָאס אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַלֶע בָחוּרִים, זֵיי גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט יֶעדֶע נַאכְט בַּיי הַייזֶער אוּן בַּיי חֲתוּנוֹת; אַבִּיסְל בְּרֶענְגֶען זֵיי פַאר דִי יְשִׁיבָה אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע גֶעלְט גֶעבְּן זֵיי פַאר דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי צָאלְן אוֹיס דֶעם בַּאלַאנְס אִין גְרָאסֶערִי אוּן בַּיי דִי פִישׁ אוּן פְלֵייש גֶעשֶׁעפְט; זֵיי דֶערְשְׁמֶעקְן אִין שְׁטוּב וואוּ מֶען דַארְף גֶעלְט אוּן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף גֶעלְט אוּן שְׁטֶעלְן דָאס צַאם שְׁטִילֶערְהֵייט.

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה ווִי הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶעבְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה, פָּרָשָׁה כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאב עֶס בַּאשַׁאפְן אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ "אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן"; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען פְלַייסִיג. מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת

**רוּחַ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן וִויפִיל דוּ קֶענְסְט.**

**אַז** דוּ גֵייסְט צַאמְשְׁטֶעלְן גֶעלְט פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, וַוייל עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד אַז אַ קִינְד הַאלְט אוּיס זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן עֶר רֶעדְט צוּ זֵיי מִיט חוּצְפָּה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה פֶּרֶק א, הֲלָכָה א): "יֵשׁ שֶׁהוּא מַאֲכִיל אֶת אָבִיו פַּטוּמוֹת, וְיוֹרֵשׁ גֵיהִנָּם", עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ קִינְד וָואס הַאלְט אוּיס זַיין טַאטֶע, עֶר בְּרֶענְגְט אִים צוּ עֶסְן גֶעשְׁטָאפְּטֶע גֶענְז, מִיט דֶעם אַלֶעם וֶועט עֶר גֵיין אִין גֵיהִנוֹם, "וְיֵשׁ שֶׁהוּא מַטְחִינוֹ בָּרֵחַיִם, וְיוֹרֵשׁ גַּן עֵדֶן", וִוידֶערְאוּם אִיז דָא אַמָאל אַ קִינְד וָואס מַאכְט זַיין טַאטֶע טוּן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט עֶר הָאבְּן גַן עֵדֶן; וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט זַיין טַאטֶע צוּ עֶסְן דִי בֶּעסְטֶע עֶסְן זָאל גֵיין אִין גֵיהִנוֹם? בְּרֶענְגְט דִי גְמָרָא אַרָאפּ אַ מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה בְּאֶחָד שֶׁהָיָה מַאֲכִיל לְאָבִיו תַּרְנְגוֹלִים פְּטוּמִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט אוּיסְגֶעהַאלְטְן זַיין טַאטֶע, דֶער טַאטֶע אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרְבֶּעטְן אוּן דֶער זוּן פְּלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג גֶעשְׁטָאפְּטֶע גֶענְז, "פַּעַם אַחַת אָמַר לוֹ אָבִיו: בְּנִי, הַלָּלוּ מִנַּיִן לְךָ", אֵיין טָאג פְּרֶעגְט אִים זַיין טַאטֶע: פוּן וואוּ הָאסְטוּ אַזֶעלְכֶע גֶעשְׁמַאקֶע גֶענְז? "אָמַר לוֹ: זָקֵן, זָקֵן, אֱכֹל וּשְׁתוֹק, שֶׁהַכְּלָבִים אוֹכְלִים וְשׁוֹתְקִים", הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם טַאטְן מִיט גֶעשְׁפֶּעט: אַלְטֶע טַאטֶע וָואס רֶעדְסְטוּ אַזוֹיפִיל, שְׁוַוייג אוּן עֶס, אֲפִילוּ

הִינְט וֶוען זֵיי עֶסְן בִּילְן זֵיי נִישְׁט, פְּרֶעג נִישְׁט קַיין קַשְׁיוּת, עֶס אוּן שׁוֵוין, "נִמְצָא מַאֲכִיל אֶת אָבִיו פְּטוּמוֹת, וְיוֹרֵשׁ גֵּיהִנֹּם", קוּמְט אוֹיס אַז אֵין הָכִי נַמֵּי, עֶר גֶעבְּט טַאטֶע צוּ עֶסְן דֶעם טַאטְן, אָבֶּער עֶר וֶועט גֵּיין בַּיים סוֹף אִין גֵיהִנוֹם, וַוייל עֶר רֶעדְט מִיט חוּצְפָּה.

**נָאכְדֶעם** אִיז דָא אֵיינֶער וָואס נֶעמְט דֶעם טַאטְן צוּ אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט עֶר גֵּיין אִין גַן עֵדֶן, ווי אַזוֹי אִיז דָאס שַׁיָיךְ? דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא: "מַעֲשֶׂה בְּאֶחָד שֶׁהָיָה טוֹחֵן בָּרֵחַיִים", עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער בַּיי אַ מִיל, "שָׁלַח הַמֶּלֶךְ לְהָבִיא טוֹחֲנִים לַעֲבוֹדָתוֹ", אֵיין טָאג הָאט דֶער אִידְ'ס טַאטֶע בַּאקוּמֶען אַ בַּאפֶעל פוּנֶעם קֶענִיג עֶר זָאל קוּמֶען אַרְבֶּעטְן בַּיי אִים אִין פַּאלַאץ, "אָמַר לוֹ לְאָבִיו, אַבָּא, הִכָּנֵס וּטְחֹן תַּחְתַּי וַאֲנִי אֵלֵךְ לַעֲבוֹדַת הַמֶּלֶךְ", הָאט דֶער זוּן גֶעזָאגְט: טַאטֶע, נֶעם אִיבֶּער מַיין אַרְבֶּעט בַּיים מִיל אוּן אִיךְ וֶועל גֵּיין אַנְשְׁטָאט דִיר אַרְבֶּעטְן בַּיים קֶענִיג, "אִם יַגִּיעַ לִידֵי בִּזָּיוֹן, אֶתְבַּזֶּה אֲנִי וְלֹא אַתָּה", אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט בַּיים קֶענִיג, (אָדֶער ווי רַשִׁ"י זָאגְט (בַּבְלִי קִידוּשִׁין לא:): וַאֲנִי אֵלֵךְ תַּחְתֶּיךָ לַעֲבוֹדַת הַמֶּלֶךְ שֶׁאֵין לָהּ קִצְבָה), "נִמְצָא מַטְחִינוֹ בָּרֵחַיִים, וְיוֹרֵשׁ גַּן עֵדֶן", קוּמְט אוֹיס אַז דֶער הָאט גֶעמַאכְט זַיין טַאטֶע אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אוּן עֶר בַּאקוּמְט שָׂכָר אוֹיף דֶעם; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ הֶעלְפְן אַ טַאטֶע בְּלוֹיז מִיט גֶעלְט, וַוייל אוֹיב מֶען רֶעדְט מִיט עַזּוּת וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ.

**דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג און הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אַז דו זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג קֶענֶען הֶעלְפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## תי"א

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן זִיצְן אִין כּוֹלֵל נָאךְ דִי חֲתוּנָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת וָואס הָאט מִיר מַמָשׁ גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כּוֹחוֹת אוֹיף וַוייטֶער.

אִיךְ בִּין אַ חָתָן וָואס הַאלְט פַאר דִי חֲתוּנָה, דִי שִׂמְחָה אִיז גְרוֹיס אַז אִיךְ גֵיי אָנְהוֹיבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן ווִי אַ מֶענְטְשׁ, אָבֶער אֵיין זַאךְ קְרֶענְקְט מִיר, דָאס אִיז וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן כּוֹלֵל. מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל פַאר פִינְף יָאר, אִיךְ קֶען טַאקֶע לֶערְנֶען און אִיךְ הָאב לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ קֶען גוּט גְרוֹיסֶע חֲלָקִים אִין שַׁ"ס און אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת, נָאכְאַלְץ שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר אַז אִיךְ גֵיי דַארְפְן קְוֶועטְשְׁן דִי בַּאנְק אִין כּוֹלֵל פַאר אַזוֹי לַאנְג, נָאכְדֶערְצוּ - ווִי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֵייגְט עֶס אַרָאפּ - אַז עֶס קוּמְט אוֹיס קוֹים פִינְף טֶעג אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען לֶערְנְט טַאקֶע מִיט אַ חַבְרוּתָא. אֶפְשַׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דֶעם כּוֹלֵל פְּרָאבְּלֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן, שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אוּן כֹּחַ מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

בְּנוֹגֵעַ צִי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל וְכוּ'; זַיי מִיר מוֹחֵל אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ פְרֶעגְסְט. פוּן אֵיין זַייט שְׁרַייבְּסְטוּ אַז דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען אוּן דוּ הָאסְט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעלֶערְנְט אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן שַׁ"ס, אוֹיךְ הָאסְטוּ שׁוֹין דוּרְכְגֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת שַׁבָּת, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁרַייבְּסְטוּ אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען, דֶערְפַאר וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן.

אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן: "גֵיין לֵיידִיג טָאר מֶען נִישְׁט"; נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אֵיין טָאג צִי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז מֶען גֵייט לֶערְנֶען פִינְף יָאר. אוֹיבּ אִיז אַזוֹי ווִי דוּ זָאגְסְט - אַז דוּ לֶערְנְסְט, וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט גֵיין אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רעב) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז): הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ - ״זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שֶׁלֹּא יָשִׂים לְנֶגֶד עֵינָיו כִּי אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם. הֵן בְּעֵסֶק פַּרְנָסָה וְהִצְטָרְכוּתוֹ צָרִיךְ שֶׁלֹּא יַחֲשֹׁב מִיּוֹם לַחֲבֵרוֹ כַּמּוּבָא בַּסְּפָרִים, וְכֵן בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ לֹא יָשִׂים לְנֶגֶד עֵינָיו כִּי אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם וְאוֹתוֹ הַשָּׁעָה״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס צוּ טוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת דַארְף עֶר נֶעמֶען דֶעם כְּלַל פַאר זִיךְ - צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְ׳ן הַיינְטִיגְן טָאג; ״כִּי כְּשֶׁרוֹצִין לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה׳ נִדְמֶה לְהָאָדָם כְּאִלּוּ הוּא מַשָּׂא כָּבֵד, וְאִי אֶפְשָׁר לוֹ לִשָּׂא מַשָּׂא כָּבֵד כָּזוּ״, וַוייל וֶוען מֶען ווִיל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאכְט זִיךְ פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַז עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טְרַאכְטְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי עֲבוֹדָה, ״אֲבָל כְּשֶׁיַּחֲשֹׁב שֶׁאֵין לוֹ רַק אוֹתוֹ הַיּוֹם, לֹא יִהְיֶה לוֹ מַשָּׂא כְּלָל״, אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער, ״וְגַם שֶׁלֹּא יִדְחֶה אֶת עַצְמוֹ מִיּוֹם לְיוֹם לֵאמֹר מָחָר אַתְחִיל, מָחָר אֶתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה וּבְכֹחַ כָּרָאוּי, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה בִּשְׁאָר הָעֲבוֹדוֹת, כִּי אֵין לְאָדָם בְּעוֹלָמוֹ כִּי אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם וְאוֹתוֹ הַשָּׁעָה שֶׁעוֹמֵד בּוֹ, כִּי יוֹם הַמָּחֳרָת הוּא עוֹלָם אַחֵר לְגַמְרֵי״, אַז מֶען טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וֶועט מֶען דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיפְ׳ן מָארְגְנְדִיגְן טָאג אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט זָאגְן: ׳מָארְגְן וֶועל אִיךְ גֵיין דַאוֶונֶען, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן וְכוּ׳׳, וַוייל אִיךְ הָאבּ דָאךְ נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: ״הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ״, ׳הַיּוֹם׳ דַּיְקָא, וְהָבֵן, עַיֵּין שָׁם.

טֵייעֶרֶער חָתָן, גֵיי צוּ דַיין חֲתוּנָה מִיט דִי הַקְדָמָה פוּן רֶבִּי'ן, אַז: "הַיוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ, 'הַיוֹם' דַיְקָא", אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין טָאג - דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַז** דוּ הָאסְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען אוּן דוּ הָאסְט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ זִיכֶער בְּלַייבְּן לֶערְנֶען; אָבֶּער אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט, דוּ קֶענְסְט טַאקֶע לֶערְנֶען אוּן דוּ פַארְשְׁטֵייסְט גָאר גוּט לֶערְנֶען אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה גֵייסְטוּ לֵיידִיג, דוּ זֶעסְט זִיךְ בַּטְלְ'עֶן צַייט, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אָן עֶפֶּעס אַ סֵפֶר, זָאלְסְטוּ זִיךְ גְלַייךְ טְרֶעפְן אַ פַּרְנָסָה כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיין פַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וַוייל גֵיין לֵיידִיג אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָה וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט צוּ עֲבֵירוֹת אוּן צוּ דֶעפְּרֶעשְׁן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תיב

**וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גֶעפִיל צוּ הִתְבּוֹדְדוּת?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל אַייךְ נָאכְאַמָאל דַאנְקֶען פַאר אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, אוֹיסֶער אַלֶע אִיבְּרִיגֶע מַעֲלוֹת וָואס אִיר פַארְמָאגְט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ אוֹיךְ בַּאשָׁאנְקֶען מִיט אַ קְלָארֶע שְׁפְּרַאךְ, אַז אֲפִילוּ אַ קְלֵיין קִינְד קֶען פַארְשְׁטֵיין פוּן דִי דְרָשׁוֹת וָואס מֶען הָאט צוּטוּן אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַ לֶענְגֶערֶע צַייט גֶעשְׁפִּירְט זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם אִין הִתְבּוֹדְדוּת, אַזוֹי וַוייט אַז אִיךְ פְלֶעג הָאבְּן אַ חַבֵר פַארְוֶועם אִיךְ פְלֶעג דֶערְצֵיילְן מַיינֶע זַאכְן אוּן עֶס הָאט מִיר שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט, אָבֶּער יֶעצְט הָאט זִיךְ בַּיי מִיר פַארְמַאכְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ, אִיךְ שְׁפִּיר מֶער נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֶפְשָׁר הָאט אִיר פַאר מִיר אַן עֵצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אִין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח - וֶועסְטוּ הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק אָנְצוּוֵיין מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לְבִלְתִּי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְּצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל, אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - סֵיי אִין תּוֹרָה סֵיי אִין תְּפִלָּה, "וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב, כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", גֶעדֶענְק גוּט וָואס אִיךְ זָאג דִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וַוייל וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ דָאס דַארְפְן גוּט וִויסְן, "כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ, לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ", וַוייל מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ' וְכוּ', מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת; לֶערְן דוּרְךְ דֶעם גַאנְצְן תּוֹרָה וֶועסְטוּ הָאבְּן שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דֶעם, דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ וַוייטֶער אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר; קוּק נִישְׁט אוֹיף קַיין גֶעפִילְן - צִי דוּ שְׁפִּירְסְט יָא אַ טַעַם אִין דֶעם צִי דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט אַ טַעַם, אוּן אֲפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ דִיר אַז מֶען דַארְף דִיר נִישְׁט אוּן מֶען אִיז דִיר מְרַחֵק וְכוּ', זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

מֵיין נִישְׁט אַז דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דִי

## שְׁוֶועריקֵייטְן און נָאךְ אַסאךְ מֶער נִסְיוֹנוֹת ווי מִיר הָאבְּן, דָאךְ הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, און קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, "רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַארְקֶערְט, ווי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט ווי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסאךְ יָארְן און עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען ווי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט און נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה, שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל

וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶועֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעבֶּעטְן אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ, וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

זֶעט מֶען אַז מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן אוּן דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶוערְט פַארְמַאכְט דִי גֶעפִילְן, מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט אוּן מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט, אַדְּרַבָּה מֶען זֶעט נָאר פַארְקֶערְט, מֶען זֶעט וִוי מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן עֶס רִירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

זַיי זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דַיין חַבֵר צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוֹיף תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶער חַבֵר קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן. שְׁלֹמֹה

הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ד, ט-י): "טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד אֲשֶׁר יֵשׁ לָהֶם שָׂכָר טוֹב בַּעֲמָלָם", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ חַבֵר וִוי צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין, "כִּי אִם יִפֹּלוּ, הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ, וְאִילוֹ הָאֶחָד שֶׁיִּפּוֹל וְאֵין שֵׁנִי לַהֲקִימוֹ", וַוייל אַז מֶען פַאלְט אַרָאפּ וֶוען מֶען אִיז אַלֵיין, אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל הֶעלְפְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אַז מֶען הָאט אַ חַבֵר קֶען דֶער חַבֵר הֶעלְפְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אַ גוּטֶער חַבֵר. דִי עִיקָר דִיבּוּרִים זָאלְן זַיין פוּן אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תיג

### וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ וֶוען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שְׁטַארְקֶע דִבְרֵי חִיזוּק כְּסֵדֶר.

אִיךְ הַאלְט שׁוֹין אַפָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אִיךְ בִּין זִיךְ שְׁטַארְק מְחַזֵק מִיט'ן רֶעדְן

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַזוֹי פְּרוּבִּירְט מֶען אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, אָבֶּער יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט קוּמְט אָן פְּרִישֶׁע אַנְטוֹישׁוּנְגֶען וָואס לֶעשְׁט מִיר אִינְגַאנְצְן אוֹיס, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאגֵיין וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע מִינוּט, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נֶערְוֶועז וְכוּ', וַוייל דָאס אַלֵיינְס אִיז מוֹנֵעַ צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, חֵלֶק ב', סִימָן ח')**: "הֵא הַנַּעֲשָׂה מִכֶּסֶף מְסֻגָּל לִפְרִיָּה וּרְבִיָּה", אַ זִילְבֶּערְנֶע הֵ"א אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער; הַיינְט קֶען מֶען דָאס בַּאקוּמֶען בַּיי דִי זִילְבֶּער גֶעשֶׁעפְטְן אוּן מֶען טוּט דָאס אָן מִיט אַ קֵייטְל אוֹיפְ'ן הַאלְז. דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט** (בְּרֵאשִׁית מז, כג)**: "הֵא לָכֶם זֶרַע".**

**דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ, דָאס וֶועט**

דיר בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער. אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י:): מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיוּ לוֹ בָּנִים זְכָרִים, רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר: "יְפַזֵּר מָעוֹתָיו לַעֲנִיִּים", עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר: "יְשַׂמַּח אִשְׁתּוֹ לִדְבַר מִצְוָה", עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תיד

### וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף מִיר צוּ סֶעקִירְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן שִׁיעוּרִים, וּבִפְרַט פַארְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד וָואס הָאט מִיר גֶעמַאכְט לֶערְנֶען.

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען בַּיים גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים קַנְייֶבְסְקִי שְׁלִיטָ"א אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַן עִנְיָן צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט דִי צְוַויי וֶוערְטֶער: "יֵשׁ עִנְיָן".

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א חִיזּוּק אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם[יב], אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ בִּין דֶער יוּנְגְסְטֶער

יב. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תמ.

קִינְד אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ אוֹיף צוּ מִיר וִוי צוּ אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר'ל, מֶען גֵייט מִיר נָאךְ דִי פִיסְטְרִיט אוּן מֶען לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ, דָאס מַאכְט אַז אִיךְ פִיר זִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ זֵיי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶס גֵייט אַזוֹי ווייט אַז אִיךְ קֶען צוּמָאל צוּרִיקְשְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי וֶוען זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר. בָּאטְשׁ ווָאס אִיךְ הָאב זִיךְ שׁוֹין פִיל פַארְבֶּעסֶערְט אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, דַארְף אִיךְ נָאכְאַלְץ הָאבְּן נָאךְ חִיזוּק אוֹיף דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וויַאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו)**; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה.**

**חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן** (יוֹמָא עב:) **אוֹיפְ'ן פָּסוּק** (תְּהִלִּים יט, י)**: יִרְאַת ה' טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד, "זֶה הַלוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה", דָאס מֵיינְט מֶען דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, פְרֶעגְט דִי גְמָרָא: "מַאי הִיא", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "נוֹשֵׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן**

נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה; וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה נָאר אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה קוֹדֶם.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וָואס דוּ רֶעדְסְט זִיךְ אָפּ וְכוּ׳; וַוויי פַאר אַ קִינְד וָואס עֶפְנְט אַ מוֹיל צוּ רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וַויי פַאר אַ קִינְד וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיין אַלְטֶע מַאמֶע. קוּק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ל, יז): "עַיִן תִּלְעַג לְאָב", אַן אוֹיג וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיין טַאטֶע, "וְתָבוּז לִיקְּהַת אֵם", אוּן דֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דִי קְנֵייטְשְׁן פוּן זַיין מַאמֶע (וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט דֶער פָּנִים פוּל מִיט קְנֵייטְשְׁן), "יִקְּרוּהָ עֹרְבֵי נַחַל", זָאלְן קוּמֶען דִי רָאבּ פוֹיגְל וָואס זֶענֶען גְרוֹיסֶע אַכְזָרִים אוּן אִים אוֹיסְשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן, "וְיֹאכְלוּהָ בְנֵי נָשֶׁר", אוּן דִי אָדְלֶער זָאלְן אִים אוֹיפְעֶסְן.

**כִּיבּוּד** אָב וָאֵם אִיז חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת; דָאס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת וָואס אִיז דָא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידּוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוֹמֵר, גָדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע ווי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּרִיק צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

**בִּפְרַט** אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶער יוּנְגְסְטֶער קִינְד אוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען שׁוֹין אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן, דַארְפְסְטוּ

זַיין זַייעֶר פָארְזִיכְטִיג מִיט זַיי, זָאלְסְט זַיי נִישְׁט וֵויי טוּן אוּן זָאלְסְט רֶעדְן מִיט זַיי מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ. ווי עֶלְטֶער דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן אַלְץ מֶער זֶענֶען זַיי סֶענְסֶעטִיוְו, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זַיין מֶער פָארְזִיכְטִיג ווי אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תטו

**אִיךְ שְׁנַייד נִישְׁט מַיין בָּארְד בָּרוּךְ ה', דִי שְׁנוֹיצְן מֶעג מֶען יָא שְׁנַיידְן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק; אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א נֶעם אִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ מַיין בָּארְד, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ זֶע נִישְׁט אוֹיס שֵׁיין דֶערְמִיט אוּן מַיינֶע חֲבֵרִים זָאגְן מִיר אַז אִיךְ זָאל עֶס יָא אָפְּשֶׁערְן. אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי שְׁנוֹיצְן, דָאס מֶעג מֶען יָא אָפְּשֶׁערְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וְוַאוִיל אִיז דִיר אַז דוּ שְׁנַיידְסְט נִישְׁט דַיין בָּארְד, אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע.**

**אִין** זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (נָשֹׂא, קלא) וֶוערְט דִי בָּארְד אָנְגֶערוּפְן "צִינוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים"; דָאס זֶענֶען רֶערְן (פֵּייפְּס) וָואס דוּרְךְ דֶעם קוּמְט אַרָאפּ פוּן הִימְל פַּאר'ן מֶענְטְשׁ אַלֶע בְּרָכוֹת, אָבֶּער אוֹיבּ שְׁנַיידְט מֶען דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט מֶען אָפּ אַלֶע רֶערְן פוּן פַּרְנָסָה וָואס דַארְף קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ; הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס מַאכְן אַוֶועק דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, הֶער נָאר צוּ וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן זָאגְן - וֶועט דִיר גוּט זַיין.

**דוּ** שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דַיינֶע חֲבֵרִים זָאגְן דִיר אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט שֵׁיין מִיט אַ בָּארְד; וִויל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, וָואס הֵייסְט שֵׁיין? שֵׁיין הֵייסְט נָאר וָואס אִיז שֵׁיין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב.): "הַדְרַת פָּנִים - זָקָן", אַ שֵׁיינֶע גֶעשְׁטַאלְט אִיז וֶוען מֶען הָאט אַ בָּארְד; מִיר דַארְפְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קוּקְן וָואס מֵיינְט שֵׁיין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דִי** הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא פד.): "הַאי מַאן דְבָעֵי מֵיחְזֵי שׁוּפְרֵיהּ דְרַבִּי יוֹחָנָן", וֶוער עֶס וִויל זֶען וִוי שֵׁיין דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען, "נַיְיתֵי כָּסָא

דְּכַסְפָּא מִבֵּי סִילְקֵי", זָאל נֶעמֶען אַ נֵייעֶ זִילְבֶּערְנֶע בֶּעכֶער, "וְנִימְלֵיהּ פַּרְצִידֵי דְּרוֹמָנָא סוּמָקָא", אוּן עֶס אָנְפִילְן מִיט שֵׁיינֶע רוֹיטֶע קֶערְלֶעךְ פוּן אַ מִילְגְרוֹים, "וְנֵיהְדַּר לֵיהּ כְּלִילָא דְוַרְדָא סוּמָקָא לְפוּמֵיהּ", רִינְגְס דֶעם בֶּעכֶער זָאל עֶר אַרוּם לֵייגְן שֵׁיינֶע רוֹיטֶע רוֹיזְן וִוי אַ קְרוֹין, "וְנוֹתְבֵיהּ בֵּין שִׁמְשָׁא לְטוּלָּא", אוּן שְׁטֶעלְן דֶעם בֶּעכֶער צְוִוישְׁן זוּן אוּן שָׁאטְן, "הַהוּא זַהֲרוּרֵי מֵעֵין שׁוּפְרֵיהּ דְּרַבִּי יוֹחָנָן", דִי שֵׁיינְקֵייט וָואס שַׁיינְט אַרוֹיס פוּנֶעם בֶּעכֶער מִיט דִי רוֹיזְן אִיז אַ מֵעֵין פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן, פְרֶעגְן חֲזַ"ל, פַארְוָואס רֶעכְנְט מֶען נִישְׁט רֶבִּי יוֹחָנָן צְוִוישְׁן דִי שֶׁענְסְטֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט? עֶנְטְפֶערְן דִי חֲכָמִים: "דְּהַדְרַת פָּנִים לָא הַוְיָא לֵיהּ", ווייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בָּארְד; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס מֵיינְט שֵׁיין, שֵׁיין מֵיינְט אַז מֶען פָּאלְגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי שְׁנוֹיצְן אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ שְׁנַיידְן, דֶער בְּאֵר הֵיטֵב בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שׁוּלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קפא, סְעִיף קָטָן ה) פוּנֶעם אַרִיזַ"ל אַז עֶר פְלֶעגְט שְׁנַיידְן זַיינֶע שְׁנוֹיצְן כְּדֵי עֶס זָאל אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן בַּיים עֶסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק אֲפִילוּ מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִיר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תטז[יג]

### זָאל אִיךְ לָאזְן מַיינֶע קִינְדֶער גֵיין צוּ מַיין גֶעוֶועזֶענֶער מַאן?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶרֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, בָּאטְשׁ וָואס דִי שִׁיעוּרִים וֶוערְן גֶעגֶעבְּן פַאר מֶענֶער, הָאבּ אִיךְ אָבֶּער אוֹיךְ פִיל חִיזּוּק דֶערְפוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער דִי כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן אִין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַ גְּרוּשָׁה מִיט עֶטְלִיכֶע לִיבְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ קַיין עַיִן הָרָע; זֵייעֶר טַאטֶע, מַיין גֶעוֶועזֶענֶער מַאן, פְלֶעגְט מִיר שְׁלֶעפְּן צוּ נִישְׁט גוּטֶע פְלֶעצֶער אוּן יֶעצְט זֶענֶען מִיר שׁוֹין גֶע'גֶט.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וֶועגְן דִי קִינְדֶער, בַּיים גֶט הָאט מֶען אָפְּגֶעמַאכְט צַייטְן וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן גֵיין צוּ אִים, עֶר זָאגְט אַז עֶר רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אוּן אִיז זֵיי מְחַנֵּךְ אוֹיפְ'ן גֶעהֶערִיגְן וֶועג, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז מְחוּנָּךְ גֶעוָוארְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר דָאס אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער, קוֹדֶם אִיז דָאס פָּשׁוּט שְׁוֶוער פַאר מִיר, יֶעדֶעס מָאל דָאס אוֹיסְשְׁטֶעלְן וִוי אַזוֹי דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אוּן קוּמֶען, אוּן נָאכְדֶעם אַז זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט צוּפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן זַיין בַּיי זֵייעֶר טַאטֶע, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה בַּאקוּמֶען זֵיי לִיבְשַׁאפְט פוּן אִים וָואס דָאס אִיז יָא גוּט פַאר זֵיי.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ אִיךְ זָאל וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דָאס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט, אָדֶער זָאל אִיךְ אָפְּהִיטְן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי הַאלְטְן נָאר בַּיי מִיר?

---

יג. מֶער אִיבֶּער דֶעם אִינְעֶם פָאלְגֶנְדְן בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען קְלָאר שְׁטֶעלְן וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אוֹיבּ** אִיר ווילְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער דַארְפְט אִיר אַכְטוּנג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן מִיט דֶער טַאטֶע פוּן אַייעֶרע קִינְדֶער (אַייעֶר גֶעוֶועזֶענֶער מַאן).

**קִינְדֶער** דַארְפְן הָאבְּן זֵייעֶר טַאטֶע פּוּנְקְט וִוי זֵיי דַארְפְן זֵייעֶר מַאמֶע; אוֹיבּ מֶען הַאלְט אָפּ קִינְדֶער פוּן גֵיין צוּ זֵייעֶר טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן פֶּעלֶערְדִיג. אַזוֹי אוֹיךְ טָארְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט הֶערְן וִוי מֶען רֶעדְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן וִוי דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְמַאכְט, דָאס בְּרֶענְגְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן נִישְׁט זִיכֶערֶע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ.

**אִיר** זָאלְט וַוייטֶער שִׁיקְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ זֵייעֶר טַאטֶע אַזוֹי וִוי מֶען הָאט אָפְּגֶעמַאכְט בַּיים גֶט, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט.

**אִיר** זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן וֶוען זֵיי דֶערְצֵיילְן פוּן זֵייעֶר טַאטֶע; אוֹיב אִיר הֶערְט צוּרִיק פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער זַאכְן וָואס דֶער טַאטֶע טוּט מִיט זֵיי, רֶעדְט מִיט זֵיי אָדֶער פִירְט זִיךְ מִיט זֵיי וְכוּ' - וָואס אִיר הַאלְט אַנְדֶערְשׁ, זָאלְט אִיר זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג ווִי אַזוֹי אִיר זָאגְט זֵיי אַייעֶר מֵיינוּנְג, כְּדֵי אִיר זָאלְט נִישְׁט מַאכְן דֶעם רוֹשֶׁם ווִי אִיר רַייסְט אוּנְטֶער זֵייעֶר טַאטֶע. דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואלְט גֶעוֶוען אִיר זָאלְט רֶעדְן מִיט אִים (ווִי אַזוֹי עֶס אִיז אַייךְ בַּאקְוֶועם - דִירֶעקְט מִיט אִים אָדֶער דוּרְךְ אַ פַארְמִיטְלֶער) אוּן זִיךְ דוּרְךְ קוּמֶען מִיט אִים, אָבֶער נִישְׁט אַריין נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין וִיכּוּחִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּצִיעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן נָאךְ אַלֶע עֵצוֹת דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער עִיקָר עֵצָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער אִיז "תְּפִלָּה".

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְוֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער". דֶערְפַאר זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט.

**דורְכְדֶעם** וָואס איר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת און אִיר וֶועט זוּכְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, וֶועט אִיר רַאטֶעוֶוען אַייעֶרע קִינְדֶער פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן עב): "עַל יְדֵי רְדִיפַת שָׁלוֹם מַצִּיל אֶת בָּנָיו מִמִּיתָה וּמִגָּלוּת", דוּרְךְ שָׁלוֹם וֶוערְן דִי קִינְדֶער גֶערַאטֶעוֶועט פוּן מִיתָה און פוּן גָלוּת; וַוייל אַז עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אַנְטְלוֹיפְן דִי קִינְדֶער פוּן שְׁטוּב, זֵיי טְרֶעפְן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, בִּיז זֵיי נֶעמֶען דְרָאגְס רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תיז

## הָאב אִיךְ רִיכְטִיג גֶעטוּן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶע'גֶט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער[יד] וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אִיבֶּער וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער לְגַבֵּי זֵייעֶר טַאטֶע, מַיין גֶעוֶועזֶענֶער מַאן. דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר בַּארוּאִיגְט און דֶערְפְרֵיידְט, צוּ וִויסְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן און מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ טַאקֶע פְּרוּבִּירְן אַזוֹי צוּ טוּן.

יד. דֶער בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ צוּם פְרִיעֶרְדִיגְן בְּרִיוו - מִכְתָּב תטז.

אַזוֹי ווִי אִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן בְּשָׁלוֹם, נִישְׁט פִירְן קַיין מַחֲלֹקֶת און אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אִים, זִיךְ הַאלְטְן צוּם אָפְּמַאךְ פוּן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער און אַזוֹי ווַייטֶער; הָאט דָאס מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן צִי אִיךְ הָאבּ זִיךְ טַאקֶע גֶעדַארְפְט גֶט'ן בִּכְלַל?

דֶער גַאנְצֶער גֶט אִיז בְּעִיקָר גֶעקוּמֶען דוּרְךְ מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווֶעלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן, עֶס הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעפַּאסְט צוּ הָאבְּן אַזַא סָארְט אֵיידֶעם וָואס גֵייט נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ אִין זֵייעֶר סָארְט וֶועג.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ זִיךְ טַאקֶע גֶעדַארְפְט גֶט'ן, כָאטְשׁ וָואס צוּמָאל פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶע'גֶט פוּן אִים, אָבֶּער רוֹב צֵייט הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ שׁוּלְד גֶעפִילְן און גֶעדַאנְקֶען פוּן חֲרָטָה אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דֶעם, און נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן עֶנְטְפֶערְן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**עֶס** הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, אַז אַייעֶר גֶט אִיז גֶעשֶׁען צוּלִיבּ אַייעֶר מִשְׁפָּחָה וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרַיין גֶעמִישְׁט וְכוּ'; לֵיידֶער פַּאסִירְן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶט'ן פוּן עֶלְטֶערְן וָואס מִישְׁן זִיךְ אַרַיין וְכוּ'.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן דָאס פָאלְגֶנְדֶע פַאר אַלֶע חֲתָנִים און כַּלוֹת, דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב,

כד): "עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ", לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער, ווי קֶען מֶען זָאגְן פַאר חָתָן כַּלָּה זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן זֵייעֶרע עֶלְטֶערְן וֶוען דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם?! חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רוּפְן אָן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א): "חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת", וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען זָאגְט פַאר חָתָן כַּלָּה: "לָאזְט אָפּ אַייעֶרע עֶלְטֶערְן"? נָאר דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיין מִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן אִינֶעם לֶעבְּן.

**אַ** פָּארְפָאלְק דַארְף ווִיסְן: "עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ" - מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין אַייעֶרע עֶלְטֶערְן אִין עֶנְקֶער לֶעבְּן אוּן קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן פַאר זֵיי. אֱמֶת, זַאכְן דַארְפְן זִיךְ מְסַדֵּר זַיין וְכוּ', אָבֶער מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין דִי עֶלְטֶערְן אוּן קְרֶעכְצְט נִישְׁט צוּ זֵיי, פַאר עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְט מֶען נָאר גוּטְס אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי נָאר נַחַת.

**וֶוען** עֶפֶּעס דְרוּקְט, דָאס הֵייסְט, מֶען קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵויטְן, עֶס אִיז דָא חִלּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ, אִיז נִישְׁט גוּט דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, נָאר מֶען דַארְף זוּכְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין שְׁלוֹם בַּיִת; דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד ווִיל נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זַייטִיגֶע אִינְטֶערֶעסְן, עֶר ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, עֶס זָאל זַיין גוּט פַאר דֶעם פָּארְפָאלְק.

**הֶעָבָר** אַיִן וְהֶעָתִיד עֲדַיִן; יֶעצְט דַארְפְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְן וַואקְסְן גֶעזוּנְט. מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן טְרַאכְטְן אוֹיף צוּרִיק, עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ

אויפְצוּועֶסְן דָאס גֶעזוּנְט טְרַאכְטְנְדִיג צִי מֶען הָאט יָא גוּט גֶעטוּן צִי נִישְׁט, מֶען דַארְף זַיין קְלוּג צוּ טְרַאכְטְן וָואס צוּ טוּן אוֹיף לְהַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ מְגַדֵל זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## תיח

**וֶוען אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כָּל אַ גֶעוַואלְדִיגְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים מִיט דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת יֶעדֶע נַאכְט, אִיךְ בִּין אָבֶער נִישְׁט קְלָאר וֶוען מֶען דַארְף עֶס זָאגְן. אִיךְ בִּין גֶעוֶועגְלִיךְ אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט גְרִינְג אַיינְשְׁלָאפְן און דֶערִיבֶּער לֶערְן אִיךְ דֶעמָאלְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים. וְוייל אִיךְ ווִיסְן צִי אִיךְ קֶען זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת פַארְ'ן גֵיין שְׁלָאפְן. און אוֹיךְ אוֹיבּ ווִיל אִיךְ יָא אֵיין נַאכְט גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי און אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, צִי אִיךְ זָאל עֶס זָאגְן פַארְ'ן שְׁלָאפְן אָדֶער נָאכְ'ן אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז מֶען זָאל זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, אוּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת צוּ זָאגְן דֶעם סֵדֶר תִּיקוּן חֲצוֹת זֶעקְס שָׁעָה נָאכְן צֵאת הַכּוֹכָבִים. אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען בַּאוַוייזְן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי וְכוּ', דֶערִיבֶּער קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף שִׁיטַת הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִקָאמַארְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (שֻׁלְחָן הַטָּהוֹר סִימָן א, סְעִיף ד) אַז חֲצוֹת אִיז שְׁטֶענְדִיג צְוֶועלְף אַזֵייגֶער סַיי ווִינְטֶער אוּן סַיי זוּמֶער; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין פּוֹסֵק (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תמד; פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק סִימָן תקלו).

מוֹהֲרַאְ"שׁ פְּלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְזָרֵז זַיין מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְפַאסְן קַיין אֵיין נַאכְט פוּן זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן. דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נַאכְט נָאךְ נַאכְט אוּן עֶר בְּלַייבְּט שְׁלָאפְן, זָאל עֶר כָאטְשׁ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כד, ו): "כִּי בְתַחְבֻּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְּךָ מִלְחָמָה", בִּפְרָט אִין דִי זוּמֶער טֶעג וְכוּ' זָאל מֶען זָאגְן תִּיקוּן

חֲצוֹת בְּעֶפָּאר'ן זִיךְ לֵייגְן, אָבֶער אִין דִי ווִינְטֶער טֶעג וֶועט מֶען קֶענֶען זִיךְ לֵייגְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן חֲצוֹת אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קמט): "וְעִקַּר חֲצוֹת הוּא תָּמִיד אַחַר שִׁשָּׁה שָׁעוֹת מִתְּחִלַּת הַלַּיְלָה - הֵן בַּקַּיִץ וְהֵן בַּחֹרֶף".

**גֶעדֶענְק** ווָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמז) מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גְרֵייט צוּ פַארְלִירְן אַסַאךְ תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים צוּלִיב חוּמְרוֹת, עַיֵּין שָׁם; דַארְפְן מִיר שְׁטֶענְדִיג זַיין קְלוּג אוּן אַרֵיין כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, נִישְׁט זוּכְן דַוְקָא חוּמְרוֹת וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תיט

**נָאכ'ן זַיין אִין אוּמַאן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, ווָאס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע פִילֶע סְפֵיקוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי טֶעגְלִיכֶע חִיזּוּק ווָאס גֶעבְּט מִיר חִיזּוּק אוּן כֹּחַ דוּרְכְצוּגֵיין אַלֶע מַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען דִי וָואךְ צוּ זַיין אִין אוּמַאן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט דָארְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, אָבֶער נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן צִיוּן הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקוּמֶען סְפֵיקוֹת; אֶפְשָׁר אִיז דֶער צִיוּן בִּכְלַל נִישְׁט דָארְט, ווייסְט מֶען דֶען זִיכֶער אַז דֶער צִיוּן אִיז דָארְט? אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט טָעוּתִים בַּיים זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי? אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן רִיכְטִיג דִי צְדָקָה?

אִיךְ ווֵייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְפֵיקוֹת, סָפֵ"ק אִיז בְּגִימַטְרִיָא עֲמָלֵ"ק, אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעם שְׁפִּיר אִיךְ אַז ווייל עֶס אִיז אַזַא מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ צוּ זַיין בַּיים צִיוּן, ווייל אִיךְ זַיין אִינְגַאנְצְן רוּאִיג אַז אִיךְ הָאבּ עֶס טַאקֶע גֶעטוּן בִּשְׁלֵמוּת אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**טַאנְץ** פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן; דִי אַלֶע קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן: 'וֶוער זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי לִיגְט דָארְט? וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ? וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ פְּרוּטָה?' דָאס אַלֶעס נֶעמְט נִישְׁט קַיין סוֹף אוּן אִיז בְּלוֹיז מַעֲשֵׂה יֵצֶר הָרָע.

**לַאךְ** זִיךְ אוֹיס פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס מַאטֶערְן דִיךְ, טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס

הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, "אֲפִילוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְהוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו", אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, עֶר פְלֶעגְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן קַיין אוּמַאן, אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט פְלֶעגְט עֶר זֵיי זָאגְן: "בִּיז אַהֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט עֶנְק, פוּן דָא אוּן וַוייטֶער וֶועט דֶער רֶבִּי זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט עֶנְק"; דֶערִיבֶּער אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ'? טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין דַיין לֶעבְּן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, יֶעצְט וֶועט דִיךְ דֶער רֶבִּי פַארְרֶעכְטְן.

**רֶבִּי** נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: הֲגַם דֶער עוֹנֶשׁ פוּן גִּלְגּוּל אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמו) מֶען זָאל זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן אוֹיבְן אִין הִימְל בַּיים בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה אוּן זָאגְן: "עֶקְט מִיט מִיר דָא, אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן גִּלְגּוּל", מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיבּ מֶען וֶועט מִיר גֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט נָאכְאַמָאל צוּ קוּמֶען צוּם

רֶבִּינְ'ס צִיּוּן וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרָאפּ קוּמֶען נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט, אַבִּי צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן (עַיֵּין אֲשֶׁר בַּנַחַל חֵלֶק ו, מִכְתָּב תרעה).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תכ

### פַארְוָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל הִתְנַגְּדוּת קֶעגְן בְּרֶסְלֶב?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער עֶס אוֹיס בִּשְׁעַת מַיין אַרְבֶּעט, אוּן דָאס אִיז מִיר אַ קְוָואל פוּן חִיזּוּק. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן.

א. אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן דִי חֲסִידִישֶׁע רֶבִּי'ס זֶענֶען קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים אוּן מֶען זָאגְט נִישְׁט נָאךְ תּוֹרוֹת פוּן בְּרֶסְלֶב. ווייל אִיךְ ווייסְן וָואס אִיז דִי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַדְּבָרִים פוּן דִי מַחֲלֹקֶת קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, ווייל פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶע אִיךְ אַז דֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הָאט הַסְכָּמוֹת פוּן גְּדוֹלֵי אֶרֶץ וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעשָׁאקְלְט דִי וֶועלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער קָאזְנִיצֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָרַב הַקָּדוֹשׁ בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר אוֹרַח לְחַיִּים; וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן דִי נוֹשֵׂא, הָאט מִיר קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

ב. וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין בְּרֶסְלֶב וֶועגְן בָּחוּרִים, אִיבֶּער רֶעדְן מִיט דִי תְּפִילִּין?

ג. דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שִׁיטָה אִיז אַז מֶען זָאגְט תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. הַיינְט אִיז דָאךְ שׁוֹין דָא מִשְׁנַיוֹת מִיט אִידִישׁ, פַארְוָואס קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן דִי אִידִישֶׁע מִשְׁנַיוֹת אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען יָא פַארְשְׁטֵיין? כִּמְעַט אַלֶעס אִיז דָאךְ שׁוֹין דָא הַיינְט מִיט אִידִישׁ טַייטְשׁ. וֶוען מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעלֶעבְּט אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען דִי אַלֶע סְפָרִים, אוֹיסֶער דִי פִּיעֶטְרוּשְׁקָא מִשְׁנַיוֹת וָואס אוֹיף דֶעם אִיז גֶעוֶוען שְׁאֵלוֹת אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז', מִזְבּוּב וְעַכָּבִישׁ) אַז פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה". אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקְן אַן אַייְנְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְגֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה".

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן, שָׁם): "וָואס פַאר אַן עֵצָה הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעטְרָאפְן? לַאכְן! - מֶען לַאכְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד"; דָאס אִיז דֶער עֵצָה, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מַאכְט זִיכֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט וֶועגְן דִי מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף אִים, אַז מֶען זָאגְט אוֹיף אִים שְׁקָרִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שצו) דֶער נָבִיא קְרֶעכְצְט (הוֹשֵׁעַ ז, יג): "וְאָנֹכִי אֶפְדֵּם", אִיךְ הֶעלְף דָאךְ דִי אִידְן, "וְהֵמָּה דִּבְּרוּ עָלַי כְּזָבִים", אוּן זֵיי רֶעדְן אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְטֶע רֵייד; רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט דָארְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט דִי טְרָאפְּן פוּן נַ"ךְ: "וְאָנֹכִ֣י אֶפְדֵּ֔ם", אִיךְ הֶעלְף זֵיי, אוּן זֵיי רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מִיר.

דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט בֶּאֱמֶת וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת, נִישְׁט נָאר זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף בְּרֶסְלֶב, נָאר זֵיי וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט דִי קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם

קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִּישְׁנִיצְט אַה מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

**וזאוֵיל** אִיז פַּאר דֶעם וָואס הֶערְט נִישְׁט קַיין לֵיצָנוּת אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת, עֶר נֶעמְט נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין רֶעדְן קֶעגְן צַדִּיקִים, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׂמְחָה בַּיי דִי גְּאוּלָה שְׁלֵימָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין בְּסוֹף סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, בְּאִגֶּרֶת הַקּוֹדֶשׁ) "וֶוער עֶס לֵיינְט כְּתָבֵי פְּלַסְתֵּר אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דִי שִׂמְחָה פוּן דִי גְּאוּלָה, אוּן דֶער וָואס קוּקְט נִישְׁט אִין קַיין כְּתָבֵי פְּלַסְתֵּר אוּן רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת וֶועט זוֹכֶה זַיין זִיךְ מִיט צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׂמְחָה וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען".

**בְּנוֹגֵעַ** בְּרֶסְלֶב'עֶ מִנְהָגִים וְכוּ' [טו]; אִין בְּרֶסְלֶב זֶענֶען דִי מִנְהָגִים דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים וְלֹא יַעֲבֹר, וְאַף אִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ, כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", יֶעדֶער אִיד דַארְף

טו. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תכז.

לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שֻׁלְחָן עָרוּךְ חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט, מֶען אִיז אַן אוֹנֵס, דַארְף זָאל מֶען לֶערְנֶען אַ סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֲפִילוּ שֶׁלֹּא כְּסִדְרָן, וַוייל יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן זַיין לֶעבְּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ - זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, "וּכְשֶׁאֵינוֹ אָנוּס יִלְמַד כְּסֵדֶר כָּל הָאַרְבָּעָה 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' מִדֵּי יוֹם בְּיוֹמוֹ, וּכְשֶׁיִּגְמֹר וִיסַיֵּם הָאַרְבָּעָה 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' יַחֲזֹר וְיַתְחִיל לְלָמְדָם כְּסֵדֶר, וְכֵן יִנְהַג כָּל יְמֵי חַיָּיו", אוּן וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט קַיין אוֹנֵס זָאל עֶר זֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיף אַ סֵדֶר, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אַזוֹי זָאל מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**מַאךְ** דִיר אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שֻׁלְחָן עָרוּךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין הֲלָכָה, אֵיין שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים - דָאס אִיז "מְחַבֵּר אוּן רְמָ"א", אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַגְּדוֹלִים - אַ שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אַרוּם דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ: טוּרֵי זָהָב, מָגֵן אַבְרָהָם וְכוּ'. דֶערְפַאר זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אֵיין שִׁיעוּר מְחַבֵּר רְמָ"א; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִיט טַלִּית וּתְפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם אַבִּיסְל הֲלָכָה, דָאס פְּלֶעגְט זַיין דֶער סִימָן פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד - אַז עֶר הַאלְט אִין טַלִּית בַּייטְל אַ קְלֵיינֶעם 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ'. אוּן דִי אַנְדֶערֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען לוֹיט'ן סֵדֶר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע נוֹשְׂאֵי כֵּלִים בִּיז הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

**בְּנוֹגֵעַ** לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב - פְּרוּבִּיר עֶס אוֹיס, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס אִיז גוּט אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערְס פוּן דֶעם. נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן"; דָאס זֶעט מֶען בְּחוּשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט; עֶר שְׁפִּירְט אַ צוּפְרִידְנְקֵייט אִין לֶעבְּן, עֶר לֶעבְּט אַ פְּרֵיילִיכֶע לֶעבְּן. וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט נֶעמְט עֶר אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא וְכוּ' אוּן אִיז גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תכא[טז]

## דַארְף אַ פְּרוֹי אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, אָדֶער אִיז דָאס נָאר אַ חֻמְרָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק אוּן שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פָּשׁוּטְ'עֶ חָתָן שִׁיעוּרִים אָן קַיין חוּמְרוֹת, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבּ אִיךְ אַלְץ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַ מַחְמִיר מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ גֵיין, שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעזֶען אִין דִי בְּרִיוו אִין "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אַז צוּ זוּכְן חוּמְרוֹת אִיז אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט דִי חוּמְרוֹת.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אָבֶּער אוֹיךְ גֶעלֵיינְט דָארְט דִי הַארְבְּקֵייט אוּן וִויכְטִיגְקֵייט אַז אַ פְרוֹי זָאל זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר. אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אוֹיךְ נָאר אַ חֻמְרָא, אוּן יֶעצְט אַז אִיךְ זֶע אַז אִיר זָאגְט מֶען זָאל יָא מַחְמִיר זַיין אוֹיף דֶעם, וֵוייס אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וָואס אִיז אַ חֻמְרָא אוּן וָואס נִישְׁט, וָואס דַארְף מֶען יָא טוּן אוּן וָואס נִישְׁט, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מַסְבִּיר זַיין דֶער חִילוּק.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל פְּרוּבִּירְן צוּצוּרֶעדְן מַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ טַאקֶע אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

טז. מֶער אִיבֶּער דֶעם, אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב שפט, מִכְתָּב תלב; וִוי אוֹיךְ אִיז דָא אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תמא.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אַשְׁרֵינוּ** מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט דִי תּוֹרָה אוּן נִישְׁט צוּלֵייגְן חוּמְרוֹת וְכוּ', בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ' דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לֶעבְּן מִיט חוּמְרוֹת, נָאר וֶוען מֶען מֶעג וְכוּ' מֶעג מֶען אַלֶעס, אוּן וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט וְכוּ' טָאר מֶען נִישְׁט.

**דֶעם** כְּלַל דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען: מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן קֵיינֶעם, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת נְדָרִים, הֲלָכָה ג) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ז, טז; יז): "אַל תְּהִי צַדִּיק הַרְבֵּה ... אַל תִּרְשַׁע הַרְבֵּה" וגו', אֵיינְס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם צְווֵייטְן, אַ מֶענְטְשׁ וִויל זַיין אַ צַדִיק מֶער וִויפִיל מֶען דַארְף, אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וֶוערְט עֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע וְכוּ' וְכוּ'.

**דֶערְפַאר** הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן אָן קַיין חוּמְרוֹת יְתֵרוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן מד): "גַּם מֵהַחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם

אײבֶּערְשְׁטְן - דָאס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַײן חָכְמוֹת, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵײעֶנִישְׁן.

**בְּנוֹגֵעַ** אַז אַ פְרוֹי זָאל זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר וְכוּ'; פַארְוָואס זָאגְסְטוּ אַז זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר אִיז אַ חוּמְרָא, בְּשַׁעַת וָואס דֶער הֵײלִיגֶער זוֹהַר שֶׁעלְט - פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, מִיט אַ קְלָלָה - אַ פְרוֹי וָואס גֵײט מִיט דִי אֵײגֶענֶע הָאר אוּן מֶען זֶעט דָאס אַרוֹיס?! דֶער זוֹהַר זָאגְט אַז אִין דֶעם שְׁטוּב וֶועט הֶערְשְׁן עֲנִיּוּת אוּן דַחְקוּת, פוּן דֶעם שְׁטוּב וֶועט שׁוֹין קַײן גוּטֶע קִינְדֶער נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען, אִין דֶעם שְׁטוּב וֶועט נִישְׁט זַײן קַײן בְּרָכָה וְכוּ' וְכוּ', קוּק דֶעם לָשׁוֹן וָואס דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַײן וַוייבּ, 'דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ', דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵײט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁײן צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַײן אָרֶעמְקֵײט אִין שְׁטוּב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַײן אוּן נִישְׁט זַײן חָשׁוּב. 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין אִיר שְׁטוּב. 'מַאן גָּרִים דָא', וֶוער אִיז

דָאס אַלֶעם גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וֶועגְן דָאס בִּיסְל הָאר, אָבֶּער וָואס זָאל מֶען טוּן אַז מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן עֶנְדֶערְשׁ גְרֵייט צוּ לַיידְן ווִי זִיךְ אָפְּשֶׁערְן"; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין מִיט אַ טִיכְל אוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר ווִי אֵיידֶער צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל, אָבֶּער אַלֶע צַדִיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר הָאבְּן גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַ שֵׁייטְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, ווִי אֵיידֶער גֵיין מִיט צֶען טִיכְלֶעךְ אוּן גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר".

**פְּרֶעג** זִיךְ נָאךְ בַּיי דִי אִידְן פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר וָואס גֶעדֶענְקֶען נָאךְ דִי בְּכִיוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט וֵויינֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי דִי פְרוֹיעֶן בִּשְׁעַת דִי 'כָּל נִדְרֵי דְרָשָׁה' אַז מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת, בִּפְרַט אַז דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אִיבֶּער צוּ לָאזְן דִי אֵייגֶענֶע הָאר.

**ווַאוֹיל** אִיז פַאר דִי פְרוֹי וָואס פִּירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת אוּן זִי שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט אוּן אִין צְנִיעוּת פַאר אַ פְרוֹי.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תכב

## מִיר זֶענֶען אַ קְבוּצָה עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים, אֶפְשָׁר קֶענֶען מִיר הָאבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען אַ קְבוּצָה פוּן פוּפְצְן עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים אִין אַ יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ פָאלְגְן אוּן גֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן פוּן רֶבִּי'ן; לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר וָואלְטְן זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל אוּנְז שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו פוּן חִיזוּק, אוּנְז צוּ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

מִיר וֵוייסְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, עֶס וָואלְט אוּנְז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָּה אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִי טֵייעֶרֶע צַייט אוּן צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד דִי חָשׁוּבֶ'עֶ בָּחוּרִים תַּלְמִידֵי יְשִׁיבַת ... נֵרָם יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וזאוֹיל אִיז עֶנְק אַז אִיר זֶעְנְט זִיךְ מְחַיֶ' מִיט'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אַז מֶען פָאלְגְט דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּית אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל, יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיר פָאלְגְן אוּן טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

**זַייט** מַמְשִׁיךְ צוּ לֶערְנֶען וַוייטֶער אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים - יֶעדֶער אֵיינֶער לְפִי מַדְרֵגָתוֹ; גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם. דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

**אוֹיךְ** זָאלְט אִיר לֶערְנֶען - יֶעדֶער פוּן אַייךְ - מִשְׁנָיוֹת; אֲפִילוּ אִיר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס אִיר לֶערְנְט זָאלְט אִיר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנָיוֹת. בְּדֶרֶךְ כְּלָל וֶוער עֶס פַאלְט אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין מֹחַ צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, דֶער מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעריסְן פוּן אַזוֹיפִיל זִינְדִיגְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶעריבֶּער זָאלְט אִיר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּפְרַט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וַוייל מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה"; ווִי מֶער אַ

מֶענְטְש זָאגְט מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶה אִינְגַאנְצְן אוּן עֶר וֶוערְט רֵיין.

**מִשְׁנָיוֹת** הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְש פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָ"ה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי"; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת, נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְש פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְש אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

**אִיר** ווייסְט דָאךְ אַז מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (צַוָּואַת מוֹהֲרַ"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְ'ן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג"; דֶערְפַאר זָאלְט אִיר וָואס שְׁנֶעלֶער פָארְן קַיין יַבְנְאֵל אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים לִזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶועט אִיר אַלֶע טְרֶעפְן בְּקָרוֹב אַייעֶר שִׁידוּךְ.

**אִיךְ** וַוארְט אִיר זָאלְט מִיר מוֹדִיעַ זַיין, אִיטְלִיכֶער פוּן אַייךְ אַז אִיר הָאט גֶעטְרָאפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תכג

**ווען האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט: "גאט איז תמיד גוט"?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "גָאט אִיז תָּמִיד גוּט". אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי שִׂיחָה, וֶוען אוּן פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי דָאס גֶעזָאגְט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דִי שִׂיחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט** (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנב) **"אָמַר: הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ טוֹב תָּמִיד [גָאט אִיז תָּמִיד גוּט]", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק** (תְּהִלִּים קמה, ט)**: "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶעמֶען.**

**מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר** (אֲשֶׁר בַּנַחַל חֵלֶק מד, מִכְתָּב ז' אֲלָפִים תשנה)**, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס קוּמְט דֶער**

רֶבִּי דָא מְחַדֵּשׁ זַיין, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אַזוֹי אִין פָּסוּק?! נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריְקֵייטְן גֵייט עֶר אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין, עֶר הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן אַז יֶעצְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים וְכוּ' וַוייל עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט חַס וְשָׁלוֹם וְכוּ', אוֹיף דֶעם קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט: "גָאט אִיז 'תָּמִיד' גוּט", עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז וְכוּ'.

לְגַבֵּי דַיין שְׁאֵלָה וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה; מוֹהֲרַ"שׁ דֶערְצֵיילְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כט, מִכְתָּב ד' אֲלָפִים תשו), אַ אִיד הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעגֶעדְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אוֹיף זַיין שְׁוֶוערְן לֶעבְּן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה: "גָאט אִיז תָּמִיד גוּט", אוּן מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַוֶועק גֶענוּמֶען אַלֶע זַיינֶע קַשְׁיוֹת.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מוֹהֲרַ"שׁ; אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי עֶר שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה (צַוָּאַת מוֹהֲרַ"שׁ, אוֹת יד): "לֹא הָיָה לִי יוֹם אֶחָד טוֹב בְּזֶה הָעוֹלָם - בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא כְּלָל", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גוּזְמָא, "וּמַמָּשׁ בָּכִיתִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם", אִיךְ פְלֶעג וַויינֶען יֶעדְן טָאג פוּן מַיין

לֶעבְּן, "מֵרֹב צַעַר וְעַגְמַת נֶפֶשׁ שֶׁסְּבָבוּנִי מִבַּיִת וּמִחוּץ", פוּן דִי יְסוּרִים וָואס אִיז אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער - סַיי פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּן סַיי פוּן שְׁטוּבּ; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְזֶען אוֹיף מוֹהֲרָא"ש. אַדְרַבָּה, מוֹהֲרָא"ש אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט דֶעם שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "גָאט אִיז תָּמִיד גוּט".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תכד

### וֶועלְכֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים זָאל אִיךְ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נָאכְ'ן הֶערְן אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווִיל אִיךְ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועלְכֶע סֵפֶר זָאל אִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אָנְצוּהֵייבְּן לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אָבֶּער עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוער סֵפֶר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן זָאלְסְטוּ קוֹדֶם לֶערְנֶען שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן - דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אַרָאפּ גֶעשְׁרִיבְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְט גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה פַארְ'ן לֶעבְּן.

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר פוּן זֶעכְצְן יָאר אִיז עֶר מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. הָאט עֶר קוֹדֶם גֶענוּמֶען דִי שִׂיחוֹת

פוּן רֶבִּי'ן - שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי קְלֵיינֶע תּוֹרוֹת פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס אִיז גְרִינְג צוּ פַארְשְׁטֵיין, דָאס הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶע'חַזֶר'ט - אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.

**דֶער** עִיקָר דַארְפְן מִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, וָואס אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען דָאס גַאנְצֶע 'חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב'; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הִיא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען נָאר טוּן; דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׂפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס טוּט אִים וֵויי אוּן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער. בִּפְרָטִיּוּת זָאל עֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער עֶר זָאל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תכה

## הָאט מוֹהֲרָא"ש זי"ע גֶעשְׁרִיבְּן הַדְרָכוֹת פַּאר עִנְיָנִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵּינָהּ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הַדְרָכוֹת פַּאר אִינְגֶעלֵייגְט בִּדְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵּינָהּ, אוּן אוֹיבּ יָא וואוּ מֶען קֶען דָאס בַּאקוּמֶען?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעס

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט דָא קַיין נוֹשֵׂא וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאל נִישְׁט הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן דֶערוֹיף; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער טוֹיזְנְט קוּנְטְרֵסִים אוּן אָן אַ שִׁיעוּר סְפָרִים, וְעַל כּוּלָם הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו בְּמֶשֶׁךְ זַיין לֶעבְּן - דָאס זֶענֶען דִי פִילֶע בֶּענְדֶער "שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אֲשֶׁר בַּנַחַל". יֶעדֶע חוֹדֶשׁ וֶוערְן גֶעדְרוּקְט נָאךְ בֶּענְדֶער, עֶס הַאלְט שׁוֹין יֶעצְט בַּיי חֵלֶק ק"ע אוּן עֶס דַארְף נָאךְ וֶוערְן גֶעדְרוּקְט בִּיז חֵלֶק ר"נ. דִי פִילֶע בְּרִיוו עֶנְטְהַאלְטְן עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה

אוֹיף יֶעדֶע שְׁאֵלָה וָואס אִיז נָאר דָא אוּן אַ לֶעזוּנְג פַאר יֶעדֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעם וָואס קֶען נָאר פַּאסִירְן.

**בְּהַנְהָגוֹת** בֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ' הָאט מוֹהֲרַ"ן שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט אַזוֹי: "אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן אוֹיף דֶעם אַ סֵפֶר בִּפְרָטִיּוּת, וַוייל מַיינֶע סְפָרִים קוּמֶען אָן אִיבֶּעראַל, עֶס אִיז 'יַד כָּל אָדָם מְמַשְׁמֵשׁ בּוֹ'", אָבֶּער אֲפִילוּ הָכִי הָאט מוֹהֲרַ"ן אַלֶעס גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי בְּרִיוו, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן וְכוּ' נָאר בִּבְחִינַת תֵּן לְחָכָם וְיֶחְכַּם עוֹד.

**מוֹהֲרַ"ן** הָאט נִישְׁט מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ קַיין סוֹדוֹת, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן וְכוּ' הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אִין זַיינֶע סְפָרִים אוּן דָאס אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת; בִּפְרַט אִין דִי בְּרִיוו, דָארְט קֶען מֶען אַלֶעס טְרֶעפְן.

**טֵייעֶרֶער** בְּרוּדֶער, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל; אַז עֶס אִיז דִיר גְרִינְגֶער אִידִישׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דִי אִידִישֶׁע אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אַזוֹי וֶועסְטוּ וִויסְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, "הֲפָךְ בָּהּ וַהֲפָךְ בָּהּ, דְּכֹלָּה בָהּ!" וָואס דוּ ווִילְסְט וִויסְן וֶועסְטוּ דָארְט טְרֶעפְן, אוּן ווֶען דוּ דַארְפְסְט נָאר חִיזּוּק וֶועט דִיר מוֹהֲרַ"ן מְחַזֵּק זַיין.

**אוֹיבּ** דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טְרֶעפְן אִין דִי סְפָרִים גֶענוֹי וָואס דוּ זוּכְסְט אוּן זַיין אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר וְכוּ' אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זָאל

דיר מַדְרִיךְ זַיין ווי אַזוֹי זיךְ צוּ פִירְן. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְפִירְט פוּן פַארְפִירֶערְס וָואס זֶענֶען מַדְרִיךְ אִינְגֶעלַייט מִיט חוּמְרוֹת, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן וֶועם צוּ פְרֶעגְן.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְרֶעגְן הַנְהָגוֹת אִין לֶעבְּן, מֶען זוּכְט מִיט וֶועם זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה צוּ זַיין, דַארְף מֶען זוּכְן אַ צַדִיק וָואס הָאט רַחְמָנוּת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צַדִיק, סִימָן כא): "כְּשֶׁתִּרְצֶה שֶׁיִּתְפַּלֵּל עָלֶיךָ אֵיזֶה צַדִּיק, תֵּלֵךְ לְצַדִּיק שֶׁהוּא רַחֲמָן", וֶוען דוּ ווִילְסְט אַז אַ צַדִיק זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִיר, זָאלְסְטוּ אוֹיפְזוּכְן אַ צַדִיק וָואס אִיז אַ רַחְמָנוּת'דִיגֶער; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן לט): "מוּטָב לְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ לְצַדִּיק שֶׁהוּא רַחֲמָן", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זַיין מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק וָואס הָאט רַחְמָנוּת; דָאס הֵייסְט עֶר וֵוייסְט אוּן פַארְשְׁטֵייט דֶעם מַהוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, זַיינֶע נַאטוּרְן אוּן אַלֶעם וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ', אַזוֹי קֶען עֶר מַדְרִיךְ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין מַצָב וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תכו

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ, וֶוען אִיךְ דַארְף שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין זֵייעֶר צוּ טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ, אָבֶּער אַזוֹי ווִי מִיר זֶענֶען אַן אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחָה הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט גֵיין אַרְבֶּעטְן, אוּן יֶעצְט ווייס אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וֶוען אוּן ווִי אַזוֹי אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, קוֹים וָואס מֶען טְרָאגְט אַמָאל אָן עֶפֶּעס, אוּן מֶען הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט עֶפֶּעס עֶרְנְסְט.

לֵיידֶער פַאל אִיךְ אַרָאפּ אִין שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז ווִילַאנְג אִיךְ וֶועל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְן וֶועט עֶס וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין. פַאר עֶטְלִיכֶע חֲדָשִׁים צוּרִיק הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אָבֶּער עֶס הָאט נִישְׁט צוּפִיל גֶעהָאלְפְן, ווייל אִיךְ טְרֶעף זִיךְ גֵיין צוּ קָאמְפְּיוּטֶער קִיאָסְקְן אוּן וַוייטֶער דוּרְכְפַאלְן. אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אַ רוּחַ אִיז אַרַיין אִין מִיר אוּן שְׁטוּפְּט מִיר צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס, וויפִיל אִיךְ זָאג פַאר מִיר אַלֵיין אַז 'עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, דָאס וֶועט מִיר נָאר בְּרֶענְגֶען צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען' - הֶעלְפְט עֶס גָארְנִישְׁט, עֶס פָארְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין צוּ שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר מִיר אִיז נָאר חֲתוּנָה הָאבְן, אִיךְ ווייס אָבֶּער נִישְׁט ווִי שְׁנֶעל דָאס וֶועט גֶעשֶׁען, אוּן וֶוער ווייסְט צוּ נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ שׁוֹין יָא וֶוערְן גוּט, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין צוּ שְׁטַארְק פַארְקוֹיפְט פַאר מַיין שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

**טֵייעֶרְער** בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר! אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט צוּטוּן צִי מֶען קוּמְט פוּן אַ רַייכֶע מִשְׁפָּחָה אָדֶער פַארְקֶערְט, אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז דוּ װֶעסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן װַייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן װֶעסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

**מִיר** שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל - אַ צַייט פוּן טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אַזוֹי װִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פז): "דַּע, שֶׁכַּוָּנַת אֱלוּל הֵם תִּקּוּן לִפְגַם הַבְּרִית", חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ פַארְרֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית, "וְלִפְעָמִים, מֵחֲמַת זֶה הַפְּגָם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִוּוּגוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁנָּטָה מִזִּוּוּגוֹ קָשֶׁה לוֹ לִמְצֹא אֶת זִוּוּגוֹ", װַייל װֶען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, "וַאֲפִילּוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוּגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער װָאס הָאט שׁוֹין זַיין שִׁידוּךְ, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, װֶעט זִיךְ זַיין װַייבּ קְרִיגְן מִיט אִים וְכוּ'. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְחֹדֶשׁ אֱלוּל שֶׁאָז יְכוֹלִין לְתַקֵּן זֶה", חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן װָאס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעװֶען בִּפְגַם הַבְּרִית, "אֲזַי מוֹצֵא זִוּוּגוֹ, וְהִיא אֵינָהּ כְּנֶגְדּוֹ, רַק כִּרְצוֹנוֹ", מִמֵּילָא אִיז מֶען

דֶעמָאלְט זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם שִׁידוּךְ; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר וֶוען עֶר הָאט אִים בַּאפוֹילְן צוּ גֵיין זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק אָבִינוּ, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית כד, ח): "וְ'אִם לֹ'א "תֹאבֶה הָאִשָּׁה" לָ'לֶכֶת אַ'חֲרֶיךָ", דִי רָאשֵׁי תֵיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק אִיז אֱלוּל, אוּן אִינְמִיטְן שְׁטֵייט דִי וֶוערְטֶער: "תֹאבֶה הָאִשָּׁה", דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז אֱלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ; וַוייל אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אוּנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען ווִיל גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְן שָׁלוֹם בַּיִת.

**אַז** דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַרִיבֶּער כַאפְּן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש אִין יַבְנְאֵל אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים לִזְכוּת מוֹהֲרָא"ש וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. מוֹהֲרָא"ש הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא צוּ מַיין קֵבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

**מֶען** זֶעט אָפֶענֶע נִיסִים אוּן יְשׁוּעוֹת יֶעדְן טָאג בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש; בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען צוּ פָאְרן אַהִין פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ וָואס שְׁנֶעלֶער פָּארְן קַיין יַבְנְאֵל און דָארְט אויסְזָאגְן תְּהִלִּים לִזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תכז

**וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין בְּרֶסְלֶב וֶועגְן רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיז דָא עֶרְגֶעצְוואוּ אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים וואוּ עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען, וְכַדוֹמֶה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִין** בְּרֶסְלֶב אִיז דֶער סֵפֶר הַמִּנְהָגִים - דֶער 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ'!

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אוֹיף אַ תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וִוי אַזוֹי אִיר ווילְט (דָאס מֵיינְט, אִיר קֶענְט זָאגְן אַלֶע סָארְט פְּשָׁטִים אִין מַיינֶע תּוֹרוֹת), מִיט אֵיין תְּנַאי, אִיר זָאלְט נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ"; וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן הֲלָכָה.

**וָואס** דַארְף מֶען מֶער פוּן דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ל:): "אֲפִילוּ הַמֶּלֶךְ שׁוֹאֵל בִּשְׁלוֹמוֹ - לֹא יְשִׁיבֶנּוּ", מֶען טָאר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען צוּ רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם, אֲפִילוּ אַ קֶענִיג בַּאגְרִיסְט דֶעם מֶענְטְשׁ טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, "וַאֲפִילוּ נָחָשׁ כָּרוּךְ עַל עֲקֵבוֹ - לֹא יַפְסִיק", אוּן אֲפִילוּ אַ שְׁלַאנְג אִיז אַרוּם זַיינֶע פוּס טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מַפְסִיק זַיין; אוּן אַוַודַאי סְתָּם צוּ רֶעדְן אִיז זִיכֶער אַן אִיסוּר. אַזוֹי וֶוערְט גֶעפַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן צו), אַז בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶונֶען טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי מַחֲשָׁבָה פוּנֶעם דַאוֶונֶען.

**אַז** דוּ ווילְסְט ווִיסְן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען, קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (זוֹהַר וָאֶתְחַנַּן, רסו:): "וּמָאן דְּאִשְׁתָּעֵי בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא", וֶוער עֶס שְׁמוּעֶסְט אִין שׁוּל בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶונֶען, "וַוי לֵיהּ דְּאַחְזֵי פֵּרוּדָא", וֵויי פַאר אִים אַז עֶר טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַוי לֵיהּ דְּגָרַע

מְהֵימְנוּתָא", וַויי פַאר אים אַז עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן די אֱמוּנָה, "וַוי לֵיהּ דְּלֵית לֵיהּ חוּלָקָא בֶּאֱלָהָא דְּיִשְׂרָאֵל", וַויי פַאר אים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק בֵּאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל, "דְּאַחְזֵי דְּלֵית לֵיהּ אֱלָהָא", עֶר וַוייזְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בַּאשֶׁעפֶּער, "וְלָא אִשְׁתְּכַח תַּמָּן", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט אִין שׁוּל, "וְאַנְהִיג קָלָנָא בְּתַקִּיפָא עִלָּאָה", דֶערִיבֶּער פִּירְט עֶר זִיךְ מִיט קַלוּת אוּן עֶר טוּט גְרִינְגְשֶׁעצְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווי הַארְבּ עֶס אִיז צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוְֶוענֶען.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוְֶוענֶען, אוֹיךְ צוּלִיבּ חִינוּךְ הַבָּנִים; וַוייל וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן ווי דֶער טַאטֶע שְׁמוּעֶסְט בַּיים דַאוְֶוענֶען וֶוערְט בַּיי זֵיי בִּילִיג דָאס גַאנְצֶע דַאוְֶוענֶען, בִּיז זֵיי וֶועלְן אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דָאס דַאוְֶוענֶען. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן בִּשְׁעַתְ'ן דַאוְֶוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

# תכח

## פַארְוָואס שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"ש אַזוֹי שַׁארְף וֶועגְן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין אַ בְּרִיוו אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַחַל" וואוּ מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט דָארְט זֵייעֶר שַׁארְף פַאר אַ פְרוֹי אַז אִיר מַאן הָאט זִיכֶער נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיבּ עֶר דַאוֶוענְט בִּיְחִידוּת. עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן דָאס צוּ לֵיינֶען, ווייל אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אוֹיךְ מִיט דֶעם אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אִיךְ זָאל קֶענֶען דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, ווי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין יְרֵא שָׁמַיִם אוֹיבּ דַאוֶוענְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען דַאוֶוענְט הָאט מֶען דָאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם?

קֶען זַיין אַז מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז לְגַבֵּי אִים הֵייסְט דָאס אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיבּ דַאוֶוענְט מֶען נִישְׁט מִיט מִנְיָן, אָבֶּער ווי אַזוֹי קֶען מֶען שְׁרַייבְּן אַזוֹי שַׁארְף אוּן לְכָבוֹד דֶעם צוּנֶעמֶען דֶעם טִיטְל יְרֵא שָׁמַיִם פוּן אַ פָּשׁוּטְ'ן מֶענְטְשׁ?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען עֶרְקְלֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט** (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק א, מִכְתָּב ד) **פַאר אַ פְרוֹי וָואס פְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה: "בַּעְלִי הוּא יְרֵא**

שָׁמַיִם וְלוֹמֵד בַּכּוֹלֵל, אֲבָל יֵשׁ לוֹ דָּבָר שֶׁמַּפְרִיעַ לִי, שֶׁהוּא אוֹהֵב לִישׁוֹן וְכָל יוֹם הוּא מִתְעוֹרֵר בְּשָׁעָה 10:00 אוֹ 11:00, וְאָז הוּא מַנִּיחַ תְּפִילִין וּמִתְפַּלֵּל בַּבַּיִת, וְאַחַר כַּךְ הוֹלֵךְ לְכוֹלֵל", מַיין מַאן אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ שְׁלָאפְן; עֶר שְׁטֵייט אוֹיף צֶען עֶלְף אַזֵייגֶער, דֶעמָאלְט לֵייגְט עֶר תְּפִילִין אוּן דַאוֶּוענְט אִין שְׁטוּבּ בִּיְחִידוּת, דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר; אוּן זִי פְרֶעגְט וָואס זִי זָאל טוּן.

**עֶנְטפֶערְט** אִיר מוֹהֲרָא"שׁ: "צַר לִי לְהוֹדִיעַ לָךְ שֶׁאַתְּ כּוֹתֶבֶת שֶׁבַּעֲלֵךְ הוּא יְרֵא שָׁמַיִם וְכוּ', אִם זֶה הָיָה נָכוֹן הוּא לֹא הָיָה מִתְפַּלֵּל בִּיְחִידוּת בַּבַּיִת וְכוּ'", עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אוֹיף דַיין מַאן אַז עֶר אִיז אַ "יְרֵא שָׁמַיִם", אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען אַ 'יְרֵא שָׁמַיִם' וָואלְט עֶר דֶען גֶעדַאוֶוענְט אִין שְׁטוּבּ בִּיְחִידוּת?!

דוּ פְרֶעגְסְט הֲיִתָּכֵן צוּ שְׁרַייבְּן אַזַא שַׁארְפֶע בְּרִיוו וְכוּ'; עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע שׁוּרָה, לֵיין דֶעם גַאנְצְן תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ זֶען דִי רַחְמָנוּת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיף זֵיי. פוּן אֵיין זַייט בְּרֶענְגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַרוֹיס דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶּוענֶען מִיט מִנְיָן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט: "כִּי אִי אֶפְשָׁר לְתָאֵר וּלְשַׁעֵר אֶת מַעֲלַת הַמִּתְפַּלֵּל אֶת הַשָּׁלֹשׁ תְּפִלּוֹת בְּמִנְיָן דַּיְיקָא, כִּי אָז הוּא עֵת רָצוֹן גָּדוֹל בַּשָּׁמַיִם", מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען דַוְקָא מִיט מִנְיָן, "כְּמַאֲמָרָם ז"ל (בְּרָכוֹת ח.) מַאי דִּכְתִיב (תְּהִלִּים סט, יד): 'וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן',

אֵימָתַי עֵת רָצוֹן, בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין"; אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, וֶוען אִיז דִי עֵת רָצוֹן וָואס דֶעמָאלְט ווֶערְן אָנְגֶענוּמֶען אַלֶע תְּפִילוֹת? בִּשְׁעַת וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוֶוענְט, "וְכֵן עַל יְדֵי שֶׁמִּתְפַּלְּלִים בְּמִנְיָן נִמְשָׁךְ עָלָיו הַשְׁגָּחָה שְׁלֵימָה", וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן צִיט מֶען אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ דִי הַשְׁגָּחָה, "כְּמַאֲמָרָם ז"ל (בְּרָכוֹת ו:): כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשָׁאֵיל בּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אוּן אֵיין טָאג פַארְפֶעלְט עֶר צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל פְּרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל; מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען ווַייל עֶפֶּעס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים פְּרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל ווַייטֶער קֶענֶען קוּמֶען, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, "הֲרֵי שֶׁמִּשְׁתַּלֵּם לְהִתְפַּלֵּל בְּמִנְיָן, שֶׁעַל יְדֵי זֶה מַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ הַשְׁגָּחָה עֶלְיוֹנָה", זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז וֶוערְד צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן כְּדֵי צוּ צִיעֶן אוֹיף זִיךְ דִי הַשְׁגָּחָה.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִיר ווַייטֶער: "עֵצָה לָקוּם מֻקְדָּם, הוּא לָלֶכֶת לִישׁוֹן מֻקְדָּם", דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְרִי אִיז זִיךְ צוּ לֵייגְן פְּרִי, "כִּי בְּדֶרֶךְ כְּלַל הס"מ מְסַבֵּב עִם כָּל אֶחָד בַּלַּיְלָה שֶׁיִּסְתּוֹבֵב בְּלֹא כְּלוּם וּבְלֹא מַעַשׂ וְכוּ' וְכוּ', כִּי יוֹדֵעַ שֶׁכָּךְ יִתְפֹּס אוֹתוֹ בַּבֹּקֶר שֶׁלֹּא יוּכַל לָקוּם, וִיאַחֵר

אֶת זְמַן הַתְּפִלָּה וְכוּ', וְלֹא יִתְפַּלֵּל בְּמִנְיָן", דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זוּכְט אוֹיפְצוּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְש בַּיינַאכְט עֶר זָאל זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, ווייל עֶר וֵוייסְט אַז אוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְש גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט וֶועט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט, אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר פַארְפַּאסְן זְמַן תְּפִלָּה אוּן נִישְׁט דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, דֶערִיבֶּער הַאלְט עֶר אוֹיף דֶעם מֶענְטְש בַּיינַאכְט עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן, אַלֶעס נָאר וַוייל עֶר ווִיל אִים צוּנֶעמֶען זַיין דַאוֶונֶען וְכוּ'.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, שְׁרַייבְּט אִיר מוֹהֲרַ"אשׁ: "אַתְּ לֹא צְרִיכָה לִהְיוֹת הַשּׁוֹטֶרֶת שֶׁלּוֹ", דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין פַּאר אִים זַיין פָּאלִיצִיאַנְטְקֶע אוּן נִישְׁט שַׁאפְן אוֹיף אִים, "עִם כָּל זֹאת, מַה טוֹב וּמַה נָּעִים בְּאִם תְּחַזְּקִי אוֹתוֹ שֶׁיֵּלֵךְ לִישׁוֹן מֻקְדָּם יַחֲסִית וְכוּ', כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לָקוּם לַתְּפִלָּה", נָאר זַיי אִים מְחַזֵּק צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי, אַזוֹי וֶועט עֶר אַלֵיינְס אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, "וְזֶה גַּם חִנּוּכִי לְהַיְלָדִים שֶׁיִּרְאוּ שֶׁאַבָּא הוֹלֵךְ לְהִתְפַּלֵּל בְּמִנְיָן", דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זֶען ווִי דֶער טַאטֶע גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען.

מוֹהֲרַ"אשׁ אִיז אִיר מְחַזֵּק: "וְאֶת גֹּדֶל הַזְּכוּת שֶׁל הָאִשָּׁה שֶׁמְּחַזֶּקֶת וּמְעוֹדֶדֶת אֶת בַּעְלָהּ שֶׁיִּתְפַּלֵּל בְּמִנְיָן וְיֵלֵךְ לִלְמוֹד, זֶה אֵין לְתָאֵר וְאֵין לְשַׁעֵר כְּלַל", מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דִי זְכוּת וָואס אַ פְרוֹי הָאט אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז מְחַזֵּק אִיר מַאן צוּ דַאוֶונֶען אוּן

לֶערְנֶען, "עַד שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים (בְּרָכוֹת יז.): 'גְדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַנָּשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים וְכוּ'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט שְׂכַר פַאר דִי פְרוֹיעֶן מֶער ווִי פַאר דִי מֶענֶער, צוּלִיבּ וָואס אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז דָא תּוֹרָה בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, ווַייל דִי פְרוֹיעֶן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן ווַארְטְן אָפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער ווֶען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דוּ פְרֶעגְסְט: 'הֲיִתָּכֵן צוּ שְׁרַייבְּן אַזַא שַׁארְפֶע בְּרִיוו וְכוּ'?'

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אָנְקוּקְן דֶעם בְּרִיוו אַז דָאס אִיז שַׁארְףּ ווֶען דָאס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַזַא רַחְמָנוּת?! אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן אִיז דָאס נִישְׁט שַׁארְף, שַׁארְף אִיז ווֶען מֶען זָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן", שַׁארְף אִיז ווֶען מֶען שְׁרַייבְּט: "דַיין דַאווְעגֶען אִיז גָארְנִישְׁט ווֶערְד, דַיין תּוֹרָה גֵייט פַאר דִי קְלִיפּוֹת", אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט צוּ פַארְרֶעכְטְן אִיז דָאס לוֹיטֶער רַחְמָנוּת.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם, מֶען זָאגְט נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן ווַייל מֶען ווִיל זַיין 'גוּטֶע עֶלְטֶערְן'; מֶען בַאפֶּט נִישְׁט אַז מִיטְ'ן נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן ווֶערְט מֶען נִישְׁט קַיין בַאלִיבְּטֶע עֶלְטֶערְן, מֶען ווֶערְט שְׁלֶעכְטֶע עֶלְטֶערְן. קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ ווֶען מֶען זָאגְט זֵיי וָואס צוּ טוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ז): "כְּשֶׁתְּחַזֵּק אֶת הָאָדָם בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא יֶאֱהַב אוֹתְךָ", ווֶען דוּ ווֶעסְט מְחַזֵּק זַיין אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין

עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וֶועט עֶר דִיךְ לִיבּ הָאבְּן; עֶלְטֶערְן דַארְפְן זָאגְן פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַ רֶבִּי, אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ דַארְף זָאגְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**זְוִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז עֶס נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא סֵפֶר וָואס אִיז מְחַזֵק אוּן מְעוֹדֵד אִידִישֶׁע קִינְדֶער וִוי דֶער סֵפֶר הַקָדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַחַל", בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי מְחַזֵק זַיין אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוער עֶס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיזוּק, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ סֵפֶר וָואס אִיז אַזוֹי מְחַזֵק דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי דֶער סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַחַל".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תכט

### פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי בִּילְדֶער פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן אִין אוּמַאן, נִישְׁט פוּן דִי מְשׁוּגָעִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶפְשָׁר וָואלְט גֶעוֶוען כְּדַאי אַז מֶען זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן קְלִיפְּס פוּן אוּמַאן וִוי אַזוֹי עֶרְלִיכֶע אִידְן פִירְן זִיךְ דָארְט אוֹיף, וִוי זֵיי דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן בֶּעטְן זִיךְ אוֹיס אַ גוּט יָאר בַּיים צִיוּן הַקָדוֹשׁ, אַז דָאס זָאל אִיבֶּערְוֶועגְן

דִי אַלֶע מָאדְנֶע בִּילְדֶער אוּן קְלִיפֶּס וָואס גֵייעֶן אַרוּם פוּן דִי וָואס טַאנְצְן אוּן פַארְפִירְן אִין אוּמַאן, דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען אַ גְרוֹיסֶע קִידוּשׁ הַשֵּׁם.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**הַדָּבָר** הָרִאשׁוֹן, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁייךְ צוּ כַאפְּן בִּילְדֶער אוּם יוֹם טוֹב, אוּן אֲפִילוּ פוּן עֶרֶב יוֹם טוֹב אִיז נִישְׁט שַׁייךְ צוּ כַאפְּן בִּילְדֶער פוּן אַלֶע טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן זֶענֶען עוֹסֵק אִין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. אוּן אֲפִילוּ עֶס וֶועט זַיין בִּילְדֶער וֶועלְן דָאס דִי צֵייטוּנְגֶען נִישְׁט פָּאבְּלִיצִירְן, וַוייל דָאס אִיז זֵיי נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, זֵיי זוּכְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע בִּילְדֶער וְכוּ'.

**צְוַוייטְנְס,** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן מִיט וֶועם דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז', מִזְבוּב וְעַכָּבִישׁ), פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זִיךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר

אַװעקגֶעגאַנגֶען און אִיז דֶערנָאךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקָן אַן אַײנגֶעבוֹיגֶענֶעם, זֵײ הָאבְּן גֶעלַאכְט און גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפּ גֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה".

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (בְּנַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן, שָׁם): "וָואס פַאר אַן עֵצָה הָאבְּן זֵײ זִיךְ גֶעטְרָאפְן? לַאכְן - מֶען לַאכְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד", דָאס אִיז דֶער עֵצָה; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מַאכְט זִיכֶער מֶען זָאל נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וֶוען עֶר זֶעט אַז דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵן אַלֶעמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ אַלֶע גֶעפַאלֶענֶע, אַזוֹי וִוי דֶער מְצִיאוּת אִיז, אַז וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן צִינְדְט זִיךְ אָן אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַן אִינֶערְלִיכֶער פֵייעֶר, דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם? עֶר לַאכְט אָפּ פוּן דֶעם און מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט בִּילְדֶער פוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' אַזוֹי הַאלְט עֶר צוּרִיק מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן.

**עֶס** וֶועט אִים אָבֶּער שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכט): "נִצַחְתִּי וְאֲנַצֵחַ, גָמַרְתִּי וְאֶגְמוֹר", אִיךְ הָאב אוֹיסְגֶעפִירְט און אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן, אִיךְ הָאב גֶעעֶנְדִיגְט און אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן; מֶען זֶעט מַמָשׁ וִוי דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַיין דִי וֶועלְט און אָט אָט קוּמְט שׁוֹין מָשִׁיחַ צוּ גֵיין. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט אָן קַיין שָׁאס פוּלְוֶוער", עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָה; עֶר וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז מֶען

זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, יֶעדֶער זָאל נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

**בַּיים** סוֹף וֶועלְן אַלֶע קוּמֶען קַיין אוּמַאן; וֶוער עֶס קֶען אַבִּיסְל רֶעכֶענֶען זֶעט לוֹיט דִי נוּמֶערְן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן קוּמֶען הַיינְט קַיין אוּמַאן, אַז בִּיז אַפָּאר יָאר וֶועלְן זַיין הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וִוי לַאנְג פָּארְט מֶען שׁוֹין קַיין אוּמַאן? אִינְגַאנְצְן פוּן שְׁנַת תשנ"א, עֶטְלִיכֶע צְוָואנְצִיג יָאר, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען גֶעפָארְן מֶערְסְטֶענְס צְוֵויי טוֹיזְנְט מֶענְטְשׁ, אוּן הַיינְט צוּ טָאגְס הַאלְט מֶען שׁוֹין קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, הֵיי יָאר זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּער פִינְף אוּן זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן.

**דֶער** סַמֶ"ךְ מֶ"ם שְׁפְּרִינְגְט אוּן שִׁיסְט אוּיס זַיינֶע לֶעצְטֶע קוֹילְן; עֶר זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען מַאכְן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁלֶעכְטֶע בְּלִיק אוֹיף "אוּמַאן", עֶר פְּרוּבִּירְט מִיט זַיינֶע לֶעצְטֶע כּוֹחוֹת צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אוּמַאן, אָבֶּער עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס אִיז אַ פַארְלוֹירֶענֶע קְרִיג פַאר אִים. אַלֶע וֵוייסְן וָואס אוּמַאן אִיז אוּן אַלֶע וֵוייסְן פַארְוָואס הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן שְׁלֶעפְּן זִיךְ קַיין אוּמַאן; בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן אִיז נִישְׁטָא אִין אוּמַאן, אֵיין זַאךְ אִיז דָא אִין אוּמַאן: אַ רֶבִּי וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט אַלֶעמֶען פַארְרֶעכְטְן. מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּם צִיּוּן הֵייבְּן זֵיי אָן צוּ וֵויינֶען וִוי אַ קְלֵיין קִינְד, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי.

**אַלֶע** חֲסִידוּת'ן זֶענֶען הַיינְט צוּ טָאגְס מְקַנֵא בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים און אַלֶע וֵוייסְן הַיינְט וֶוער דִי "טוּיטֶע חֲסִידִים" זֶענֶען; אַמָאל פְלֶעגְט מֶען טְשֶׁעפֶּען בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים און זֵיי אָנְרוּפְן מִיטְ'ן שְׁפֶּעט נָאמֶען: "טוּיטֶע חֲסִידִים", וַוייל מִיר פָארְן צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ רֶבִּי, אָבֶער הַיינְט הָאט זִיךְ דֶער שְׁפְּרִיךְ וָוארְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים זֶענֶען "לֶעבֶּעדִיגֶע חֲסִידִים", און אַנְדֶערֶע חֲסִידִים וָואס גֵייעֶן צוּ זֵייעֶר רֶבִּי און בַּאקוּמֶען גָארְנִישְׁט דִי זֶענֶען "טוּיטֶע חֲסִידִים"; דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט פַאר אִיבֶּער צְוֵוויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וִוי אַזוֹי חֲסִידִים שְׁפִּירְן זִיךְ וֶוען זֵיי גֵייעֶן צוּ זֵייעֶר רֶבִּי און וִוי זֵיי שְׁפִּירְן זִיךְ וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן זֵייעֶר רֶבִּי (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלה).

**דֶערִיבֶּער** דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און מִיר פָאלְגְן זַיינֶע רֵייד בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אוּנְז אָן בִּיטֶער שְׁוֶוער און מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַ גַאנְץ יָאר אַז מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תל

## אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, זָאל אִיךְ זִיךְ אַרַיינְלָאזְן אִין לַאטֶערִיעֶס אוּן גֶעמְבְּלִינְג?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן קוֹיפְן דִי לַאטֶערִי אָדֶער פַּארְשִׁידֶענֶע אַנְדֶערֶע גוֹרָלוֹת, וִוי אוֹיךְ אִיז דָא גֶעוִויסֶע פַּארְמֶעסְטְן וואו מֶען צָאלְט אַרַיין גֶעלְט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן אַז אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען גֶעווִינֶען אַסַאךְ גֶעלְט, ווייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעהַאלְטְן עַל פִּי הֲלָכָה.

לֶעצְטְנְס גֵייט מִיר שְׁוֶוער אִין פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיינְגֶעלָאזְט אִין דִי זַאכְן; אִיךְ ווייס אָבֶער נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז דָאס גָאר אִין כְּלַל פוּן הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר פַּרְנָסָה.

אִיךְ הֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן פַּארְקוֹיפְט פַאר דֶעם אוּן זֵיי פַּאלְן אַרַיין אִין גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶעט מֶען אָבֶער בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס לֵייגְן זִיךְ אַרַיין אִין בִּיזְנֶעס אַז זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ אַרַיינְפַאלְן אִין חוֹבוֹת, אוּן אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַּארְקוֹיפְט פַאר דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶע** צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען צוּ מְתַקֵּן זַיין פְּגַם הַבְּרִית [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; וַוייל דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה קוּמְט וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט מְתַקֵּן גֶעוֶוען דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - פְּגַם הַבְּרִית.

**דֶער** זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפֵרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט וֶועט זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפֵירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן; אוּן אַז מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים פַארְרֶעכְט מֶען וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַּרְנָסָה בְּנָקֵל (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כט).

**אַז** דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג; גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר גֶעבְּן

פַּרְנָסָה גְרִינְגֶערְהֵייט, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, גֶעב מִיר פַּרְנָסָה אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין וַוייב אוּן קִינְדֶער; עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין כֹּחַ, ווִיפִיל אִיךְ פַּארְדִין אִיז עֶס מִיר נִישְׁט גֶענוּג".

**טַייעֶרֶער** בְּרוּדֶער, ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זִיסֶערֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵויינְט צוּ אִים אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מג, ל): "וַיָּבֹא הַחַדְרָה וַיֵּבְךְּ שָׁמָּה", נָאכְדֶעם שְׁטֵייט (שָׁם, לא): "וַיִּרְחַץ פָּנָיו, וַיֵּצֵא וַיִּתְאַפַּק, וַיֹּאמֶר שִׂימוּ לָחֶם"; וַוייל דִי טְרֶערְן וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַואשְׁט זִיךְ אָפּ דֶערְמִיט זַיין פָּנִים, דָאס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה.

**אַז** דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, דוּ וֶועסְט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן דַיין לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס גֵייט אַנְדֶערְשׁ ווִי דוּ ווִילְסְט עֶס זָאל גֵיין, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סח): "כַּעַס אִיז מַזִיק דִי פַּרְנָסָה".

**מִיר** זָאגְן דְרַיי מָאל אַ טָאג דֶעם מִזְמוֹר "תְּהִלָּה לְדָוִד" (תְּהִלִּים, קמה); וָוען מֶען זָאגְט פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ דַארְף מֶען אִינְזִין הָאבְּן דֶעם שֵׁם פוּן חת"ך אפ"י, דִי רָאשֵׁי אוּן סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן פּ'וֹתֵ'חַ אֶ'ת יָ'דֶי'ךָ אִיז חת"ך אפ"י, דֶער שֵׁם אִיז מְסוּגָל אוֹיף פַּרְנָסָה; ווייל אַז 'חוֹתֵךְ' - מֶען שְׁנַיידְט אָפּ, 'אַפִּי' - דֶעם צָארְן, וָואס דָאס אִיז דִי כַּעַס, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען שְׁנַיידְט נִישְׁט אָפּ דֶעם 'אַפִּי', פַארְלִירְט מֶען דִי פַּרְנָסָה.

**לָאז** זִיךְ אָפּ פוּן דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת פוּן לַאטֶערִים אוּן אַנְדֶערֶע סָארְט גֶעמְבְּלְס; דָאס אִיז אַלֶעס אַ שְׁפִּיל פוּנֶעם שָׂטָן ווִי אַזוֹי צוּ פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן. וֵויי פַאר דִי וָואס פַאלְן אַרַיין אִין דֶעם בִּיטֶערְן נֶעץ, מֶען פַארְלִירְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן נָאכְדֶעם פַארְלִירְט מֶען דָאס לֶעבְּן הַשֵּׁם יְרַחֵם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַ יָאר מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע.

## תלא

**עֶס אִיז דָא אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, וָואס טוּט מֶען?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען אַ פָּארְפָּאלְק וָואס לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר שֵׁיין אִין זְכוּת פוּן דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶּער מַיין מַאן הָאט אַסַאךְ נֶערְוְון אִין שְׁלָאף צִימֶער, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים הֶעלְפְּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייֶער בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; יֶעדֶע פָּארְפָאלְק וָואס נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אַ וֶועג וַוייזֶער זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן. וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטוּבּ זֶעט מֶען גְלַייךְ אַז דָא לֶעבְּט מֶען ווִי אִין 'גַן עֵדֶן'; מֶען רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

**דָאס** וָואס אַייעֶר מַאן אִיז אַזוֹי אָנְגֶעצוֹיגְן וְכוּ'; דָאס קוּמְט פוּן דִי חָתָן שִׁיעוּרִים וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אוֹיף נִישְׁט אַ גוּטֶע וֶועג. לֵיידֶער לֵייגְט מֶען אַרַיין אִין חֲתָנִים אוּן אִין כַּלּוֹת אַסַאךְ שְׁרֶעק וְכוּ' בִּיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט פוּל מִיט נֶערְוְון, אַנְשְׁטָאט עֶס זָאל צוּגֵיין מִיט אַהֲבָה אוּן אַחְוָה, שָׁלוֹם אוּן רֵעוּת, שְׁרֶעקְט מֶען אָן מִיט עוֹנְשִׁים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ בִּיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען וְכוּ' וֶוערְט אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע זַאךְ אוּן אַסַאךְ מָאל בְּרֶענְגְט דָאס צוּ אַז מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְט אִיר גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר וֶועט אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט

## אײנֶער מִיטְ'ן צְװײטְן און אַרױס קְלַאפְּן פון אַײך אַלֶע חומְרות און פְּרִישות װָאס קומְט נִישְׁט פון דִי קְדושָׁה.

**דֶער** הֵײלִיגֶער חֲתַם סופֵר זָאגְט (תּורַת מֹשֶׁה קְדושִׁים, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'קְדושִׁים תִּהְיוּ'): "כִּי יֵשׁ הַרְבֵּה פְּרוּשִׁים בְּחַכְמֵי אוּמּוֹת הָעוֹלָם, וְהֵם יוֹתֵר פְּרוּשִׁים מִצַּדִּיקֵי יִשְׂרָאֵל", בַּײ דִי אומות הָעולָם אִיז דָא אַסַאךְ מֶער פְּרִישות װִי לְהַבְדִיל בַּײ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַײן קְדושָׁה, דָאס קומְט פון דֶעם װָאס זַײ הָאבְּן פַּײנְט דִי װֶעלְט; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַנְטְלױפְן פון דִי אַלֶע מַדְרִיכִים װָאס זֶענֶען מַדְרִיךְ חֲתַנִים און כַּלות צו לֶעבְּן מִיט חומְרות.

**דֶער** הֵײלִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵײעֶר הִיטְן פון חָכְמות, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", װַײל דִי אַלֶע חָכְמות װָאס מֶען הָאט װֶען מֶען הֵײבְּט אָן דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַײן חָכְמות, דָאס אִיז דִמְיונות, שְׁטותִים און קָאפּ דְרֵײעֶנִישׁ, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַײן עֲבודַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע װָאס זֶענֶען פַארְנומֶען מִיט חָכְמות און סְפֵיקות זֶענֶען

אַלְץ מְסֻפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה, מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תלב

### ווִי אַזוֹי נֶעם אִיךְ אַרָאפּ דִי קְלָלָה וָואס קוּמְט וֶוען דִי פְּרוֹי שֶׁערְט נִישְׁט דִי הָאר?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיווּ" וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אַ פְּרוֹי וָואס שֶׁערְט נִישְׁט דִי הָאר בְּרֶענְגְט אַ קְלָלָה אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ, ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען דִי קְלָלָה פוּן מַיין הוֹיז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

יז. אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תכא.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**בַּיים** אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט תְּשׁוּבָה; וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען הֵייבְּט אָן גֵיין אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה דַאן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע עוֹנְשִׁים אוּן אַלֶע קְלָלוֹת. דִי אַלֶע עוֹנְשִׁים וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אוּן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַלֶע דִינִים. דֶערִיבֶּער אַז אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין בִּצְנִיעוּת, אִיר וֶועט אַרָאפּ נֶעמֶען אַייעֶר הָאר, וֶועט אִיר אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן אַייעֶר שְׁטוּבּ אַלֶע קְלָלוֹת אוּן אִיר וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין אַייעֶר שְׁטוּבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם דוּרְךְ זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יוֹמָא מז.): "שִׁבְעָה בָנִים הָיוּ לָהּ לְקִמְחִית", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קִמְחִית, זִי הָאט גֶעהַאט זִיבְּן קִינְדֶער, "וְכֻלָּן שִׁמְּשׁוּ בִּכְהוּנָה גְדוֹלָה", אוּן אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. "אָמְרוּ לָהּ חֲכָמִים:

מַה עָשִׂית שֶׁזָּכִית לְכַךְ", הָאבְּן דִי חֲכָמִים אִיר גֶעפְרֶעגְט: וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם? הָאט זִי גֶעזָאגְט: "מִיָּמַי לֹא רָאוּ קוֹרוֹת בֵּיתִי קְלָעֵי שַׂעֲרִי", אִיךְ הָאבּ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז דִי וֶוענְט אוּן דִי דַאךְ פוּן מַיין הויז זָאלְן נִישְׁט זֶען מַיין הָאר; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען פִּירְט זִיךְ מִיט צְנִיעוּת הָאט מֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

**אוֹיךְ** זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער אַז אַייעֶרע קְלֵיידֶער זָאלְן זַיין צְנִיעוּת'דִיג, אִיר זָאלְט נִישְׁט אָנְטוּן קְלֵיידֶער וָואס זֶענֶען קוּרְץ, טַייט אָדֶער אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַז אַ פְרוֹי גֵייט אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; וֶוער וִויל נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער?! אִיר זֶעט דָאךְ וָואס גֵייט פָאר אִין אוּנְזֶער דוֹר, וְויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, וְויפִיל בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַאלְן אַוֶועק טָאג טֶעגְלִיךְ, דֶערְפַאר אַז דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַן עֵצָה אוּן אַן הַבְטָחָה: "צְנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", דַארְפְן מִיר זִיךְ דָאךְ צוּכַאפְּן צוּ דֶעם אוּן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן שֶׁעפְּן נַחַת פוּן זֵיי.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל מְקוּיָּם וֶוערְן בַּיי אַייךְ (דְּבָרִים כג, ו): "וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה, כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ".

# תלג

## מֶען זֶעט דָאךְ יָא אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אַז מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ צָרָה?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ מֵיידָל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים, דָאס גֶעבְּט מִיר אַ וֶועג צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מְקוֹר אִינֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אַז מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ צָרָה, אִיךְ הָאבּ יָא גֶעטְרָאפְן אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת (הִלְכוֹת פְּרִיקָה וּטְעִינָה ד, אוֹת יד) וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט דָארְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "כִּי בֶּאֱמֶת אִם הָיוּ הַכֹּל שׁוֹמְעִים לְקוֹל הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת, לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ זֶה, לְהַאֲמִין תָּמִיד בַּה' יִתְבָּרַךְ שֶׁהַכֹּל לְטוֹבָה וְלִתֵּן שֶׁבַח וְהוֹדָיָה תָּמִיד לַה' יִתְבָּרַךְ בֵּין בְּטוּבוֹ בֵּין בְּעָקוֹ כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר, בְּוַדַּאי הָיוּ מִתְבַּטְּלִים כָּל הַצָּרוֹת וְכָל הַגָּלֻיּוֹת לְגַמְרֵי וּכְבָר הָיְתָה גְּאֻלָּה שְׁלֵמָה"; אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי גְמָרָא (תַּעֲנִית ח.): "כָּל הַשָּׂמֵחַ בְּיִסּוּרִין שֶׁבָּאִים עָלָיו, מֵבִיא יְשׁוּעָה לְעוֹלָם"; וָואס קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף דֶעם?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען מוּז קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי פְרוֹיעֶן אַז זֵיי קֶענֶען שִׁיקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיף אוּמַאן, וָואס זָאל אָבֶּער טוּן אַ מֵיידָל וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט וֶועמֶען צוּ שִׁיקְן קַיין אוּמַאן, וִוי אַזוֹי קֶען זִי אוֹיסְפִירְן דֶעם רֶבִּינְ'ס רָצוֹן אִין דֶעם עִנְיָן?

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייֶער בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז אִיבְּרִיג צוּ שְׁרַייבְּן אִיבֶּער דֶעם לֶעצְטִיגְן קָאפּ פַּארְדְרֵייעֶנִישׁ וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן נָאךְ בְּשֵׁם דֶעם רֶבִּי'ן אַז וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה זָאל מֶען דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי צָרָה אוּן דָאס אִיז דֶער וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי צָרָה[יח]; דָאס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה, אוּן בִּכְלַל אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף דֶעם.

**קוּקְט** אַרַיין אִין רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תַּעֲנִיּוֹת, הֲלָכָה א) וואוּ עֶס אִיז מְבוֹאָר אַז עֶס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה אִין דִי תּוֹרָה צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען הָאט לֹא עָלֵינוּ אַ צָרָה.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת סג.): "אִם בָּא עַל אָדָם צָרָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה, "לֹא יִצְוַוח - לֹא לְמִיכָאֵל, וְלֹא לְגַבְרִיאֵל, אֶלָּא לִי יִצְווח, וַאֲנִי עוֹנֶה לוֹ מִיַּד", זָאל עֶר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן - נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ מִיכָאֵל אוּן נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ גַּבְרִיאֵל, נָאר צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ חוֹלֶה אִין שְׁטוּבּ דַארְף עֶר וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט

---

יח. דֶער עִנְיָן וֶוערְט אוֹיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תח.

קַיין קִינְדֶער דַארְף עֶר טוּן וָואס יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעטוּן (בְּרֵאשִׁית כה, כא): "וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ", אוּן וָואס חַנָּה - שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא'ס מַאמֶע - הָאט גֶעטוּן (שְׁמוּאֵל-א א, י; יב): "וַתִּתְפַּלֵּל עַל ה' וּבָכֹה תִבְכֶּה וגו', וְהָיָה כִּי הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי ה' וגו'".

**אַז** אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף עֶר וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים לִיכְטִיג מַאכְן אִין שְׂטוּבּ, וֶוער עֶס זָאגְט אַנְדֶערְשׁ - אִיז אַ חָסֵר דֵעָה. וֶוער עֶס פַּארְקוֹיפְט פַּאר מֶענְטְשְׁן מֶען זָאל דַאנְקֶען אַ שָׁעָה אוֹיף אַ צָרָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער זָאל עֶר זָאגְן בְּמֶשֶׁךְ אַ שָׁעָה יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער", אַזַא אֵיינֶער מַאכְט חוֹזֶק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חוֹזֶק פוּן דִי תּוֹרָה אוּן חוֹזֶק פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים.

**דָאס** אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרָכוֹת נד.): "חַיָּב אָדָם לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס אַזוֹי וִוי עֶר דַאנְקְט אוֹיף גוּטְס, אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים - סַיי גוּטְס אוּן סַיי שְׁלֶעכְטְס - אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער אָב הָרַחֲמָן וָואס וִויל נָאר טוּן גוּטְס מִיט'ן מֶענְטְשׁ, אוּן אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ צָרָה אִיז דָאס נָאר פַּאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (נִדָּה לא.):

"שְׁנֵי בְּנֵי אָדָם שֶׁיָּצְאוּ לִסְחוֹרָה", צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶעקוֹיפְט סְחוֹרָה דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן אִין אַ צְווייטֶע מְדִינָה, "יָשַׁב לוֹ קוֹץ לְאַחַד מֵהֶן", גֵייעֶנְדִיג צוּם שִׁיף הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן זֵיי צֶעבְּרָאכְן דִי פִּיס אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם שִׁיף, דִי שִׁיף אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן מִיטְ'ן אַנְדֶערְן שׁוּתָּף מִיטְנֶעמֶענְדִיג אַלֶע סְחוֹרָה אוּן דֶער מֶענְטְשׁ מִיט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע פִּיס אִיז אוּנְטֶער גֶעבְּלִיבְּן, "הִתְחִיל מְחָרֵף וּמְגַדֵּף", הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לְיָמִים שָׁמַע שֶׁטָּבְעָה סְפִינָתוֹ שֶׁל חֲבֵירוֹ בַּיָּם הִתְחִיל מוֹדֶה וּמְשַׁבֵּחַ", נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז דִי שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין וַואסֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן מִיט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (יְשַׁעְיָה יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי", אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט גֶעצֶערְנְט אוֹיף מִיר אוּן מִיר צֶעבְּרָאכְן מַיין פִּיס, "יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ'נַחֲמֵנִ'י", ווייל אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען; אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אֲפִילוּ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס ווִי שְׁלֶעכְטְס.

דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר ווִי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט יְדִיעָה אוּן בְּחִירָה וְכוּ'; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען דָאךְ ווִיסְן: "שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ", אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז פַאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן, אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע הַשְׁגָּחָה וְכוּ', אַזוֹי ווִי דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד): "כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווייסְט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים אִיז פַאר זַיין טוֹבָה - דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא; אָבֶּער פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה, עֶר קֶען בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר ווִיל, אוֹיף יֶעדְן פְּרַט וּפְרַט; ווִי אַזוֹי אַרְבֶּעטְן אָבֶּער דִי צְוֵויי זַאכְן צוּזַאמֶען? אִיז דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַדֵּשׁ דִי שִׁבְעָה נֵרוֹת, עֶר הֵיילִיגְט זַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ בִּיז עֶס אִיז אִים שׁוֹין נִישְׁט שְׁוֶוער דִי קַשְׁיָא פוּן יְדִיעָה אוּן בְּחִירָה, עֶר ווייסְט אַז מֶען דַארְף בּוֹחֵר זַיין אִין יְדִיעָה, צוּ ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כא).

תְּפִלָּה אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה צוּ אֱמוּנָה; אֲפִילוּ וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען נָאכְדֶעם ווייטֶער גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס:): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר כָּל דְּעָבִיד רַחְמָנָא - לְטַב עָבִיד", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן שְׁטֶענְדִיג: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אַרֵיין אִין זִיךְ, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס אִיז נָאר פַאר זַיין אֵייבִּיגֶע טוֹבָה, דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שׁוֹין יֶעצְט אִין 'גַן עֵדֶן', אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה (שָׁם) אַז

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט אוּן קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין נֶעמֶען גֶעבְּן אַן אַכְסַנְיָא, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַאְרְלוֹירְן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "כָּל דְּעָבִיד רַחְמָנָא - לְטַב עָבִיד", אַלֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער נֶעכְטִיגְן אִין וַואלְד; עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַן אֵייזְל, אַ הִינְדְל מִיט אַ לִיכְט, פְּלוּצְלוּנְג אִיז גֶעקוּמֶען אַ ווִינְט אוּן פַארְלָאשְׁן דִי לִיכְט, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא נִישְׁט פַארְלוֹירְן, נָאר וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "כָּל דְּעָבִיד רַחְמָנָא - לְטַב עָבִיד", אַלֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר מִינוּט אוּן עֶס קוּמְט אַ לֵייבּ אוּן פַארְצִיקְט דֶעם אֵייזְל, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא נִישְׁט פַארְלוֹירְן, נָאר וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "כָּל דְּעָבִיד רַחְמָנָא - לְטַב עָבִיד", אַלֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען אַ קַאץ אוּן הָאט פַארְצִיקְט דָאס הִינְדְל, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, נָאר ווִידֶער גֶעזָאגְט: "כָּל דְּעָבִיד רַחְמָנָא - לְטַב עָבִיד", אַלֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, שְׁפֶּעטֶער הֶערְט עֶר אַ גֶעשְׁרֵיי אוּן זֶעט ווִי רוֹיבֶּערְס קוּמֶען צוּ גֵיין אַרַיין אִינֶעם שְׁטָאט וואוּ קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְנֶעמֶען - אוּן הַרְגְ'עֶנֶען אוֹיס דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעזֶען דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קְלָאר מִיט זַיינֶע אוֹיגְן; עֶר הָאט שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס קֵיינֶער פוּן שְׁטָאט הָאט אִים נִישְׁט אַרַיין גֶענוּמֶען, אוּן פַארְוָואס דֶער

אייזל, די הינדל און די ליכט זענען אַוועק גענומען געוואָרן פון אים, אַלעס כדי אים צו היטן פון די רויבערס.

**דָאס** מיינט נישט צו זאגן אז א מענטש וואס געפונט זיך אין א צָרָה זאל נישט בעטן אַרויס צו גיין פון די צָרָה; אַדְרַבָּה, ווען א מענטש גייט אַריבער צָרוֹת וְיִסוּרִים איז די איינציגסטע עֵצָה אַרויס צו גיין דערפון - דורך בעטן דעם אייבערשטן, אָבער אַסאך מָאל איז דער מענטש אַזוי צעבראָכן פון דאס וואס גייט אַריבער אויף אים אַז ער האָט נישט קיין ווערטער וואס צו בעטן פון גרויס עַצְבוּת וּמְרִירוּת וְכוּ', איז די עֵצָה אַז ער זאל דַאנקען דעם אייבערשטן אויף די חֲסָדִים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים. עס איז כְּדַאי דורך צו לערנען אין ליקוטי הֲלָכוֹת (ליקוטי הֲלָכוֹת יוֹרֶה דֵעָה, כִּלְאֵי בְהֵמָה הֲלָכָה ד', אות ד, ה, ו) וואו רבי נָתָן רעדט אַרום פון דעם בַּאֲרִיכוּת, אַז ווען א מענטש זעט ווי ווייט ער איז פונעם אייבערשטן און ווי שווער עס גייט אים - סיי בְּרוּחָנִיוּת און סיי בְּגַשְׁמִיוּת, ער מוטשעט זיך מיט פַּרְנָסָה וְכוּ', זאל ער זוכן עפעס גוטס וואס צו דַאנקען דערויף דעם אייבערשטן, אַזוי וועט ער זיך נאכדעם קענען גוט אויסגיסן זיין הארץ און בעטן דעם אייבערשטן ער זאל אים העלפן.

**בְּנוֹגֵעַ** אומאַן וְכוּ'; עס איז נישט שַׁייך פאר מיידלעך צו קומען קיין אומאַן אום ראש השנה; וואו מען געפונט זיך איז מען זיך פון דארט מְקַשֵּׁר צום הייליגן רבי'ן. יעדער איד וואס גלייבט אינעם רבי'ן איז צוגעבינדן צום רבי'ן און ער איז זוכה צו אַלע תִּיקוּנִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן איר זָאלְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ און זוֹכֶה זַיין צוּ שִׁיקְן אַייעֶר מַאן און קִינְדֶער קַיין אוּמַאן יֶעדֶע יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

## תלד

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעם אִין דִי אוֹיגְן?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ אַייךְ דַאנְקֶען אוֹיף דִי גֶעווַאלְדִיגֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וָואס אִיר גֶעבְּט, סַיי בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אוּן סַיי בַּיי דִי בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט שׁוֹין פַאר אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ אַ וואוּילֶע ווייבּ מִיט לִיבְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין וַוייבּ לַיידְט פוּן אַ גֶעווִיסֶע גֶעזוּנְטְהַייט פְּרָאבְּלֶעם אִין דִי אוֹיגְן אוּן דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּנְזֶער לֶעבְּן. מַיין וַוייבּ הָאט גָאר גְרוֹיס דְרוּק פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר פַּרְנָסָה פוּן פַארְטָאגְס בִּיז זִיבֶּעְנֶע בַּייְנַאכְט, מִיט דֶעם אַלֶעם מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען בְּרוֹיט אִין שְׁטוּב, וַוייל דִי אַלֶע דָאקְטוֹרִים אוּן טֶערֶעפִּי קָאסְט אָפּ שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער אוּן מִיר זֶעעֶן נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה.

אִיךְ דַארְף פָּשׁוּט הָאבְּן ווִיכְטִיג חִיזוּק אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט מְשׁוּגָע וֶוערְן פוּן אַזוֹיפִיל לַחַץ, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מִיר.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב חַג הַסּוּכּוֹת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**נֶעם** דִי רְפוּאָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, סִימָן י): "הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לִכְאֵב עֵינַיִם", קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֵוייטָאג; דֶערִיבֶּער פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים צוּ קוּקְן אוֹיף דִי אֶתְרוֹג דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן - בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת. זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג, אַזוֹי וֶועט זִי הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן, זִי וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן פוּן אַלֶע לְחָצִים.

**נֶעמְט** אַריין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר לֶעבְּן וֶועט אִיר אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן יד): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ כְּאֵב עֵינַיִם אוֹ כְּאֵב מֵעַיִם, בְּיָדוּעַ שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו", וֶוער עֶס הָאט אוֹיגְן וֵוייטָאג אָדֶער בּוֹיךְ וֵוייטָאג אִיז אַ סִימָן אַז דִינִים רוּעֶן אוֹיף אִים; דִי עֵצָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִינִים פוּן זִיךְ - אַז מֶען זָאל אַריין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם לֶעבְּן, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָּל, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים, דֶעמָאלְט וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי

זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִין, סִימָן כה): "מִי שֶׁדִינִין שׁוֹרִין עָלָיו, יִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם עַל הַשָּׁמַיִם", אוֹיב מֶען הָאט אוֹיף זִיךְ דִינִים זָאל מֶען כְּסֵדֶר קוּקְן אוֹיפְ'ן הִימְל; אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, דֶעמָאלְט וֶוערְט בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם לֶעבְּן וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן מֶען לֶעבְּט אַ חַיִים טוֹבִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סַנְהֶדְרִין סז:): אַ כִּישׁוּף מַאכֶער'ן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן כִּישׁוּף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא רֶבִּי חֲנִינָא, הָאט אִיר רֶבִּי חֲנִינָא גֶעזָאגְט: "אִי מִסְתַּיְיעַת זִילִי עֲבִידִי, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ כְּתִיב", דוּ קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן מַאכְן כִּישׁוּף וִויפִיל דוּ ווִילְסְט אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים ד, לה): "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע כִּישׁוּף.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ וֶועט זִי אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; דוּ זַיי אִיר טֶערֶעפִּיסְט וַוייל דוּ קֶענְסְט אִיר אוֹיסְהֵיילְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קכט.): "בְּרַתֵּיהּ דְּרַב חִסְדָּא טָבְלָה בְּגוֹ תְּלָתִין יוֹמִין שֶׁלֹּא בִּפְנֵי בַּעְלָהּ וְאִצְטְנִיאַת", רָבָא'ס וַוייבּ - זִי אִיז גֶעוֶוען רַב חִסְדָּא'ס טָאכְטֶער - הָאט זִיךְ פַארְקִילְט; רָבָא אִיז דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה אִין פּוּמְבְּדוּתָא, "וְאַמְטוּיְּ לְעַרְסָהּ בָּתְרֵיהּ דְּרָבָא לְפוּמְבַּדִיתָא", הָאט מֶען אִיר גֶעטְרָאגְן

מִיט אִיר בֶּעט קַיין פּוּמְבְּדִיתָא וואוּ רָבָא אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ יְשִׁיבָה און זִי אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן, עַיֵין שָׁם; זֶעט מֶען אַז דֶער מַאן אִיז דֶער וָואס דַארְף מְחַזֵק זַיין און פְּרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער און מִיט לִיבְּשַׁאפְט, דֶעמָאלְט גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

## תלה

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבּ,**
**וֶוען זִי אִיז נִישְׁט אַזוֹי אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר קֶענְט מִיר נִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ קֶען אַייךְ יָא, אִיךְ הֶער אַסַאךְ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים און דָאס לַייכְט מִיר אוֹיף מַיין לֶעבְּן, עֶס גֶעבְּט מִיר חִיזוּק און הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין סַיי וֶועלְכֶע מַצָב אִין לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט אַלֶעם גוּטְן.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַייעֶר אַ גֶעלוּנְגֶענֶע, וואוּילֶע און גוּטֶע וַוייבּ, מִיר הָאבְּן שׁוֹין עֶטְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער קַיין עַיִן הָרָע, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, און אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן אַז אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע וַוייבּ, אָנְגֶעטוֹן שֵׁיין מִיט אַ שֵׁייטְל וְכוּ'.

דִי מַחֲשָׁבוֹת לָאזְן מִיר נִישְׁט צוּרוּ און אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע פוּן דֶעם. אִיךְ טְרַאכְט וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן דֶערְצוּ, פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואלְט

אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן אַז אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ שֵׁייטְל, ווייל זֵיי וָואלְטְן דָאס נִישְׁט אויסְגֶעהַאלְטְן, און וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּן? אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ אִיר יֶעצְט בֶּעטְן אֶנְצוּטוּן אַ שֵׁייטְל און זִיךְ שֵׁיין אַהֶערְשְׁטֶעלְן? אֶפְשָׁר אַזוֹי וֶועט דָאס מִיר בַּארוּאִיגְן און אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן?

בִּיטֶע לֵיינְט אִיבֶּער מַיין שְׁאֵלָה מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת און עֶנְטְפֶערְט מִיר מִיט לָאגִיק און גֶעפִיל, מַיין הַארְץ וֶועט נִישְׁט וֶוערְן צוּפְרִידְן פוּן אַ שְׁטִיקְל חֲזַ"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן ווייטֶער כֹּחַ צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן מִיט הַרְחָבַת הַדַּעַת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב חַג הַסּוּכּוֹת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**נִישְׁט** יֶעדֶע שְׁאֵלָה קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן בִּכְתָב, בִּפְרַט וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ וְכוּ', נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן.

**דוּ** שְׁרַייבְּסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַבִּי מִיט אַ חֲזַ"ל נָאר מִיט לָאגִיק און הַארְץ וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז בַּיי אִידְן אִיז נִישְׁטָא קַיין לָאגִיק, בַּיי אוּנְז אִידְן אִיז נָאר דָא וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט און וָואס אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן.

**רֶבִּי** נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קטז): "אֶחָד הָיָה מְדַבֵּר עִמּוֹ, וְהָיָה מְשַׁבֵּחַ אֶת אִישׁ אֶחָד שֶׁמִּתְנַהֵג בְּיֹשֶׁר, וְאָמַר עָלָיו בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁהָאִישׁ הַזֶּה הוּא 'אָרִינְטְלִיךְ'", אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אוֹיף אֵיינֶעם אַז יֶענֶער אִיז זֵייעֶר אַן 'אָרְנְטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ', "עָנָה הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְאָמַר שֶׁעַל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי אֵין שַׁיָּךְ לוֹמַר אָרִינְטְלִיךְ", הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: אוֹיף אַ אִיד אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן 'עֶר אִיז אָרְנְטְלִיךְ', "כִּי אֻמּוֹת הָעוֹלָם יֵשׁ לָהֶם הַנְהָגוֹת נִימוּסִיּוֹת, מַה שֶׁהַשֵּׂכֶל וְהַיֹּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁזֶּה נִקְרָא אָרִינְטְלִיךְ", בַּיי גוֹיִם אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן 'אָרְנְטְלִיךְ' וַוייל זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט שֵׂכֶל אוּן לָאגִיק, "אֲבָל יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ, אֲפִלּוּ אֵלּוּ הַמִּצְוֹת שֶׁהֵם מִצַּד דֶּרֶךְ אֶרֶץ מַה שֶּׁהַיֹּשֶׁר וְהַשֵּׂכֶל מְחַיֵּב, אֲפִלּוּ אֵלּוּ הַמִּצְוֹת אֵין עוֹשִׂין מֵחֲמַת דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִצַּד חִיּוּב הַשֵּׂכֶל וְהַיֹּשֶׁר, רַק מִגְּזֵרַת הַמֶּלֶךְ הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ שֶׁצִּוָּה עָלֵינוּ בְּתוֹרָתוֹ לַעֲשׂוֹת כָּךְ", אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִידְן אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַז מִיר פִירְן זִיךְ מִיט שֵׂכֶל אוּן לָאגִיק, וַוייל אֲפִילוּ דִי מִצְוֹת וָואס דֶער שֵׂכֶל אִיז מְחַיֵּיב טוּעֶן מִיר אוֹיךְ נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַזוֹי גֶעהֵייסְן אִין דִי תּוֹרָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַאר אַן אַפִּיקוֹרֶס דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יח:): "אָמַר רַב יִצְחָק, קָשָׁה רִמָּה לְמֵת כְּמַחַט בִּבְשַׂר הַחַי", עֶס טוּט וֵויי פַאר'ן טוֹיטְן מֶענְטְשׁ וֶוען דִי וֶוערִים בַּייסְן אִים אַזוֹי וִוי עֶס טוּט וֵויי פַאר אַ לֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר

כַאפְּט אַ שְׁטָאךְ פוּן אַ נָאדְל; רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס אִים עֶרְקְלֶערְט מִיט שֵׂכֶל וְכוּ', שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דֶערְבֵּיי: "דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ מַסְבִּיר גֶעוֶוען פְרִיעֶר דָאס אִיז נִישְׁט פַאר אַייךְ, דָאס אִיז פַאר אִים וָואס עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיר זָאלְט וִויסְן אַז: 'וָזאס חֲזַ"ל זָאגְן דָאס זָאגְט גָאט'".

**דָאס** זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט "מַיין הַארְץ וֶועט נִישְׁט וֶוערְן צוּפְרִידְן פוּן אַ שְׁטִיקְל חֲזַ"ל" אוּן דוּ ווִילְסְט הֶערְן אַ תְּשׁוּבָה פוּן לָאגִיק אוּן הַארְץ, וַוייל נָאר וָואס חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז דָאס אִיז שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד.

**יֶעצְט** צוּ דַיין שְׁאֵלָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גֶעלוּנְגֶענֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אָבֶּער עֶס שְׁטֶערְט דִיר אִיר אוֹיסְזֶען וְכוּ', דוּ ווִילְסְט הָאבְּן אַ וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט, אַ זַאךְ וָואס אִיז צִיעֶנְדִיג ווִילַאנְג מֶען הָאט עֶס נִישְׁט.

**ווִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז לִיבְשַׁאפְט וְכוּ' הָאט נִישְׁט נָאר מִיט'ן אוֹיסְזֶען, הֶער אוֹיס וָזאס דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה מז.): "אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן שְׁלֹשָׁה חִינוֹת הֵן", דְרֵיי סָארְט חֵן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן, אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵיי אִיז: "חֵן אִשָּׁה עַל בַּעְלָהּ", אַז אַ פְרוֹי זָאל הָאבְּן חֵן אִין דִי אוֹיגְן

פוּנֶעם מַאן; זָאגְט רַשִׁ"י (דִבּוּר הַמַתְחִיל "חֵן הָאִשָּׁה"): "אֲפִילוּ הִיא מְכוֹעֶרֶת נוֹשֵׂאת חֵן בְּעֵינָיו", אֲפִילוּ אַ מִיאוּסְ'עֶ פְרוֹי מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִי זָאל הָאבְּן חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם מַאן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט עֶס זָאל זַיין חֵן צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אַזוֹי קֶען דִי וֶועלְט אָנְגֵיין. אִין אָנְהֵייבּ צִיט נָאר דָאס אוֹיסְזֶען אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ בּוֹיט מֶען אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע טִיפֶע לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אוּן מֶען צִיט אוֹיף קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, דִי לִיבְּשַׁאפְט וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער אוּן טִיפֶער וִוי דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאר פוּנֶעם אוֹיסְזֶען.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז דָאס אַלֶעס קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, וַוייל אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם וֶוערְט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט זַאט, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (תָּמִיד לב:) דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג אַלֶכְּסַנְדֶר מוּקְדוֹן אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר פוּן 'גַן עֵדֶן', עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר מֶען זָאל אִים עֶפֶענֶען, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט (תְּהִלִּים קיח, כ): "זֶה הַשַּׁעַר לַה' צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ", דֶעם טִיר עֶפְנְט מֶען נָאר פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, דָא קוּמֶען אַרַיין נָאר צַדִיקִים; הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "אִיךְ בִּין דָאךְ אַ קֶענִיג, עֶפְנְט מִיר", הָאט מֶען אִים גֶעעֶפְנְט דִי טִיר. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים גֶעבְּן עֶפֶּעס פוּן 'גַן עֵדֶן', זָאגְן חֲזַ"ל: "יְהַבוּ לֵיהּ גוּלְגָּלְתָּא חֲדָא", הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטֵיינְדְל. עֶר הָאט גֶעוָואלְט וִויסְן וִוי חָשׁוּב דֶער שְׁטֵיין אִיז, וִויפִיל דָאס וֶועגְט, "אַתְיָיהּ תַּקְלֵיהּ לְכוּלֵּיהּ דַּהֲבָא וְכַסְפָּא דִּידֵיהּ בַּהֲדֵיהּ לֹא הֲוָה מַתְקָלֵי", הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם שְׁטֵיינְדְל אוּן עֶס

גֶעלֵייגְט אוֹיף אֵיין זַייט פוּנֶעם וָואגְשָׁאל אוּן זַיין גַאנְצֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוּן דֶער שְׁטֵיינְדְל הָאט אַלְץ אַרָאפּ גֶעווָאוֹיגְן, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווָאוּנְדֶערְט וָואס דָאס אִיז, "אָמַר לְהוֹן לְרַבָּנָן מַאי הַאי", אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל אוּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם שְׁטֵיינְדְל וָואס וֶועגְט מֶער פוּן אַלֶעם? "אָמְרֵי, גּוּלְגָּלְתָּא דְעֵינָא דְבִישְׂרָא וְדָמָא דְלָא קָא שָׂבַע", הָאבְּן אִים דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים ז"ל גֶעזָאגְט; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁטֵיינְדְל, דָאס אִיז אַן אוֹיג פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט נִישְׁט זַאט, וָואס עֶר פַארְמָאגְט דַארְף עֶר אַלְץ נָאךְ, "אָמַר לְהוּ מִמַּאי דְהָכִי הוּא", אַלֶכְּסַנְדֶר מוֹקְדוֹן הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט דִי חֲכָמִים, הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן אִים אוֹיפְווַייזְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶענוּמֶען אַ שְׁטִיקְל שַׁארְב אוּן עֶס אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן אוֹיג, אוּן דִי וָואגְשָׁאל הָאט זִיךְ גְלַייךְ אַרָאפּ גֶעלֵייגְט אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעווִיזְן מִיט דֶעם אַז ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוּן דִי אוֹיג אִיז אִים אָפְן, גְלוֹסְט עֶר פַאר זַאכְן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען שְׁטַארְבְּט אוּן מֶען דֶעקְט צוּ דִי אוֹיג מִיט אַ שַׁארְב דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט.

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ שֵׁיין מַאכְן פַאר דִיר; אֲפִילוּ אִין גַאס צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן גֵייט זִי אָנְגֶעטוּן ווִי זִי הָאט גֶעזֶען בַּיי אִירֶע עֶלְטֶערְן, דָאךְ קֶען זִי זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַאר דִיר וְכוּ', אָבֶּער מֵיין נִישְׁט פַאר קַיין אֵיין רֶגַע אַז דֶער וָואס הָאט שׁוֹין וָואס עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ - דֶער הָאט נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת; טְרַאכְט נִישְׁט אַז דִי וָואס

הָאבְּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט ווי דוּ מָשָל'סְט זִיךְ אוֹיס - דִי זֶעגֶען צוּפְרִידְן, ווייל לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי וַוייבּ קוּמְט נָאר אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. נָאר עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, נָאר דִי וָואס לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶר שְׁטוּבּ; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן מֶען לֶעבְּט ווי דִי תּוֹרָה זָאגְט דֶעמָאלְט אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע מַעֲלוֹת וָואס דַיין וַוייבּ הָאט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ד): וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שִׁידוּכִים נֶעמְט עֶר אַרוֹיס גֶעפַאנְגֶעֶנֶע פוּן זֵייעֶר תְּפִיסָה, אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל פַאר זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה זֶענֶען זֵיי אִין זֵייעֶר תְּפִיסָה, אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט פַאר זֵיי אַ שִׁידוּךְ נֶעמְט עֶר זֵיי אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר גֶעפֶענְגֶענִישׁ, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים סח, ז): "מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת", פְרֶעגְן חֲזַ"ל: וָואס מֵיינְט "בַּכּוֹשָׁרוֹת"? נָאר דָאס זֶענֶען צְוֵויי וֶוערְטֶער: 'בְּכִי' וְ'שִׁירוֹת'; אֵיינֶער וֵויינְט אוּן דֶער צְוֵייטֶער זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַאנְקְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מַיין וַוייבּ אִיז גֶעזוּנְט, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן קִינְדֶער, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מַיין וַוייבּ טְרָאגְט דִי אַחְרָיוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער"; אוּן מֶען בֶּעט אוֹיף וַוייטֶער:

"הֶעלְף אוּנְז אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִינְאֵיינֶעם עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, הֶעלְף אוּנְז אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, הֶעלְף אוּנְז אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זָאלְן זֶען אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן נָאר דִי מַעֲלוֹת, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא זַיין, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס הֲנָאָה פוּן עוֹלָם הַזֶה, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער, אַז נָאךְ אַבִּיסֶל גֵיי אִיךְ שׁוֹין צוּרִיק צוּ דִיר אוּן נָאר דִי עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּן מִיר".

**זָאג** דִיר אַלֵיינְס דִי מַעֲלוֹת פוּן דַיין וַוייבּ, וֶועט אַרַיין גֵיין לִיבְּשַׁאפְט אִין דִיר; הֶער שֵׂכֶל וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז (כְּתוּבּוֹת יז.), דִי בֵּית הִלֵל זָאגְן אַז מֶען זָאל זָאגְן פַאר יֶעדְן חָתָן: "דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע כַּלָה", פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אוֹיבּ דִי כַּלָה אִיז אַ הִינְקֶעדִיגֶע אָדֶער אַ בְּלִינְדֶע אִיז דָאס דָאךְ לִיגְנְט, וִוי מֶעג מֶען זָאגְן לִיגְנְט? זָאגְן חֲזַ"ל אַז כְּדֵי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם מֶעג מֶען, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; אֲפִילוּ זִי הָאט אַ פֶעלֶער זָאל מֶען אִיר אוֹיסְלוֹיבְּן אַזוֹי וֶועט דֶער חָתָן אִיר לִיבּ הָאבְּן.

**וֶועט** מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט חֶסְרוֹנוֹת, אוֹיבּ זָאגְט מֶען אִים אַז דָאס אִיז גוּט אוּן שֵׁיין וֶוערְט עֶס אִין זַיינֶע אוֹיגְן שֵׁיין אוּן גוּט; דָאס זֶעלְבֶּע קֶען מֶען זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיסְלוֹיבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס זָאגְן אַלֶע מַעֲלוֹת וָואס מֶען הָאט אוּן אַלֶע מַעֲלוֹת וָואס דִי וַוייבּ הָאט, אַזוֹי וֶועט מֶען הַאלְטְן פוּן זִיךְ אוּן פוּן דִי וַוייבּ.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם בְּרִיוו שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן דֶעם 'גַן עֵדֶן' אוֹיף דִי וֶועלְט.

**אַ** גוּט יוֹם טוֹב.

# תלו

**ווִי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע צוּ פִינְף זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ קַיין עַיִן הָרָע אוּן מַיין גַאנְצֶע צִיל אוּן הָאפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן אִיז אוֹיפְצוּצִיעֶן מַיינֶע קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין צֶען יֶערִיג אִינְגְל הָאט מִיר לֶעצְטְנְס גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן דֶערְמִיט, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר בֶּעט אַסַאךְ מָאל זַאכְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ מַיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, ווִי אַזוֹי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אוּן הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן ווִי אַזוֹי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועֶן אָנְצוּהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, ווַייל דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע, פֵיגָא, הָאט גֶע'יַרְשְׁ'עֶנְט דִי הוֹיז פוּן אִיר מַאמֶע - דִי צַדֶיקֶת אָדְל - דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹבְ'ס טָאכְטֶער, וָואס זִי הָאט גֶע'יַרְשְׁ'עֶנְט דָאס הוֹיז פוּן אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

**אִין** דֶעם הוֹיז אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן. וֶוען דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְן קוּמֶען קַיין מֶעזִיבּוּז צוּם צִיוּן פוּן זֵייעֶר רֶבִּי - דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְלֶעגְן זֵיי אַרַיין גֵיין אִין שְׁטוּבּ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי צַייטְן וָואס זֵיי פְלֶעגְן זַיין בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי פְלֶעגְן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער רֶבִּי. דֶער רֶבִּי זַייעֶנְדִיג נָאךְ אַ קְלֵיין אִינְגְל פְלֶעגְט אוֹיסְהֶערְן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, דִי צַדִיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

**אַמָאל** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אַז זַיין מַאמֶע שָׂרָה

אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט בִּשְׁעַת זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זִי אִיז גְלַייךְ נָאכְדֶעם נִפְטָר גֶעוָוארְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִּינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט - בְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְן דִיר, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן קֵיינֶעם", אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אֵיינֶער אַלֵיינְס אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטְנְ'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: "גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְן דִיר, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן קֵיינֶעם", מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אוּן דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז אֵיינְמָאל שְׁפַּאצִירְט עֶר אִין וַואלְד בִּשְׁעַת עֶר זִינְגְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן זֶעט עֶר וִוי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ מֶענְטְשׁ אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ דָא אַלֵיין אִין וַואלְד?" רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ אִים: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט דִי וֶועלְט", אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ פָּסוּק

(יְחֶזְקֵאל ח, יב): "עָזַב ה' אֶת הָאָרֶץ". (וָואס בֶּאֱמֶת שְׁטֵייט דָארְט מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי ווי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט).

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעכַאפְּט אַ צְוַוייג פוּן דֶער עֶרְד אוּן אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן, אוּן בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אַלְטְן נַאר הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", פְּלוּצְלִינְג זֶעט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב ווִי עֶר אִיז נִישְׁטָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַן אוֹיג פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם; פוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוָוארְן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל אִים אַיינְרֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן: 'גֶעוַואלְד! אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק! אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאכְטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק?' גְלַייךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק,

אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ' וְכוּ'". בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועז צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועז.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק פְּלַאקֶערְט דָאס אוֹיף זַיין הַארְץ צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

**דֶערְפַאר** אַז אִיר ווִילְט אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְפְט אִיר ווִיסְן אַז דִי עֵצָה אִיז זֵיי צוּ דֶערְצֵיילְן אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אוּן פוּן צַדִיקִים.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רֶב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; ווַייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז מֶען דַארְף אַלֵיינְס אוֹיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה, מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּער גֶעבְּן אֱמוּנָה פַאר אַ צְווייטְן נָאר אַז מֶען אִיז בָּטֵל וּמְבֻטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן;

מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים כה, ח): "טוֹב וְיָשָׁר ה' עַל כֵּן יוֹרֶה חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זַיין אַ 'יוֹרֶה חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ', עֶר ווִיל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף זַיין בַּיי אִים קוֹדֶם 'טוֹב וְיָשָׁר ה'', עֶר דַארְף ווִיסְן בַּיי זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט וּבְחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי אֱמוּנָה.

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז מִיט עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה; זֵיי דַארְפְן זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּער גֶעבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה. יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִין שְׁטוּב זָאל מֶען הֶערְן דֶערְבַּיי דֶעם אוֹיסְדְרוּק: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם!" "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" אַז עֶס גִיסְט זִיךְ עֶפֶּעס אוֹיס אָדֶער עֶפֶּעס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ דַארְף מֶען הֶערְן: "גַּם זוּ לְטוֹבָה", "וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז זִיכֶער גוּט"; בַּיים שַׁבָּת טִישׁ דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אֱמוּנָה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה - אַזוֹי וֶועט אַרַיין גֵיין אִין זֵייעֶר הַארְץ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

**אֱמוּנָה** בַּאקוּמְט מֶען וֶוען מֶען רֶעדְט דֶערְפוּן, ווִי מֶער מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער בּוֹיט זִיךְ אוֹיף דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", ווִי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַלְץ מֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דָוִד הַמֶּלֶךְ

זָאגְט: 'מִיט מַיין מוֹיל דֶערְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה", אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - דָאס אַלֵיינְס אִיז אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה.

**דֶערְפַאר** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואוּ מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: "וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" זָאל עֶר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן: "יָא", נָאר: "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: "וָואס מַאכְסְטוּ?" "וָואס הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶערְט מֶען: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**עֶלְטֶערְן** דַארְפְן אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת.

**אַ** גוּט יוֹם טוֹב.

# תלז

## ווי אַזוֹי בַּאקוּם אִיךְ צוּרִיק דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וָואס אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן זַייט אִיךְ בִּין גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים הָאט אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ לֶעבְּן, סַיי אִיךְ אוּן סַיי מַיין מַאן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן מִיר לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיר לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ וויל פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִין דִי עֶרְשְׁטֶע תְּקוּפָה וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי נִיגוּנִים הָאבּ אִיךְ מַמָשׁ גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ מַמָשׁ גֶעשְׁפִּירְט בְּחוּשׁ אַז אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן אוֹיבְּן, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נְפִילוֹת יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, אִיךְ וֶוער בְּרוֹגֶז אוֹיף פְּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן אוּן אִיךְ פִיל אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען חִיזוּק אוֹיף דִי נוֹשֵׂא, אוּן נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן יֶעדֶעס יָאר מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה**

און דֶערְבֵּיי דֶערְצֵיילְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה און וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'פּוּעֵל'ט. אֵיין יָאר בִּשְׁעַת דִּי סְעוּדָה אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אַ אִיד, דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער פוּן שְׁטָאט, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד: "רֶבִּי, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן און וָואס הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִים גֶעזָאגְט: "דוּ הָאסְט גֶעוֵויינְט בַּיים דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס דַיין פַּרְנָסָה אִיז צוּ זַיין אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, אַ גַאנְצְן טָאג שְׁלֶעפְּסְטוּ וַואסֶער און וֶוען דוּ רוּסְט זִיךְ אָפּ כַאפְּסְטוּ אַרַיין אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דָאס יָאר ווִילְסְטוּ זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ און זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען מִיטְ'ן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְרִינְגֶערְהֵייט", וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זַיין פָּנִים אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּם מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד: "טַאקֶע דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן", און עֶר פְרֶעגְט מִיט נֵייגֶערִיגְקֵייט וָואס מֶען הָאט אִים לְמַעֲשֶׂה אָנְגֶעשְׁרִיבְּן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן דִיר", פְרֶעגְט דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁלֶעכְט גֶעבֶּעטְן? פַארְוָואס הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן מִיר?!" זָאגְט אִים דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד אַזוֹי: "אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין שׁוּל וָואס דַארְף מֶען דִיר הָאבְּן... דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בִּילִי-בִּילְיָאנֶען

מַלְאָכִים וָואס דִינֶען אִים אָן זִיךְ מוּטְשֶׁען אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן אָן קַיין יֵצֶר הָרָע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דַוְקָא הֶערְן דַיינֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דוּ כַּאפְּסְט אַרוֹיס אִינְמִיטְן דַיין אַרְבֶּעט, עֶר וִויל הֶערְן וִוי דוּ לוֹיבְּסְט אִים וֶוען עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער".

**מִיר** זָאגְן יוֹם כִּיפּוּר בַּיים דַאוֶונֶען: "וְאָבִיתָ תְּהִילָּה מִגּוּשֵׁי עָפָר, מִקְּרוּצֵי חֹמֶר (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד', אוֹת ט)", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דַוְקָא אוּנְזֶער לוֹיב; אִין הִימְל זֶענֶען דָא מַלְאָכִים, שְׂרָפִים, חַיוֹת וְאוֹפַנֵּי הַקוֹדֶשׁ וָואס גֵייעֶן אוּן שְׁטֵייעֶן אוּן פַאלְן נִישְׁט אַרָאפּ, דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט וַוייל עֶר וִויל הָאבְּן אַ נַחַת רוּחַ פוּן אוּנְז מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן, פַאלְן אוּן הֵייבְן זִיךְ אוֹיף.

**דֶערִיבֶּער** זָאל אַייךְ נִישְׁט וֵויי טוּן אַז אִיר הָאט נְפִילוֹת, דָאס אִיז נָאר גֶעמַאכְט אַייךְ צוּ מְקַרֵב זַיין אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן פְּלוּצְלִינְג אַ יְרִידָה, זֵיי שְׁפִּירְן וִוי זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר בְּרֶען אוּן חֵשֶׁק וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים

וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ און עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, סְפֵיקוֹת און מְנִיעוֹת וְכוּ'; מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תלה

### אַ שָׁכֵן הָאט אָנְגֶערִירְט מַיין קִינְד אוֹיף נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער, וָואס טוּט מֶען?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק, דָאס אִיז מַמָּשׁ מַיין לֶעבְּן, דִי לֶעבְּן וֶוערְט גְרִינְגֶער און שֶׁענֶער, דִי קִינְדֶער זֶעעֶן מֶער אַ פְּרֵיילִיכֶערֶע מַאמֶע און אַזוֹי וַוייטֶער טוּישְׁט דָאס מַיין גַאנְצְן לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

מַיין פְּרַאגֶע אִיז אַזוֹי, בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים און אִיךְ בִּין נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן רֶעדְן אָפְּן

צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְוָואוֹרֶענֶען זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן קְרַאנְקֶע בָּחוּרִים אוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן זַייט דֶעמָאלְט רֶעד אִיךְ צוּ מַיינֶע קִינְדֶער אִיבֶּער דֶעם יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, אוּן אוֹיךְ זָאג אִיךְ זֵיי אַז אוֹיב הָאבְּן זֵיי אַ חֲשַׁד אוֹיף אֵיינֶעם זָאלְן זֵיי קוּמֶען דֶערְצֵיילְן.

אֵיין טָאג קוּמְט צוּ מִיר מַיין זוּן - נַיין יָאר אַלְט - אוּן דֶערְצֵיילְט מִיר אַז לֶעצְטֶע יָאר הָאט אִים אַ שָׁכֵן - אַ אִינְגְל פוּן צְוֶועלְף יָאר - אָנְגֶערִירְט אוֹיף נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע פְלֶעצֶער, עֶר הָאט דֶעמָאלְט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה אוּן יֶעצְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקַייט צוּ קוּמֶען דֶערְצֵיילְן (שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל רֶעדְן מִיט אִים וֶועגְן דִי מַעֲשֶׂה).

יֶעצְט אִיז מַיין שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ זָאל טוּן מִיט דֶעם קִינְד אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן דֶעם, עֶר אִיז אַ וואוּיל אִינְגְל אוּן הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר צוּגֶערֶעדְט אִים צוּ שִׁיקְן צוּ אַ גֶעווִיסֶע סָארְט טֶערֶעפִּי וָואס קֶען אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אִים דֶער פְּרָאבְּלֶעם אוּן מֶען קֶען אוֹיךְ זֶען אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אִינְגַאנְצְן אָדֶער נִישְׁט, פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה, אִיךְ בִּין אָבֶּער נִישְׁט רוּאִיג וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן.

אוּן נָאךְ אַ שְׁאֵלָה אִיז וֶועגְן דֶעם בָּחוּר דֶער פּוֹגֵעַ, וָואס אִיז הַיינְט שׁוֹין דְרַייצְן יָאר אוּן אִיז אַרַיין אִין אַ גוּטֶע יְשִׁיבָה אוּן קוּקְט אוֹיס אַ גוּטֶער בָּחוּר, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט אוֹיבּ מִיר זָאלְן דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וָואס וֶועלְן זֵיי דֶען קֶענֶען טוּן? אוּן וָואס קֶענֶען מִיר טוּן?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע עֶנְטְפֶער וָואס מִיר דַארְפְן צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ט
לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וְוָאוּיל** אִיז אַייךְ אַז אִיר צִיט אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים אוּן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים.

**בְּנוֹגֵעַ** דִי מַעֲשֶׂה וָואס אַייעֶר קִינְד פוּן נַיין יָאר אַלְט הָאט אַייךְ דֶערְצֵיילְט, אַז אַ שָׁכֵן - אַ קִינְד פוּן צְוָועלְף יָאר - הָאט אִים אָנְגֶערִירְט אוֹיף נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער אוּן אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס אִיר דַארְפְט טוּן.

**אִיר** זָאלְט וַוייטֶער רֶעדְן צוּ אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער בִּכְלָלִיוּת אִיבֶּער זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען זָאגְט בִּרְמִיזָה: 'מֶען דַארְף הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט חַבְר'ן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים', נָאר מֶען דַארְף אַרוֹיס זָאגְן קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ פַאר דִי קִינְדֶער וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוּן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן וְכוּ', אוּן אוֹיב אַ צְוֵוייטֶער - זָאל זַיין וֶוער זָאל נָאר זַיין - ווִיל אָנְרִירְן זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן יֶענֶעם אוּן קוּמֶען דֶערְצֵיילְן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין.

**רֶעדְט** נִישְׁט מֶער מִיט אַייעֶר קִינְד פוּן דִי מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶענוּג אַז עֶר הָאט עֶס אַייךְ דֶערְצֵיילְט, יֶעצְט זָאלְט

איר אים נאָר הֵייבְּן. עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן דֶעם, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אִיר זָאלְט אִים דָאס אוֹיפְבְּרֶענְגֶען, עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף דֶעם.

מֶען דארְף אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרוּם גֵיין מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי, מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵךְ זַיין זֵיי זָאלְן וויסְן אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר גֶעוואוֹינְט אִים אַיין צוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט אִים מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אָבֶער גֶעדֶענְקְט אַז אַ קִינְד דַארְף אוֹיךְ שְׁפִּילְן; וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר אִיז נִישְׁט גוּט אִים צוּפִּיל צוּ שְׁטוּפְּן צוּ לֶערְנֶען, אַ קִינְד דַארְף זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן מִיט שְׁפִּילְן, נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט שְׁפִּילְן בְּלַייבְּט נָאךְ צַייט, דֶעמָאלְט אִיז גוּט אִים צוּ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

בְּנוֹגֵעַ צִי אִיר זָאלְט נֶעמֶען אַייעֶר קִינְד פַאר טֶערֶעפִּי וְכוּ׳; אִין דֶעם פַאל וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַזַא מַעֲשֶׂה מִיט אַ צְוֵוייטְן קִינְד - אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין טֶערֶעפִּי, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן. מַה שֶׁאֵין כֵּן אוֹיב מֶען וֶוערְט בַּאצְווִינְגֶען פוּן אַן עֶרְוַואקְסֶענֶעם מֶענְטְשׁ דֶעמָאלְט דַארְף מֶען ווִיסְן ווִי וַוייט עֶס אִיז גֶעוֶוען, ווַייל דָאס קֶען צוּגְרוּנְדְלֵייגְן אַ קִינְד אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

**אִיר** קֶענְט מְעוֹרֵר זַיין דִי עֶלְטֶערְן פוּן דֶעם בָּחוּר זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּ אִים; דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל לֵיידֶער רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ זֵיי. עֶס קֶען זַיין אַז זֵיי ווייסְן אַז זֵיי טוּעֶן נִישְׁט קַיין אֵיידֶעלֶע זַאךְ אָבֶּער זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט ווִי גְרוֹיס דִי עֲבֵירָה אִיז אוּן וִויפִיל מֶען לַיידְט פוּן דֶעם שְׁפֶּעטֶער. אִיר דַארְפְט נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶעְרֵיי, וַוייל זֵיי קֶענֶען נָאךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן דִי מַעֲשֶׂה אוֹיף אַייךְ וְדַ"ל.

**עֶלְטֶערְן** דַארְפְן אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער; בִּפְרַט אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע דַארְף בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט פַארְגִיסְן טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶעם קִינְד בַּאזוּנְדֶער.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תלט

**וִוי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען מִקְרֶה לַיְלָה פוּן יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן אַז אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט מִקְרֶה לַיְלָה יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעהִיטְן דִי מַחֲשָׁבָה אוּן דִי אוֹיגְן דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט בִּין אִיךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן לֵיידֶער דוּרְךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע חָלוֹם, נִישְׁט פוּן צוּפִיל עֶסְן וְכַדוֹמֶה.

מֵיינְט דָאס אַז עֶס קוּמְט אוֹיף מִיר אַ שְׁלֶעכְט יָאר? קֶען אִיךְ עֶפֶּעס טוּן דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיז)**: "מַה שֶּׁמְּבַלְבֵּל אֶת הָאָדָם, כְּשֶׁנִּכְנָס לִקְדֻשָּׁה גְבוֹהָה, כְּגוֹן כְּשֶׁמִּתְקָרֵב לְצַדִּיק הָאֱמֶת וְכַיּוֹצֵא, אֲזַי דַּיְקָא יִקְרֶה לוֹ מִקְרֶה בִּלְתִּי טָהוֹר חַס וְשָׁלוֹם", דָאס וָואס פַּאסִירְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר וֶוערְט מְקוּרָב צוּ דִי קְדוּשָׁה, אַז דַוְקָא**

דֶּעמָאלְט פַּאלְט עֶר דוּרְךְ מִיט מִקְרֶה לַיְלָה חַס וְשָׁלוֹם, "כְּבָר מְבֹאָר שֶׁכְּשֶׁהָאָדָם נִכְנָס לִקְדֻשָּׁה מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע בְּיוֹתֵר, כִּי כָל מַה שֶּׁנִּכְנָס בִּקְדֻשָּׁה יוֹתֵר יֵשׁ לוֹ בְּכָל פַּעַם יֵצֶר הָרָע חָדָשׁ גָּדוֹל מִבַּתְּחִלָּה", דָאס אִיז וַוייל יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה וֶועקְט זִיךְ אוֹיף דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן ווִיל אִים צוּרִיק אַרַיין שְׁלֶעפְּן צוּ זִיךְ; זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וּבֶאֱמֶת הַבִּלְבּוּל הַזֶּה שְׁטוּת, כִּי מִמָּה נַפְשָׁךְ אִם יִקְרֶה לוֹ מֵחֲמַת הִרְהוּר, מִי חַיָּב בָּזֶה? וְאֵין לוֹ לְהִתְרַעֵם כְּלָל מֵאַחַר שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ גָּרַם לוֹ. וְאִם אֵינוֹ מֵחֲמַת הִרְהוּר, אֲזַי בְּוַדַּאי אֵינוֹ סִימָן רַע כְּלָל", דָאס וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט, וַוייל מִמָּה נַפְשָׁךְ, אִיז מֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין מִקְרֶה לַיְלָה צוּלִיב דֶעם וָואס מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוֹיף וֶועם הָאט מֶען טַעֲנוֹת? מֶען אִיז זִיךְ אַלֵיינְס שוּלְדִיג, וְוידֶערְאוּם אוֹיב אִיז מֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ דָאס נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, "כִּי אִם הָיָה עִנְיָן רַע לֹא הָיוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה נוֹתְנִין אוֹתוֹ לְסִימָן יָפֶה לְחוֹלֶה", וַוייל אוֹיב וָואלְט דָאס גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ וָואלְטְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז אַ קֶרִי אִיז אַ גוּטֶע סִימָן פַאר אַ חוֹלֶה, אַזוֹי ווִי זֵיי זָאגְן (בְּרָכוֹת נז:): "קֶרִי סִימָן יָפֶה לְחוֹלֶה", אַ חוֹלֶה וָואס זֶעט אַ קֶרִי אִיז אַ סִימָן אַז עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן.

אוּן בֶּאֱמֶת דָאס וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט אִיז טַאקֶע וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן גוּט, "וּבֶאֱמֶת אַדְּרַבָּא,

מֵחֲמַת שֶׁנִּתְקָרֵב לִקְדֻשָּׁה גְּבוֹהָה מְאֹד, מֵחֲמַת זֶה נִזְדַּמֵּן לוֹ", ווײַבאַלד ער וויל זיך הײליגן און װערן אַן ערליכער איד, דײַקא װעגן דעם פּאַסירט דאָס, אַזוי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (תַּעֲנִית ח.): "כָּל הַמַּצְדִּיק אֶת עַצְמוֹ מִלְּמַטָּה, מַצְדִּיקִין עָלָיו הַדִּין מִלְמַעְלָה", װען אַ מענטש וויל ווערן אַ צַדִּיק דעמאָלט איז זיך דער יֵצֶר הָרָע מִתְגַּבֵּר אויף אים, "וְעַל כֵּן אֵין לוֹ לְהִתְרַעֵם כְּלָל עַל זֶה, כִּי אַדְּרַבָּא, מֵחֲמַת שֶׁנִּכְנַס לִקְדֻשָּׁה גְּבוֹהָה כָּזוֹ, מֵחֲמַת זֶה נִתְגָּרָה בּוֹ הַיֵּצֶר הָרָע", דעריבער טאָר מען נישט ווערן צעבראָכן און געפאַלן בײַ זיך פון דעם, נאָר אַדְּרַבָּה, מען דאַרף זיך שטאַרקן ווייטער צו דינען דעם אייבערשטן און זיך נישט לאָזן צעברעכן פונעם יֵצֶר הָרָע.

דער רבי זאָגט דאָרט ווײַטער: "וְעַל כֵּן חָשְׁבוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, לְנֵס גָּדוֹל מַה שֶּׁלֹּא אֵרַע קֶרִי לְכֹהֵן גָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים", חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (אָבוֹת ה, ה) אַז איינע פון די נִסִּים וואָס האָט פּאַסירט צום כֹּהֵן גָּדוֹל אום יוֹם כִּפּוּר איז געווען אַז ער האָט נישט געזען קיין קֶרִי, "כִּי מֵחֲמַת שֶׁנִּכְנַס הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים לִקְדֻשָּׁה גְּבוֹהָה כָּזוֹ לִפְנַי וְלִפְנִים, הָיָה בְּוַדַּאי עָלָיו קִטְרוּגִים וְהִתְגָּרוּת הַרְבֵּה, שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁךְ הַיֵּצֶר הָרָע כַּנַּ"ל, עַל כֵּן נֶחֱשַׁב לְנֵס מַה שֶּׁנִּצּוֹל הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל מִמִּקְרֶה בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים", ווײַל דער כֹּהֵן גָּדוֹל איז דאָך צוגעקומען צו אַזאַ גרויסע מַדְרֵיגָה אום יוֹם כִּפּוּר, האָט ער דאָך זיכער געהאַט אַסאַך מְקַטְרְגִים וואָס האָבן אים געוואָלט אַראָפּ וואַרפן, איז דאָס געווען אַ גרויסער נֵס אַז ער איז געבליבן ריין.

**פִּירְט** דֶער רֶבִּי אוֹיס: "וְעַתָּה רְאֵה וְהָבֵן, אֵיךְ יְבַלְבֵּל אֶת הָאָדָם עִנְיָן הַנַּ"ל, וְכִי יֵשׁ לוֹ לְהִתְרַעֵם עַל שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ נֵס כְּמוֹ לַכֹּהֵן הַגָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים?!" פַארְוָואס זָאל זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מְבַלְבֵּל זַיין פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אַ קֶרִי יוֹם כִּיפּוּר? קֶען עֶר דֶען הָאבְּן טַעֲנוֹת אַז עֶס הָאט נִישְׁט פַּאסִירְט צוּ אִים אַזַא נֵס וָואס הָאט פַּאסִירְט צוּם כֹּהֵן גָּדוֹל?!

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן גָארְנִישְׁט, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם) אַז אַמָאל אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ בַּאהַאלְטֶענֶע טוּמְאָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן וַוייל עֶס אִיז בַּאהַאלְטְן אוּן פַארְשְׁטֶעלְט, אִיז אַ טוֹבָה דָאס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים, וַוייל אַזוֹי גֵייט אַרוֹיס פוּן אִים דִי בַּאהַאלְטֶענֶע טוּמְאָה אוּן דֶעמָאלְט קֶען מֶען דָאס מְתַקֵּן זַיין אוּן פַארְרֶעכְטְן.

**שְׁטַארְק** דִיר אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

# תמ

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע בַּאצִיאוּנְג מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם אַ דַאנְק פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק דְרָשׁוֹת וָואס הֶעלְפְּן מִיר אַזוֹיפִיל אַרוֹיס אִין לֶעבְּן.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן צוּ הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע אוּן גְרִינְגֶערֶע בַּאצִיאוּנְג מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ עֶפֶּעס זֵייעֶר בְּצִמְצוּם בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַּאר מִיר?

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**ווִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוּמְגֵיין מִיט עֶלְטֶערְן מִיט גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג; עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין אוּן מֶען דַארְף מֶעסְטְן דִי וֶוערְטֶער וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי.

**מִיר** דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן נִישְׁט וַוייל מֶען פַארְשְׁטֵייט דָאס מִיטְ'ן שֵׂכֶל, נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט

אוּנְז אַזוֹי בַּאפוֹילְן (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ".

**אוֹיךְ** קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין שְׁטוּבּ דוּרְכְאוֹיס זַייעֶרע יוּנְגֶע יָארְן אָדֶער קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעגֶעבְּן זַייעֶרע גֶעבְּרוֹיכְן - דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן. אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען הָאט עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען קַפְּדָנִים וָואס קְרִיגְן זִיךְ מִיט יֶעדֶעם, עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען שְׁוֶוערֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וְכוּ' - דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַייעֶר כָּבוֹד. מִיר גֶעפִינֶען אִין חֲזַ"ל (קִידּוּשִׁין לא:): "הִשְׁוָה הַכָּתוּב כְּבוֹד אָב וָאֵם לִכְבוֹד הַמָּקוֹם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעגְלִיכְן זַיין כָּבוֹד צוּ דִי כָּבוֹד פוּן עֶלְטֶערְן.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט זֵייעֶר פִיל רֶעדְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין אִיבֶּער דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף עֶלְטֶערְן; מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ פְרוֹי מִיט אִיר זוּן צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל אַבּוּחֲצִירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'בַּאבַּא סַאלִי'), זִי הָאט גֶעוֵויינְט צוּ אִים: "מַיין זוּן מַאכְט מִיר אָן צָרוֹת אִין שְׁטוּבּ; עֶר שְׁרַייט אוֹיף מִיר, עֶר שְׁלָאגְט מִיר, אִיךְ הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס פוּן אִים", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאבַּא סַאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען: "אֵיי אֵיי אֵיי, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַ מַאמֶע, וָואס אִין דִי וֶועלְט וָואלְט אִיךְ דֶען נִישְׁט גֶעטוּן פַאר אִיר? אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט אִיר, אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן פַאר אִיר וָואס זִי דַארְף, אִיךְ

וָואלְט אִיר מְכַבֵּד גֶעוֶוען", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוֵוינְט אַ לַאנְגֶע צַייט, עֶר הָאט גֶעוֵוינְט מִיט אַזַא תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַז דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַ מוֹרָא'דִיגְן רוֹשֶׁם אוֹיף דֶעם בָּחוּר בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט צוּ וֵויינֶען מִיט אִים אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶער נִישְׁט מְצַעֵר זַיין זַיין מַאמֶע'ן.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה דַארְפְן מִיר אַלֶע מִיט וֵויינֶען אוּן זִיךְ פְרֶעגְן: 'ווִי אַזוֹי פִירְן מִיר זִיךְ אוֹיף צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן?' אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז מִיר וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי שֵׁיינֶערְהֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תמא

**דַארְף אַ פְרוֹי אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, אָדֶער אִיז גֶענוּג צוּצוּדֶעקְן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר עֶנְטְפֶער אִיבֶּער מַיין שְׁאֵלָה אוֹיב שֶׁערְן דִי הָאר פַאר פְרוֹיעֶן אִיז נָאר אַ חֻמְרָא אָדֶער אַן הֲלָכָה[יט], אִיר הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם הַארְבְּן זוֹהַר אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ קְלָלָה אוֹיף פְרוֹיעֶן וָואס מֶען זֶעט אַרוֹיס זֵייעֶר הָאר.

יט. אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תכא.

מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ ווייל אִיךְ אָבֶער פְרֶעגְן אַז אִין דֶעם זוֹהַר שְׁטֵייט נִישְׁט אַז מֶען זָאל שֶׁערְן דִי הָאר, נָאר אַז מֶען זָאל עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען; פוּן דֶעם זֶעט אוֹיס אַז אוֹיב דִי הָאר אִיז פַארְדֶעקְט מִיט אַ טִיכְל אָדֶער שֵׁייטְל אִיז עֶס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ מַיין ווייבּ אִיבֶּער דִי חֲשִׁיבוּת פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט אַז לוֹיט דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי גְמָרָא אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גוּטֶע קִינְדֶער ווייל דִי וֶוענְט פוּן אִיר הוֹיז הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אִיר הָאר, זֶעט אוֹיס פוּן דֶעם אַז זִי פְלֶעגְט נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר, נָאר זִי הָאט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז עֶס זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר קְלָאר מַאכְן דֶעם עִנְיָן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹא קכה:): "תּוּנְבָא לֵיתֵי", אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, "עַל הַהוּא בַּר נָשׁ", אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, "דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ", וָואס לָאזְט זַיין ווייבּ, "דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר", אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען; אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר אִיז מֶען זִיכֶער אַז מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע צָרוֹת וָואס דֶער זוֹהַר רֶעכְנְט אוֹיס.

"**וְאִתְתָא** דַאֲפִיקַת מִשַׂעֲרָא דְרֵישָׁה לְבַר", און אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, "לְאִתְתַקְנָא בֵיהּ", זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, "גָרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא", אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּב, "וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא", און זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. "וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׂרְיָא בְּבֵיתָא", אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם און דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאכְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּב.

**אֱמֶת**, דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ רֶעדְט פוּן זַיין צוּגֶעדֶעקְט, אָבֶער דֶער מְצִיאוּת וַוייזְט אַז אוֹיב מֶען הָאט הָאר דֶעקְט זִיךְ עֶס אוֹיף, דֶעריבֶּער פִירְן זִיךְ דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן אַז זֵיי שֶׁערְן זִיךְ אָפּ כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס קוּמְט וֶוען דִי הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

**גֶעב** אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ צְווינְגֶען דַיין וַוייב זִי זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן ווייל עֶס קֶען נָאכְדֶעם זַייעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְקְלַאפְּן הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוֹיף שְׁלֶעכְטְס; אַלֶעס קֶען מֶען פוֹעֵל'ן מִיט רֶעדְן שֵׁיין און מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת. מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פָאלְגְן וָואס צַדִיקִים זָאגְן און פוּן דִי שְׂכַר וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען גֵייט אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת זֶענֶען בַּיים סוֹף מוֹדֶה צוּם עֶרְלִיכְן אִיד אַז עֶר הָאט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן און נַחַת פוּן זַיינֶע דוֹרוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן יב): "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן קֵיין חָכְמוֹת; "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם, וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", אַסַאךְ רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן פַארְדְרֵיידְט דִי וֶועלְט מִיט זֵייעֶרֶע טָעוּתִים אִיז אַלֶעס גֶעקוּמֶען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶענוּצְט זֵייעֶר חָכְמָה; קוֹדֶם רֶעדְט מֶען אוֹיף צַדִיקִים, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען אַרוֹיף צוּ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, מֶען לַאכְט אָפּ פוּן זֵיי, מֶען מֵיינְט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער, מֶען הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער, אָבֶּער בַּיים סוֹף זֶעט מֶען דֶעם חִילוּק פוּן דֶער וָואס הָאט גֶעפָאלְגְט וָואס צַדִיקִים זָאגְן אוּן דֶער וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תמב

### אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ בָּרוּךְ ה' אִין לִימוּד הַתּוֹרָה

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה

שְׁלִיטָ"א, דָאס אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס גָאר גֶעוַואלְדִיג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דַאנְק דֶעם רֶבִּי'ן, אִיךְ דַאנְק מוֹהֲרָא"ש אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אִין אַייעֶר זְכוּת הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר הַזּוֹהַר נָאכְ'ן זִיךְ פְּלָאגְן דֶערוּיף דִי לֶעצְטֶע אֵיין אוּן אַ הַאלְבּ יָאר. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ לֶעצְטְנְס גֶעעֶנְדִיגְט דִי צֶענְטֶע מָאל מִשְׁנָיוֹת, עֶטְלִיכֶע סְפָרִים פוּן נַ"ךְ, סֵפֶר סִדּוּרוֹ שֶׁל שַׁבָּת חֵלֶק א', דִי צְוֵוייטֶע מָאל סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוּן נָאךְ פִיל גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶה מִיט דִי דְרָשׁוֹת אוּן נִיגוּנִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶ' מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיד): "הַפְּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד", דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן פִיר אִיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שלב): "אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים", אִיךְ בִּין אַ

טַייךְ וָואס רֵייניגְט פוּן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן; דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער מֵעִיד זַיין אוֹיף זִיךְ, פוּן וֶוען מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן דֶעם רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ דֶער גַאנְצֶער לֶעבְן גֶעטוֹישְׁט; מֶען לֶערְנְט פְלַייסִיג, מֶען אִיז נִזְהָר אִין קִיּוּם הַמִּצְווֹת, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט אִים.

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט אַזוֹי פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד; דוּ הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶ' גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו וואוּ דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דַיינֶע סִיּוּמִים.

**שְׁטַארְק** זִיךְ וַוייטֶער בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל מַאכְן פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים מַאכְן צוּפְרִידְן - ווִי לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט; עֶר שְׁפִּירְט אַ צוּפְרִידְנְקַייט אִין לֶעבְן אוּן לֶעבְּט אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְן, וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט נֶעמְט עֶר אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא וְכוּ' אוּן אִיז גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תמג

## דֶער אַלְבּוּים "קוּם צוּרִיק" הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן תַּאֲווֹת מָמוֹן

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ הַארְצִיג בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס, בִּפְרַט פַאר דִי נִיגוּנִים אוּן אַלְבּוּמְ'ס פוּן "טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה". סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי נַייעֶ אַלְבּוּים "קוּם צוּרִיק", פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשֶׁעפְּט פִיל חִיזּוּק.

אַלֶע נִיגוּנִים זֶענֶען זֵייעֶר בַּאלֶערְנְד, פַאר מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ הָאט אָבֶער גֶעהַאט דִי גְרֶעסְטֶע הַשְׁפָּעָה דֶער אַכְטֶער נִיגוּן: "דֶעם לֶעצְטְן טָאג", וָואס רֶעדְט זִיךְ אִיבֶּער דִי מִיאוּסְ'קֵייט פוּן גֶעלְט אוּן עֲשִׁירוּת וְכוּ'.

תַּאֲווֹת מָמוֹן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶער טֵייל אִין מַיין לֶעבְּן, שׁוֹין אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט פִילֶע דְרָשׁוֹת אוּן זִיךְ בַּאקֶענְט מִיט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט דֶעם אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעקְרֶענְקְט, אִיךְ מוּז זָאגְן אַז דֶער נִיגוּן הָאט מִיר מַמָּשׁ אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן מַיין בְּלָאטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן זֶען פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֵינוּ** מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מִיר זֶענֶען פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִילָּה'ס לַייט, וָואס עֶר חַזֶר'ט מִיט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אַז גֶעלְט אִיז גָאר קַיין תַּכְלִית נִישְׁט, גֶעלְט הֶעלְפְּט נִישְׁט אוּן קֶען נִיטְאַמָאל הֶעלְפְן, אַדְרַבָּה, דוּרְךְ גֶעלְט הָאט מֶען אַ מַפָּלָה.

**וֶוער** עֶס הָאט נָאר אַבִּיסְל טוֹעֵם גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דֶער טְרַאכְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן גֶעלְט; עֶר לוֹיפְט נִישְׁט נָאךְ קַיין מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעלְט אוּן זִיכֶער רֶעדְט עֶר נִישְׁט אַזוֹיפִיל פוּן גֶעלְט.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב) אַז דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן אַלֶע תַּאֲוֹות. אַזוֹי וִוי דֶער גִּיבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן בַּעַל תְּפִלָּה: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶענִיג אַז פוּן אַלֶע תַּאֲוֹות קֶען מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין תַּאֲוֹות מָמוֹן", אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֶעזָאגְט: "נָאכְאַלְץ ווִילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".

**מוֹהֲרָא"שׁ** זָאגְט (נַהֲרֵי אֲפַּרְסְמוֹן, עָמוּד תקי): "וּצְרִיכִים לְשַׁנֵּן דָּבָר זֶה הַרְבֵּה מְאֹד 'שֶׁעֲשִׁירִים הֵם מְשֻׁגָּעִים וּמְטֹרָפִים'",

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג הֶעֶר'ן אַז אַלֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען מְשׁוּגָעִים און מְטֹרָפִים, "וּמִי שֶׁחוֹנֵף אוֹתָם מַרְאֶה שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל", און וֶוער עֶס חַנְפְ'עֶט זֵיי וַוייזְט אַז עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה.

**עֶס** אִיז כְּדַאי צוּ פָארְן קַיין יַבְנְאֵל און גֵיין קוּקְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ וָואס מוֹהֲרַ"א"ש הָאט גֶעבּויט; מוֹהֲרָ"א"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן טִיר פוּנֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ דִי פָאלְגְנְדֶע וֶוערְטֶער: "הַבַּעַל תְּפִילָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל", אִין אִידִישׁ: "דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט, נָאכְאַלְץ ווילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן"; וֶוען אִיךְ גֵיי קַיין יַבְנְאֵל גֵיי אִיךְ קוּקְן דֶעם טָאוְול, דָאס בְּרֶענְגְט אִין מִיר אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת, זֶעעֶנְדִיג ווי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און ווי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת און אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תמד

## װעלכֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים זָאל איך קוֹדֶם לֶערְנֶען?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דִי זֶעקְסְטֶע מָאל און אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי זִיבֶּעטֶע מָאל, כָּל הַשְּׁבִיעִין חֲבִיבִין (וַיִּקְרָא רַבָּה כט, יא). אִיךְ הָאף צוּ פָּארְן צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ'ס צִיּוּן לִכְבוֹד דֶעם סִיּוּם, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּן דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי מָאל.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם סֵפֶר "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" צוּ דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם חוֹל הַמּוֹעֵד און אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעצְט "שִׂיחוֹת הָרַ"ן"; אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מֶען זָאל קוֹדֶם לֶערְנֶען דִי גְרִינְגֶערֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן אֵיידֶער מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן װעלכֶע סֵפֶר אִיךְ זָאל לֶערְנֶען נָאךְ שִׂיחוֹת הָרַ"ן; זָאל אִיךְ לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִּדּוֹת און סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אָדֶער זָאל אִיךְ שׁוֹין גְלַייךְ גֵיין צוּ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן? גְרַאדֶע הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעכַאפְּט דֶער סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי דָאס רֶעדְט זֵייעֶר צוּ מַיין הַארְץ.

ווִי אוֹיךְ לֶערְן אִיךְ יֶעצְט דֶעם סֵפֶר "אוֹצַר הָאֱמוּנָה" פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דֶעם סֵפֶר "אֶרֶךְ אַפַּיִם". אִיךְ הָאבּ אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי דְרָשׁוֹת אַז עֶס גוּט צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", אִיךְ ווֵייס אָבֶּער נִישְׁט װעלכֶע חֲלָקִים צוּ לֶערְנֶען, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל חֲלָקִים, עֶס אִיז מַמָּשׁ ווִי אַ מַיִם שֶׁאֵין לָהֶם סוֹף.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וַוארִיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵים גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זֶעקְס מָאל.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלוֹת פוּן לִימוּד מִשְׁנָיוֹת וָואלְטְן אַלֶע גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", דִי גְאוּלָה וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת לִימוּד מִשְׁנָיוֹת; דָאס אִיז בִּכְלָלִיוּת אוּן אַזוֹי אוֹיךְ קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע פְּרָטִיוּת'דִיגְן גָלוּת בִּזְכוּת וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ כֹּחַ מִשְׁנָיוֹת הָאט אוּן וָואס עֶס טוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ; מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען (תְּהִלִים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'מִשְׁנָ"ה'; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

בִּפְרַט אֵיינֶער וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאלְט אִים אִין אֵיין מַכְשִׁיל זַיין אִין פְּגַם הַבְּרִית; וִויפִיל עֶר וִויל זַיין גוּט

און עֶר מַאכְט פֶּעסְט אָפּ בַּיי זִיךְ אַז עֶר גֵייט שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם הַאלְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אִין אֵיין מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף אִים, עֶר וַוארְפְט אִים אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אַזַא מֶענְטְשׁ - אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין מִשְׁנַיוֹת וֶועט אִים דִי תּוֹרָה רַאטֶעוֶוען פוּן דֶעם. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן און עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**עֶס** אִיז מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וֶועט אִים דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס פַאר אַ סְפָרִים צוּ לֶערְנֶען וְכוּ'; אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין דֶעם סֵפֶר אוּן דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר'ן לֶעבְּן.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גֶעפִיל אִין אַ סֵפֶר קֶען מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי מִיר בֶּעטְן בַּיים דַאוֶוענֶען: 'וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ'. אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל אִינֶעם סֵפֶר "אוֹצַר הָאֱמוּנָה" - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּלָאזְן.

**אַזוֹי** אוֹיךְ דֶער סֵפֶר אֶרֶךְ אַפַּיִם אִיז אַ כְּרָכָא דְּכוּלָּא בֵּיהּ; עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן אוֹיף דֶעם סֵפֶר, ווִי אַזוֹי דֶער סֵפֶר אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוּן וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן וֶוען דֶער סֵפֶר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען לָאוֹר עוֹלָם.

**לְכַתְּחִילָה** הָאט מוֹהֲרַ"ש גֶעוָואלְט שְׁרַייבְּן אַן הַקְדָמָה אוֹיפְ'ן סֵפֶר 'שְׁמִירַת הַזְּמַן'; מוֹהֲרַ"ש הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אֵיין נַאכְט שְׁרַייבְּן אַן הַקְדָמָה אוֹיפְ'ן סֵפֶר שְׁמִירַת הַזְּמַן, פְּלוּצְלוּנְג זֶעט מוֹהֲרַ"ש אַז עֶס אִיז שׁוֹין טָאג - אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען, נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ בַּארֶעכֶנְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין כִּמְעַט אַ גַאנְצֶע סֵפֶר אוֹיף זִיךְ, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט נוּצְן פַאר אַן הַקְדָמָה, דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר דָאס עֶנְדִיגְן אוּן מַאכְן פוּן דֶעם אַ סֵפֶר אוֹיף סַבְלָנוּת. גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר בִּיז בַּיינַאכְט, נָאךְ מַעֲרִיב הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, אַז עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף גֶעוֶוען אַ נַאכְט אוּן אַ טָאג וֶועט עֶר וַוייטֶער בְּלַייבְּן אוֹיף נָאךְ אַ נַאכְט, אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען טוּן דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר רֶבִּי נָתָן צוּ זַיין אוֹיף אַ נַאכְט, אַ טָאג אוּן נָאךְ אַ נַאכְט בִּרְצִיפוּת (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכג), אַזוֹי הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט שְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר.

**מוֹהֲרַ"ש** הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בִּשְׁעַת דֶער סֵפֶר אִיז אַרַיין צוּם דְרוּק הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׂרֵפָה בַּיי אִים אִין שְׁטוּב, עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז עֶפֶּעס וֶועט פַּאסִירְן וֶוען דֶער סֵפֶר גֵייט אַרוֹיס אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט אִים נִישְׁט אָפְּלָאזְן צוּלִיב דֶעם סֵפֶר, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַחֲלֹקֶת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים אוֹיף מוֹהֲרַ"ש - פוּן וֶוען דֶער סֵפֶר אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן; עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן אוֹיף דֶעם סֵפֶר וְאֵין כַּאן הַמָּקוֹם לְהַאֲרִיךְ.

**וֶוען** אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם סֵפֶר 'אֶרֶךְ אַפַּיִם' בִּיז אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעקֶענְט בַּעַל פֶּה, הָאבּ אִיךְ דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּער צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף אִידִישׁ; וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז אִיךְ שְׁרַייבּ אִיבֶּער דֶעם סֵפֶר אִין אִידִישׁ הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "נָאר בִּתְנַאי אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען קַיין אֵיין וָוארְט".

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט מִיר דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶס אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דֶעם סֵפֶר 'אֶרֶךְ אַפַּיִם' הָאט מֶען גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "הֲיִתָּכֵן מֶען שְׁרַייבְּט אִינֶעם סֵפֶר אַזוֹי אָפְן אַרוֹיס גֶעשְׁרִיבְּן, אַז אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן"; לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי וָואס הָאבְּן גֶעהַאט דִי טַעֲנוֹת - זֵיי אַלֵיינְס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ 'אֲשֶׁר בַּנַחַל'; נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס פַאר אַ חֵלֶק, אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר וֶוערְט מַמָשׁ בִּיטוּל הַבְּחִירָה. דֶער סֵפֶר אִיז מְחַיֶ' מֵתִים; נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואס פַאר אַ מַצָב דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפִונְט זִיךְ, וֶועט אִים דִי סֵפֶר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תמה

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ גְלֵייבְּן אַז אִיךְ גֵיי הָאבְּן פַּרְנָסָה, ווֶען אִיךְ ווֵייס מַיינֶע עֲבֵירוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט לֶעצְטְנְס אוֹיף אַ "חִיזּוּק יוֹמִי" אַז אֱמוּנָה צִיט צוּ זִיךְ דִי יְשׁוּעָה; ווֶען אַ אִיד גְלֵייבְּט אֱמֶת'דִיג אַז עֶר ווֶעט גֶעהָאלְפְּן ווֶערְן ווֶעט עֶר טַאקֶע גֶעהָאלְפְּן ווֶערְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ גְלֵייבְּט אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר ווֶעט הָאבְּן פַּרְנָסָה, ווֶעט עֶר טַאקֶע הָאבְּן. ווֶען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט קַיין אֵיין דְזְשַׁאבּ אוּן הֶערְט אוֹיף גְלֵייבְּן אַז עֶר קֶען נָאךְ אַמָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, דָאס אַלֵיין מַאכְט אַז עֶר זָאל טַאקֶע נִישְׁט הָאבְּן קַיין פַּרְנָסָה.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ אַז דוּרְךְ פְּגַם הַבְּרִית הָאט מֶען נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, מוּז אִיךְ דָאךְ גְלֵייבְּן מִיט אֱמוּנַת צַדִיקִים אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ ווֵייס דָאךְ מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶערִיבֶּער יֶעדֶעס מָאל ווָאס אִיךְ גֵיי צוּ צוּ אַ נֵייעֶ אַרְבֶּעט אָדֶער בִּיזְנֶעס, זָאג אִיךְ מִיר אַלֵיינְס אִין מֹחַ אַז עֶס ווֶעט זִיךְ זִיכֶער נִישְׁט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, ווַייל אִיךְ בִּין דָאךְ נִישְׁט אַזַא עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיז דִי שְׁאֵלָה ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ טַאקֶע גְלֵייבְּן אַז אִיךְ ווֶעל יָא מַצְלִיחַ זַיין אִין פַּרְנָסָה?

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; אַז מֶען אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט עֲבֵירוֹת טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן זִיךְ אַרָאפְּקְלַאפְּן צוּלִיבּ דֶעם, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ גְלַייךְ אוּמְקֶערְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען צוּ מְתַקֵּן זַיין דוּרְךְ דֶעם דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט עוֹמֵד גֶעוֶוען בְּנִסָּיוֹן זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. אַז דוּ קֶענְסְט גֵיין אִין מִקְוֶה - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּנָקֵל.

**אַז** דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג; גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן

דִּיר גֶעבְּן פַּרְנָסָה גְרִינְגֶערְהֵייט, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. זֵיי מִיר מוֹחֵל רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת; אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן זַיין, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַּאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל?" אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר דִּיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע. אָבֶּער נָאר אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן מְיוּאָשׁ וֶוערְן; קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, נָאר גֵיי אַרוּם מִיט אַ מַחֲשָׁבָה אַז דוּ גֵייסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ טַאקֶע מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תמו

### פַארְוָואס דַארְף מֶען הִיטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס קֶען מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ לֶערְן זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן דִּי שִׁיעוּרִים אוּן דָאס הֶעלְפְט מִיר שְׁטֵייגְן אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ דִי הֲלָכוֹת פוּן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ דַארְף זִיךְ רֵיינִיגְן וְכוּ' אוּן אַיינְהַאלְטְן אַלֶע

אִיבְּרִיגֶע הֲלָכוֹת, וָואס טוּט דָאס אוֹיף אוּן צוּ וָואס פֶּעלְט עֶס אוּיס בִּכְלַל?

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ וֶוער אוּנְטֶערְדְרוּקְט אַז אִיךְ טָאר נִישְׁט טוּן דָאס אוּן יֶענְץ, אַ פְרוּי גֵייט דוּרְךְ גֶענוּג שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים מִיטְ'ן הָאבְּן קִינְדֶער, צִי וָואס פֶּעלְט נָאךְ אוּיס צוּצוּלֵייגְן דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע הֲלָכוֹת אוּן גְּדָרִים?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַז מֶען הִיט נִישְׁט טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה בַּאקוּמְט מֶען נָאכְדֶעם אַ גְרוֹיסְן עוֹנֶשׁ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא:): "נָשִׁים מֵתוֹת בִּשְׁעַת לֵדָתָן עַל שֶׁאֵינָן זְהִירוֹת בְּנִדָּה", פְרוֹיעֶן שְׁטַארְבְּן וֶוען זֵיי גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער וַוייל מֶען הִיט נִישְׁט דִי מִצְוָה פוּן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה; דָאס אִיז אַ שְׁפִּיל מִיט פַייעֶר, אַז מֶען הִיט נִישְׁט טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה גֶעבּוֹירְט מֶען קִינְדֶער וָואס זֶענֶען קְרַאנְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן.**

**עֶס אִיז נָאר שְׁוֶוער כָּל זְמַן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען טוּט דָאס, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן זַאכְן צוּ רַאטֶעוֶוען דִי אֵייגֶענֶע לֶעבְּן אוּן דָאס לֶעבְּן פוּן דִי קִינְדֶער דֶעמָאלְט**

אִיז גָארְנִישְׁט שְׁוֶוער; קוּקְט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (שַׁבָּת יג.): אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: "מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן זֵייעֶר יוּנְג, זַיין וַוייבּ הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּם לוֹיפְן צוּ אַלֶע שׁוּלְן אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט: ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים ל, כ): "כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ", וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה - חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג?! "וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ דָּבָר", אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אֵיינְמָאל - דֶערְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי פְרוֹי אוּן זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַוַודַאי הָאבְּן מִיר גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה", הָאט אִיר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט פּוּנְקְטְלִיךְ צִי זִי קֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה, בִּיז זִי הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז אִיר מַאן הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף דִי הֲלָכוֹת אִין דִי שִׁבְעָה נְקִיִּים; הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיר גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט, וַוייל אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב".

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט אוּנְז דֶערְמִיט גֶעהֵיילִיגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִיר זָאלְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דֶעם אוּן זִיךְ פִירְן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

## תמז

**ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּארוּאִיגְן מַיין וַוייבּ, וָואס וֶוערְט זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן פַאר יֶעדְן יוֹם טוֹב?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ הֶערְלִיכֶע רוּאִיגֶע שְׁטוּבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, פוּל מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, ווי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אִיז גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶועריקֵייט שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן אַז אַלֶעס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט מַיין וַוייבּ, זֵייעֶר אַ וואוּילֶע פְרוֹי, דִי שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גֶעוַואלְדִיג בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מֶען הֶעלְפְט זִיךְ אוּן מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶטְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ ווי דִי שְׁכִינָה רוּט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין וַוייבּ נֶעמְט זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּבּ, דָאס מַאכְט זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל פַאר יֶעדְן יוֹם טוֹב, זִי קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דֶעם גֶעדַאנְק אַז עֶס גֵייט קוּמֶען אַזוֹיפִּיל אַרְבֶּעט, זִי וֶוערְט גֶעפֶערְלִיךְ נֶערְוֶועז דֶערְפוּן אוּן אִיךְ קֶען אִיר מַמָשׁ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן, עַד כְּדֵי כָּךְ אַז זִי קֶען בִּכְלַל נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן אַ יוֹם טוֹב, זִי קֶען קוֹים וַוארְטְן דֶער יוֹם טוֹב זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן מֶען זָאל צוּרִיקְגֵיין צוּם נָארְמַאלְן סֵדֶר הַיוֹם.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם וֶוערְט גְרֶעסֶער אַז אִיךְ הָאבּ מַמָשׁ נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִיר צוּ הֶעלְפְן, אוֹיבּ שַׁאר אִיךְ זִיךְ אַרוֹיף דִי אַרְבְּל אוּן נֶעם זִיךְ הֶעלְפְן וֶוערְט זִי זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וַוייל דָאס מַאכְט אִיר שְׁפִּירְן אַז זִי קֶען נִישְׁט אַלֵיין טוּן דִי אַרְבֶּעט אוּן זִי הֵייסְט מִיר גְלַייךְ אוֹיפְהֶערְן. אוֹיבּ הֶעלְף אִיךְ נִישְׁט אוּן אִיךְ מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג וֶוערְט זִי זֵייעֶר בְּרוֹגֶז, אוּן מִיט רֶעכְט, פַארְוָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיר נִישְׁט. אוֹיבּ רֶעד אִיךְ יָא, אִיךְ וַוייז אַרוֹיס מִיטְגֶעפִיל אוּן אִיךְ זָאג אִיר אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִיר אַרְבֶּעט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט אַזוֹיפִּיל זַאכְן, מִיט קָאכְן, אַיינְקוֹיפְן קְלֵיידֶער אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, מַאכְט דָאס אִיר אוֹיךְ נִישְׁט רוּאִיג אוֹיפְ'ן הַארְצְן, זִי הֵייבְּט אָן וֵוייןנֶען אוּן זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אַז זִי אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אַז זִי קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ טוּן אִיר אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶס שְׁטֶערְט אִיר זֵייעֶר אַז אִיךְ קֶען זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אֲפִילוּ אִין אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע מַצָבִים אוּן זִי קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר מַמָשׁ פַאר יוֹם טוֹב, נָאר חֲדָשִׁים פְּרִיעֶר קֶען זִי זִיךְ שׁוֹין זָארְגְן וָואס זִי גֵייט טוּן וֶוען עֶס גֵייט קוּמֶען יוֹם טוֹב, אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע פַּארְנוּמֶענֶע צַייט, וִוי אַזוֹי זִי וֶועט קֶענֶען אָנְיָאגְן מִיט אַלֶעס.

אִיךְ מֵיין אַז זִי הָאט בָּרוּךְ הַשֵׁם דִי כּוֹחוֹת אַלֶעס צוּ טוּן, נָאכְדֶערְצוּ וֶוען אִיךְ לֵייג צוּ אַ הַאנְט אוּן מִיר הָאבְּן נָאךְ אוֹיךְ הִילְף פוּן רוֹימֶערְקֶעס, אִיךְ מֵיין אַז אִיר פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אִין מֹחַ, זִי אִיז בָּרוּךְ הַשֵׁם גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ, נָאר וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דֶעם עִנְיָן וֶוערְט אִיר מֹחַ פַארְקְנַאקְט אוּן זִי קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז זִי וֶועט עֶס קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט מֶער אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין שְׁטוּב, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט פַּאר אַ מֶענְטְשׁ אַ נִסָּיוֹן אָדֶער שְׁוֶוערִיקַייט וָואס עֶר קֶען נִישְׁט פַּארְנֶעמֶען, דַארְף אִיךְ אוֹיךְ וִויסְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין שְׁטוּב, נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז וֶוען אִיךְ וֶועל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען מֶער אֱמוּנָה אִין מִיר אוּן אִין מַיין וַוייבּ, וֶועט אַלֶעס גֵיין כְּשׁוּרָה.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין דֶעם עִנְיָן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ אַלֵיינְס שְׁרַייבְּסְט דֶעם עֶנְטְפֶער וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט בַּארוּאִיגְן דַיין וַוייבּ - נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה.**

**וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה פַּאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶענְטְשׁ לַיידְן לֹא עָלֵינוּ; בִּפְרַט גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען[כ]. אַלֶע נֶערְוְון, פְּחָדִים, דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ' קוּמְט מֵחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, אוּן וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ חַזֶר'ט זִיךְ אַיין דִי פְּשׁוּטְ'ע רֵיינֶע אֱמוּנָה אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען רוּאִיג אוּן**

---

כ. מֶער אִיבֶּער דֶעם אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תנג.

פְּרֵייליךְ, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט קַיין לַחַץ און מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פְּחָדִים וְכוּ'.

**אוֹיף** דַיין פְּרַאגֶע ווי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח): "וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת", מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶת'ער צַדִיק וָואס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, "כִּי כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", ווייל אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז דֶער תּוֹרָה דִי צַוָאָה פוּן רֶבִּי'ן, דֶעם תּוֹרָה 'תִּקְעוּ תוֹכָחָה' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן זַיין לֶעבְּן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן מג; עַיֵּין פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתרט).

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה;**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, "וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל", אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, אָן קַיין חֲקִירוֹת און אָן קַיין חָכְמוֹת, "רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר, כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהַהֲמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי ווי פְרוֹיעֶן און פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער מַאמֶע לָשׁוֹן, דָאס אַלֵיינְס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה. אַזוֹי ווי

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי"; ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט אַייְנְגֶעבַּאקְן אִין אִים דִי אֱמוּנָה.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ זָאל זַיין גֶעזוּנְט, מַאךְ זִיךְ אַ תְּפִלָּה אִין אִידִישׁ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעם וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר אוּן פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; אִיךְ בֶּעט דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מַיין וַוייבּ זִי זָאל הָאבְּן כֹּחַ אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פַאר אַ יוֹם טוֹב וְכַדוֹמֶה"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר אִיר זִי זָאל הָאבְּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון אוּן נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוערְן פוּן אַסַאךְ אַרְבֶּעט, וֶועסְטוּ זֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

צְוֵוייטְנְס בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ דַיין וַוייבּ; וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ רֶעדְסְט צוּ אִיר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אוּן דוּ בַּארוּאִיגְסְט אִיר. מֵיין נִישְׁט אַז דַיינֶע וֶוערְטֶער טוּעֶן נִישְׁט אוֹיף וֶוען דוּ פְּרוּבִּירְסְט אִיר צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן זִי קְלַאפְּט זִיךְ נָאכְאַלְץ אַרָאפּ וְכוּ', וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען זִי וֵויינְט צוּ דִיר אוּן זִי קְלַאפְּט זִיךְ אַרָאפּ אַז זִי קֶען נִישְׁט טוּן אַלֶע אַרְבֶּעט וְכוּ'; דוּ זָאלְסְט אִיר וַוייטֶער אוֹיסְהֶערְן אוּן אִיר וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין, וַוייז אִיר אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אִיר - וֶועט זִיךְ אַלֶעם אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

מֶען דַארְף הָאבְּן אַסאךְ סַבְלָנוּת אִין לֶעבְּן - בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שָׁלוֹם בַּיִת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אוֹיף דְּבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וויפִיל בֶּעננֶדער לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן"; וֶוען אַ פְרוֹי שְׁפִּירְט ווִי אִיר מַאן פַארְשְׁטֵייט אִיר צַעַר אוּן וֵוייטָאג דָאס אַלֵיינְס בַּארוּאִיגְט אִיר.

דְּרִיטְנְס, זָאלְסְט אַרַיין נֶעמֶען אִין דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס וָואס מִיר זֶעעֶן אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר עֶס זָאל אוֹיסְזֶעעֶן ווִי עֶס אִיז דָא אַ וֶועלְט.

אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה וֶועט דָאס מִמֵּילָא אַרַיין גֵיין אִין דַיין שְׁטוּבּ, אִין דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מֶען וֶועט שְׁפִּירְן אַן אֱמֶת'עֶ רוּאִיגְקֵייט אִין שְׁטוּבּ.

## תמח

### אוֹיבּ וֶועט מֶען שְׁטַארְבְּן אוֹיךְ נָאךְ בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, וֶוען וֶועט זַיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (סִימָן ערה) אַז דִי וֶועלְט הָאט אַ טָעוּת, מֶען מֵיינְט אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן,

אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז מֶען וֶועט יָא שְׁטַארְבְּן דֶעמָאלְט, אוּן אוֹיךְ מָשִׁיחַ אַלֵיין וֶועט שְׁטַארְבְּן.

וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם? אוֹיבּ אַזוֹי וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן תְּחִיַּת הַמֵּתִים, אַז אַלֶע גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע וֶועלְן צוּרִיק אוֹיפְשְׁטֵיין לֶעבֶּעדִיג? וֶוען אוּן פַאר וֶועמֶען וֶועט זַיין דֶער תִּיקוּן הַשָּׁלֵם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דָאס** אִיז נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא 'פַאר וֶועם וֶועט זַיין דֶעם תִּיקוּן הַשָּׁלֵם'; קוֹדֶם וֶועט זַיין (בְּרֵאשִׁית ג, יט): "וְאֶל עָפָר תָּשׁוּב", אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, קח) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים לב, לט): אֲנִי אָמִית וַאֲחַיֶּה - "דִּבְהַהוּא זִמְנָא, כָּל אִינוּן דְּלָא טַעֲמֵי טַעֲמָא דְּמוֹתָא, מִנֵּיהּ תְּהֵא לוֹן מוֹתָא, וְיָקִים לוֹן וְכוּ'", בֶּעפָאר עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים וֶועלְן אַלֶע דַארְפְן שְׁטַארְבְּן, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי אוֹיפְלֶעבְּן.

**עֶס** אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרַיין צוּ טְרַאכְטְן צוּפִיל אִין דִי זַאכְן; דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק יב מֵהִלְכוֹת מְלָכִים וּמִלְחֲמוֹת, הֲלָכָה ב): "לְעוֹלָם לֹא יִתְעַסֵּק אָדָם בְּדִבְרֵי הַהַגָּדוֹת, וְלֹא יַאֲרִיךְ בַּמִּדְרָשׁוֹת הָאֲמוּרִים בְּעִנְיָנִים אֵלּוּ וְכַיּוֹצֵא בָּהֶן, וְלֹא יְשִׂימֵם עִקָּר", מֶען

זָאל נִישְׁט צוּפִיל אַרַיין קְלֶערְן וָואס אוּן ווי אַזוֹי עֶס וֶועט זַיין נָאכְדֶעם וָואס מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, "שֶׁאֵין מְבִיאִין לֹא לִידֵי יִרְאָה וְלֹא לִידֵי אַהֲבָה", וַוייל פוּן דֶעם קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ; דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר זֶען וָואס מִיר קֶענֶען יֶעצְט טוּן אַז יֶעצְט זָאלְן מִיר נִישְׁט זַיין קַיין טוֹיטֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיף אִים.

**יֶעצְט** דַארְפְן מִיר זֶען צוּ לֶעבְן מִיטְ'ן לִימוּד וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וָואס דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן ב): "עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה", מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער וֶועט זַיין תְּפִלָּה, "וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכְּבִישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ - הַכֹּל מִשָּׁם", אַלֶע מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶעם וָואס עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען וֶועט זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה; דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר שׁוֹין יֶעצְט אַפִּיר נֶעמֶען דֶעם גֶעוֶוער אוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶעם וָואס מִיר ווילְן פוֹעֶלְ'ן זָאל זַיין נָאר מִיט תְּפִלָּה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תמט

## בְּרֶסְלֶב אִיז דָאךְ אַזוֹי שֵׁיין, פַארְוָואס אִיז אָבֶער דָא דָארְט אַזוֹיפִיל מַחֲלֹקֶת?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען נִתְקָרֵב וֶוערְן צוּ בְּרֶסְלֶב, דָאס אִיז גֶעוֶוען גֶענוֹי אַ יָאר צוּרִיק וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית אִין דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט פַארְפַאסְט קַיין אֵיין שִׁיעוּר אוּן דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן אִינְגַאנְצְן צוּם גוּטְן. אִיךְ הָאבּ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע יָאר, אִיךְ הָאבּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אוּן אִיךְ הָאבּ דוּרְכְגֶעלֶערְנְט טוֹיזְנְט בְּלַאט גְמָרָא בְּלוֹיז אִין דִי לֶעצְטֶע יָאר, אוּן אִין נָאךְ פִילֶע הִינְזִיכְטְן אִיז מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט גֶעוָוארְן מִיט דִי פִילֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

לֶעצְטְנְס הָאט מִיר אָבֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶגְבֶּערְן אַ זַאךְ, פוּן אֵיין זַייט זֶע אִיךְ דִי הֶערְלִיכְקֵייט פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת, ווִי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הֶעלְפְט מִיר מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶע אִיךְ אוֹיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מַחֲלֹקֶת אִין בְּרֶסְלֶב, מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן אוּן דָאס מַאכְט מִיר אוֹיסְקוּקְן אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט דָא.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר, וַוייל אִיךְ וִויל וַוייטֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְהַאלְטְן מִיט דֶעם הֵיילִיגְן דֶרֶךְ פוּן רֶבִּי'ן וָואס הֶעלְפְט מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**קוּק צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין אִין בְּלוֹיז אֵיין יָאר...**

אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ זֶען אוֹיבּ אִיךְ לֵיין גוּט, שְׁטוֹינֶענְדִיג צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען אִין אֵיין יָאר אוֹיבּ עֶר פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעיָאגְט צוּ לֶערְנֶען דֶעם יָאר חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן טוֹיזְנְט דַפִּים גְּמָרָא; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

**בְּנוֹגֵעַ מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים;** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קעא) **אוֹיפְ'ן פָּסוּק** (דָּנִיֵּאל יב, ב): "וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ, אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", יֶעדֶעס מָאל עֶס וֶוערְט בַּאוואוּסְט אַ נֵייעֶ שֵׂכֶל - אַ נֵייעֶ דֶרֶךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט יֶעדְן דִיבּוּר, מִיט יֶעדֶע טְרָאפּ שֵׂכֶל, בַּיי אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז - "אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם", עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז בִּיז יֶעצְט אִיז עֶר גֶעוֶוען ווִי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶעבְּט, עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ טִיפֶע שְׁלָאף, אָבֶּער יֶעצְט הָאט אִים דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן

ער הייבט אָן לעבן. נאכדעם זעגען דא וואס נוצן נישט די שכל און די לימודים פאר חיי עולם, נאר אויף חוזק צו מאכן פון יענעם; זיי זוכן ווי מען קען נאך איינעם אַוועק מאכן - "וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", ווי זיי קענען יענעם ווייטון און יענעם אַוועק מאכן.

**עֶס** איז כדאי דו זאלסט לערנען דער תורה און זיך נאכדעם גוט אויסוויינען צום אייבערשטן אויף די תורה: "רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל נישט קוקן אויף קיינעם, איך זאל נאר זיין פארנומען מיט מיר; הייליגער באשעפער, העלף מיר אז ווען איך לערן די תורות פון רבי'ן זאל איך עס נעמען פאר מיר, נישט אזוי ווי די וואס נעמען עס: 'לַחֲרָפוֹת לְדִרְאוֹן עוֹלָם', אזוי ווי דער רבי זאגט - ווען א צדיק זאגט תורה, דעמאלט ווערט מקוים וואס שטייט: 'וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ', אלע איינגעשלאפענע מענטשן וועקן זיך אויף, אבער נישט אלע זענען גלייך, נאר 'אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם, וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת לְדִרְאוֹן עוֹלָם', דערפאר בעט איך דיר רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל נעמען דעם רבי'ן 'לְחַיֵּי עוֹלָם', איך זאל לעבן מיט'ן רבי'ן, איך זאל געדענקען אז איין טאג וועל איך איבערלאזן די וועלט; 'אין בית החיים דארט וועל איך גיין און מיין משפחה וועט מיר לאזן דארט אליין, נאקעט אויסגעטון קום איך דארט אהין', דארט וועל איך זיין איינער אליינס, ליגן אין פעלד, איך וועל גארנישט מיט נעמען מיט מיר נאר דאס ביסל תורה, תפלה ומעשים טובים".

**טֵייעֶרֶער** בְּרוּדֶער, יֶעדֶעס מָאל דוּ הָאסְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז נָאר דִיר מְרַחֵק צוּ זַיין פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ש): "פַּעַם אַחַת אָמַר לִי, 'כָּל מַה שֶׁאַתָּה רוֹאֶה בָּעוֹלָם, כָּל מַה שֶּׁנִּמְצָא בָּעוֹלָם, הַכֹּל בִּשְׁבִיל הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן'", אֵיינְמָאל הָאט מִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ בְּחִירָה אוּן עֶס זָאל זַיין נִסְיוֹנוֹת"; עֶס קֶען זַיין אַז דִי גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶה וָואס טוּט זִיךְ יֶעצְט בַּיי עֶנְק אִיז נָאר אַז דוּ זָאלְסְט אַוֶועק גֵיין אוּן אֵיין מָאל דוּ וֶועסְט אַוֶועק גֵיין וֶועט אַלֶעס וֶוערְן מְסוּדָר.

**פּוּנְקְט** ווִי מֶען טָאר נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן מְנִיעוֹת פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן מְנִיעוֹת פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף זִיךְ אוּן שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ: 'אִיךְ ווֵייס דָאךְ יָא וֶוער אִיךְ בִּין, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי וָואס הֶעלְפְט מִיר אוּן הֵיילְט מִיר אוֹיס וֶועל אִיךְ אִים נִישְׁט אָפְּלָאזְן וֶועגְן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט'.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט מַחֲלֹקֶת; קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט אַיינֶרֶעדְן אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ קְרִיגְן אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, נִישְׁט צוּלִיב דֶעם זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן - צוּ מְתַקֵּן זַיין אַ צְוֵויטְן, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ אַלֵיינְס צוּ פַארֶעכְטְן; ווַיי

פַאר דִי וָואס הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין מַחֲלֹקֶת, וַוי פַאר דֶער וָואס טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן אִיד.

**אַנְטְלוֹיף** פוּן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל שַׁבָּת אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אַ פְּרוֹי אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מֶען הָאט נָאךְ גֶעהַאלְטְן פַאר קְרִיאַת הַתּוֹרָה אוּן דִי פְּרוֹי אִיז צוּגֶעלָאפְן צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן גֶעוֵויינְט מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת אַז מֶען הָאט גֶענוּמֶען אִיר זוּן אִין מִילִיטֶער, זִי הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן אוּן מֶען הָאט אִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטִיל מַאכְן, צוּם סוֹף הָאט מֶען אִיר אָנְגֶעכַאפְּט אוּן אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן פוּן שׁוּל. זֶעעְנְדִיג דָאס הָאט זִיךְ רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְן אוּן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, זָאגְנְדִיג: "אִין אַ שׁוּל וואוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת אוֹיף אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע פְּרוֹי אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט אַזַא רִשְׁעוּת, ווִיל אִיךְ נִישְׁט הֶערְן קְרִיאַת הַתּוֹרָה".

**שְׁטַארְק** זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם וָואס אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן הָאט נִישְׁט קַיין צַייט פַאר מַחֲלֹקֶת אוּן פָּאלִיטִיק. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט וֶוען מֶען הָאט אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיף אִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְן אַזוֹי סַאךְ שִׁיעוּרִים

וָואס אִיךְ דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ הֶערְן אוּן צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר מַיינֶע מִתְנַגְדִים".

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ צַוָאָה וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע צַדִיקִים אַזָא סָארְט צַוָאָה, וֶוען מֶען לֵיינְט דִי צַוָאָה וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר צוּ תְּשׁוּבָה, מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט (צַוָאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אות ט): "מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן, אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שׁוּם סָארְט פָּאלִיטִיק", דָאס זָאל דִיר לִיגְן שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי אוֹיגְן: דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחֲלֹקֶת, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר אַיינְרֶעדְן אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, אַז מִיר זָאלְן נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן.

**אַ** גוּטְן טָאג.

# תנ

### קֶען אֱמוּנָה טַאקֶע אוֹיסְהֵיילְן גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מְעוֹדֵד אוּן מְחַזֵק, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס אִיךְ הֶער. דִי דְרָשׁוֹת הָאבְּן

גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן דָאס לֶעבְּן פוּן מִיר אוּן מַיין מַאן, דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער דִי כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוּן יֶעצְט צוּם עִנְיָן, שׁוֹין פַּאר אַסַאךְ יָארְן הָאט מֶען מִיר דִיאַגְנָאזִירְט מִיט אַ גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעם וָואס רוּפְט זִיךְ "בֵּייפָּאלֶער", זַייט דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ אוֹיף טַאבְּלֶעטְן אוּן דָאס הַאלְט מִיר סְטַאבִּיל, אוֹיךְ מַיין מַאן הָאט דֶעם זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער עֶר נֶעמְט נִישְׁט אַלֶעמָאל זַיינֶע טַאבְּלֶעטְן אוּן דָאס קֶען מַאכְן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ בַּאזָארְגְט וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אוֹיף דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן אַרְבֶּעטְן דִי טַאבְּלֶעטְן שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוֹיךְ הֵייבְּט מֶען יֶעצְט אָן צוּ מַאכְן דִי נָאכְגֶעמַאכְטֶע טַאבְּלֶעטְן וָואס דָאס אַרְבֶּעט נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוּן בִּכְלָל אִיז נִישְׁט גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף טַאבְּלֶעטְן.

אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי דְרָשׁוֹת אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרָאפְּצוּגֵיין פוּן טַאבְּלֶעטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע מֶעגְלִיךְ וָואלְט דָאס גֶעוֶוען פַאר מִיר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יְשׁוּעָה, אוּן דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶרְקְלֶערְן וִוי אַזוֹי מֶען טוּט דָאס אוּן אוֹיבּ דָאס הֶעלְפְט טַאקֶע.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט אִים גֶעשְׁטַארְקְט זַיינֶע נֶערְוְון. אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט**

נִישְׁט קַיין שְׁטאַרְקֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מֵיינְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן סְתָם אַזוֹי אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, נָאר דוּרְךְ 'טֶבַע', 'מִקְרֶה', 'מַזָל', - לֶעבְּט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים, שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֵדֶר; פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דֶעם אִיז נָאר "אֱמוּנָה".

**רֹאשׁ** הַשָּׁנָה שְׁנַת תק"ע הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תּוֹרָה מִיט דִי וֶוערְטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה, "וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם - צוּצוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הַחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת אוּן לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ, אַלֶע סָארְט נֶערְוְון פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ' וְכוּ' וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי לֶעבְּן נִישְׁט מִיט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמֶען פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יְסוּרִים

וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייִנִיג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

**שְׁטַארְקְט** אַייךְ מִיט אֱמוּנָה, אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְט אִיר נָאר זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה; הַיינְט אִיז דָא צוּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע סִידִי'ס וָואס עֶנְטְהַאלְטְן נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה. מִיר הָאבְּן אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן סִידִי'ס מִיטְ'ן נָאמֶען: 'טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה', וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לַיידְן אוֹיף שְׁוַואכֶע נֶערְוְון אוּן דוּרךְ דֶעם וָואס מֶען הֶערְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

**צִינְדְט** אָן דֶעם סִידִי 'טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה' בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב; אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְט אִיר טַאנְצְן מִיט דִי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן אַיינְגֶעבַּאקְן אִין אַייךְ אַז 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער'.

**לְעֵת** עַתָּה זָאלְט אִיר וַוייטֶער נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין; זָארְגְט נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין, עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ דַאֲגָה'נֶען פַאר שְׁפֶּעטֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה אוּן אוֹיךְ פַאר אַייעֶר מַאן; אִיר זָאלְט בֵּיידֶע זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

# תנא

## מוּז אַ קִינְד פָאלְגְן בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דַארְף מֶען מַאכְן אַן עֵסֶק אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן? אוּן אוֹיבּ יָא, וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער** אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען אַרָאפּ שְׁרַייבְּן אִין אֵיין בְּרִיוו, דָאס אִיז אַן אֲרִיכוּת הַדְּבָרִים. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם אַ סֵפֶר: "אוֹצָר חִנוּךְ הַיְלָדִים"; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר, דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער. אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן מַמָשׁ בְּקִיצוּר, אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל.

**עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם פְּרִינְצִיפּ אַז 'אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט';** אַז מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער 'נֵיין' אִיז 'נֵיין'. מֶען טָאר נִישְׁט

װערן דערשראָקן אויב די קינדער װילן דאס נישט אָננעמען און הייבן אָן װיינען, בלאָזן און פאַרפירן וכו'; דער נאַטור פון קינדער איז אַז זיי פּרובירן אויסצופירן, ביז װען זיי זעען איין אַז די עלטערן זענען שטאַרק מיט זייערס אַ װאָרט, דעמאָלט געבן זיי זיך אונטער און װאַקסן אויף געזונטע קינדער.

**דאס** מיינט נישט צו זאָגן אַז װען מען זאָגט עפּעס און מען פאָלגט נישט מעג מען שלאָגן, חס ושלום צו שלאָגן קינדער. דער רבי האט געזאָגט מען זאָל נישט שלאָגן קיין קינדער; פּעטש איז נישט דער װעג מחנך צו זיין קינדער. װען מען שלאָגט אַ קינד איז דאס אויסצוגעבן די נערװן, מען טאָר נישט שלאָגן קיין קינדער; נישט נאָר עס װעט נישט העלפן, עס װעט נאָר מאַכן אַסאַך ערגער וכו'.

**דאס** װאס דו פרעגסט װי אַזוי מען קען מאַכן אַז אַ װאָרט זאָל זיין אַ װאָרט; דאס װענדט זיך אין די עלטערן, צי זיי אַליינס זענען שטאַרק מיט דעם װאס זיי זאָגן. אַז די עלטערן אַליינס זענען מסופּק, אָדער אַז עס זענען דאָ חילוקי דעות צװישן טאַטע מאַמע - דעמאָלט קען מען נישט פאַרלאַנגען פון די קינדער זיי זאָלן פאָלגן; װען קינדער שפּירן װי די עלטערן זענען שטאַרק מיט זייער מיינונג װעלן זיי פאָלגן און זיך אויפפירן מיט גרויס דרך ארץ.

**װאס** זאָל איך דיר זאָגן? מיט אַלע עצות און מיט אַלע חכמות דאַרף מען אַסאַך װיינען צום אייבערשטן מען

זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זַייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תנב

### בִּין אִיךְ שׁוֹין גְרֵייט נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי טֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס הָאט אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֵן, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ הֶער אִיבֶּער פוּן אַייךְ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִיז עֶס גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן, וִוי אוֹיךְ אִין דִי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה קֶען מֶען פִילְן אַ הֶעבֶערְקֵייט אוּן אַן הִתְעוֹרְרוּת.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעבֶּעטְן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם גֶעזֶען אַסַאךְ גְרוֹיסֶע שִׁנוּיִים לְטוֹבָה.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז יֶעצְט אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶע'גֶט אוּן אִיךְ וִויל זוּכְן אַ צְווייטֶע שִׁידוּךְ אוּן מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת פְּרִיָּה וּרְבִיָּה, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת דֶערְצוּ - נָאכְאַמָאל זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַ כְּתוּבָּה, וּבִפְרַט אַז אִיךְ דַארְף נָאךְ אוֹיךְ אוֹיסְהַאלְטְן מַיין גֶעוֶועזֶענֶע מִשְׁפָּחָה, וָואס דָאס קָאסְט מִיר נָאךְ טֵייעֶרֶער ווִי וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען צוּזַאמֶען.

זָאל אִיךְ שׁוֹין זוּכְן אַ פְּרִישֶׁע שִׁידוּךְ, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין זֵייעֶר עֶנְג אִין גֶעלְט אוּן אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין גְרֵייט נָאכְאַמָאל צוּ גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר אַ פְרוֹי?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן - אוֹיסֶער דִי עֵצוֹת פוּן תוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וָואס דָאס טוּ אִיךְ שׁוֹין, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מִיר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער: וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת. ווִי קְלוּג מִיר זָאלְן נָאר זַיין - זֶענֶען מִיר נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה; דִי תוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ", עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַלֵיין.

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין וַוייבּ - עֶרֶב שָׁבוּעוֹת שְׁנַת תקס"ז. דִי

חֶבְרָה קְדוֹשָׁה הָאבְּן זַייעֶר שְׁנֶעל גֶעמַאכְט דִי טָהֳרָה אוּן מֶען הָאט בַּאוִויזְן אִיר צוּ מְקַבֵּר זַיין נָאךְ פַארְ'ן זְמַן אַזוֹי אַז דֶער רֶבִּי הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט הַאלְטְן אֲבֵלוּת פַאר יוֹם טוֹב, הָאט דֶער רֶבִּי דֶערמָאלְט גֶעזָאגְט (פְּעוּלַת הַצַּדִיק, סִימָן תרפו, סְעִיף קָטָן מ): "וֶוען אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, וָואלְט אִיךְ גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מִיר שׁוֹין אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ, ווייבּאלְד דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, יח): 'לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ', עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ צוּ זַיין אָן אַ ווייבּ, דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ נִישְׁט אַז דִי תּוֹרָה זָאל מִיר אָנְרוּפְן אַז אִיךְ בִּין אַ 'לֹא טוֹב'".

**אַוַדַאי** זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל חַתוּנָה הָאבְּן; דָאס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת דֶערְצוּ אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר אַ פְרוֹי, דָאס אִיז ווייל דוּ בִּיסְט אַ פְּלַג גוּף, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה", אַז מֶען הָאט נִישְׁט חַתוּנָה הָאט מֶען נִישְׁט דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן; וֶוען דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ וֶועסְטוּ גְלַייךְ בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

דוּ ווילְסְט נִישְׁט אוּנְטֶער שְׁרַייבְּן אַ כְּתוּבָּה ווייל דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט? אָן אַ ווייבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט אוּן וויפִיל גֶעלְט דוּ זָאלְסְט נָאר פַארְדִינֶען וֶועט נִישְׁט זַיין אִין דֶעם אַ בְּרָכָה, ווייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקַר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דֶער עִיקַר עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת דִי ווייבּ; דֶערְפַאר אַז דוּ וֶועסְט

חַתוּנָה הָאבְּן און דו וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין ווייבּ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח, דוּ וֶועסְט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

## תנג

**ווי אַזוֹי קֶען אַ מֵיידְל אַרוֹיסְקְריכְן פוּן איר שְׁוֶוערֶע עֶבַר?**

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג, און דָאס אִיז וָואס מַאכְט מִיר פַאר אַ אִיד.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיר זָאגְט בְּסֵדֶר אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, נֶעמְט דָאס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, און עֶס בּוֹיט אִים אוֹיף צוּ זַיין אַ מֶענְטְשׁ און אַ אִיד ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

ווייל אִיךְ ווייסְן ווִי אַזוֹי אַ מֵיידְל קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, זִי קֶען דָאךְ נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה. אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ גַאנְץ תְּהִלִים, ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אַז דָאס קֶען הֶעלְפְן פַאר אַ מֵיידְל, אָבֶער אִיךְ זֶע נִישְׁט עֶס זָאל מִיר הֶעלְפְן אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיין שְׁוֶוערֶע פַארְגַאנְגֶענְהֵייט. גְלַייכְצֵייטִיג רֶעד אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג און אִיךְ זֶע אוֹיךְ נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל אִינְגַאנְצְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם, וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה פַאר מִיר גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

**יֶעדֶע** אִיד קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶם בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן; נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אִינֶעם עָבַר - קֶען מֶען אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וָואס** טוּט דֶער יֵצֶר הָרָע אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ מִיט זַיין עָבַר אוּן הַאקְט אִים אִין קָאפּ: "דוּ בִּיסְט מִמֵּילָא גָארְנִישְׁט"; "דוּ הָאסְט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס"; בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז עֶר קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף עֶר אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן.

**מֶען** טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן מִיט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל אוֹיף דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט נָאר שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְּרִישׁ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעֲלָה", מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע זִכָּרוֹן, זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער עֶס אִיז פַארְקֶערְט, עֶס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה, וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט

מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהַייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, דָאס וָואלְט גוֹרֵם גֶעוֶועזְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי.

**וזאוֹיל** אִיז אַייךְ אַז אִיר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע אַייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט עֶר אָן בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד; אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען מֶען אָנְקוּמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, פוּן דִי וַוייטְסְטֶע פְּלַאץ - בִּיזְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים; אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי"; מֶען נֶעמְט אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע עוֹנְשִׁים אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט.

**שְׁטַארְקְט** אַייךְ וַוייטֶער מִיטְ'ן זָאגְן תְּהִלִּים; בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל זָאגְן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים' יֶעדְן טָאג. תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל לִתְשׁוּבָה, עֶס בְּרֶענְגְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת

תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; אוֹיךְ לִיגְט אִין תְּהִלִּים אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

קרן הדפסה
היכל הקודש

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהֹוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהֹוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהֹוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהֹוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהֹוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהֹוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

## לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהֹוָה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהֹוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהֹוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

## מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהֹוָה: יְהֹוָה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהֹוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהֹוָה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

אחר 'אתה סתר לי' - צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

# מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהֹוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

## נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהוָה: בְּלִי־עָוֺן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהוָה־אֱלֹהִים צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהוָה תִּשְׂחַק־לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי: אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה, כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

## עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי *) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה, קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

---

*) באמרך 'אל אלהים' תכוון המילוי כזה: אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים
וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי,
נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים:
אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי:
הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח
חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף
רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר
מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ
וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל
כֵּאלֹהִים: אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ
בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ
מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ
שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים
תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים,
וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ.

תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ
בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל,
וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר
שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר,
וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף:
בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ,
וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְהֹוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

# קה.

הוֹדוּ לַיהֹוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהֹוָה: דִּרְשׁוּ יְהֹוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהֹוָה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ:
לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב
גָּר בְּאֶרֶץ־חָם: וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו: הָפַךְ
לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו: שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן
אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ: שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם:
שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ: הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם
לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם: שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם:
אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם: נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ
לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם: אָמַר
וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר: וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם,
וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם: וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם:
וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל: שָׂמַח מִצְרַיִם
בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם: פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר
לָיְלָה: שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָיו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: פָּתַח צוּר
וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ,
אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: וַיּוֹצִיא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו:
וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ
חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ:

# קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן: עַל
עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ: כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ
דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: אֵיךְ נָשִׁיר
אֶת־שִׁיר יְהוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר: אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַםִ עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהֹוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָםִ, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

# קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְּתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעֻזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ: